STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05866

# GEZAMLTE VERK

Joseph Opatoshu

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# געזאַמלטע ווערק

פון

# י. אָפּאַטאָשו

III

ווילנע — 1928

ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין

י. אָפּאַטאָשו

# היברו

(ראָמאַן)

ווילנע — 1928

ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין

PRINTED IN POLAND

J. Opatoszu — „H i b r u“. Romans

Drukarnia „Wyd. Wileńskie“ B. Kleckina, Wilno

# I

זונטיק, פונקט צוועלף אַ זייגער בייטאָג, האָבן די קינדער פון דער „מחזיקי־תורה" זיך גענומען שיטן מיט קולות אויף דער גאַס אַרויס. זייערע עלטערן, מיטגלידער פון דער „קאָנגרעגיישאָן", האָבן געוואַרט אין שול, אין פּאָרהויז, אויף דער וועראַנדע. געהייסן האָט עס — מען איז געקומען געוואויר־ווערן, ווי די קינדער לערנען. אין אמתן אָבער האָט זיך געבענקט נאָך אַ היימיש וואָרט, זיך געוואָלט אויסטון אויף אַ ווײַלע פון דאגת־פּרנסה, פון דער וואָכעדיקייט. דער „שאַפּ", אפילו די שטוב האָט דערעסן — האָבן טייל טאַטעס גענומען דאָס קליינוואַרג פאַר די הענטלעך, אַנדערע האָבן געשטופּט קינדער־וועגעלעך, און מיט אַ רחבות איז מען יעדן זונטיק געקומען אין שול אַרײַן.

די ייִדן, אין שבתדיקע מלבושים, דיקע סיגאַרן אין די מײַלער, זענען געשטאַנען אין קרענצלעך. די רעק פונאַנדערגעקנעפּלט, די דיקע גאָלדענע קייטן האָבן אַראָפּגעבלישטשעט פון די קאָלירטע וועסטן, געמיטלעך געשמועסט, און ווען נישט די סיגאַרן, וואָלט מען געקאָנט מיינען, אַז דאָס כאַפּן ייִדן ערגעץ אין אַ רוסיש שטעטל פאַרן דאַווענען אַ שמועס.

דוד וואַקסמאַן, אַ הויכער דאַרער בחור, אַ לערער, מיט אַ קליין קעפּל אויף אַ לאַנגן, אויסגעבויגענעם האַלז, ווי דאָס קעפּל ביי אַ פידל, איז געשטאַנען מיט נאָך צוויי לערערס, זיך געבויגן פון איינעם צום צווייטן, גלייך די דינע פיס וואָלטן ניט געקאָנט טראָגן דעם הויכן קערפּער. ער האָט זיי דערציילט:

— וואָס זאָגט איר אויף גרינעץ? געקראָגן אַ צענערל אַ הוספה, און דער פּרעזידענט האָט אים אין מיין געגנוואַרט פאַרבעטן צו זיך אויף אָוונטברויט!

— דער יונג האָט מזל! — האָט ראָזען, אַ פאַרשלאָפענער בחור, מיט קליינע אָפּגעגעסענע ציין, ווי ביי אַ שעפס, פון גרויס איבעראַשונג אַריינגעמאַכט די הענט אין די הויזן-קעשענעס און זיך גענומען שיבערן.

— מאַכט נאָר אַ שווייג, — האָט מילער, אַ נידעריקער, מיט שפּיציקע אויגן, וואָס קוקן אין אַלע זייטן, צוגעלייגט אַ האַנט צום מויל — כ'וועל באַלד אונזער פּרינסיפּאַל נעמען אויפן צימבל, אים אַ ביסל די גאַל אָפּדריקן, נאָר זעט, חברה, מאַכט נישט קאַליע!

דער פּרינסיפּאַל (פּאַרוואַלטער), אַן עלטערער בחור, אין אַ גלאַנציקן, אויסגעריבענעם פּראַק, מיט אַ שווערן שטעקן אין דער האַנט, איז פּאַמעלעך אַראָפּ פון די טרעפּ, וואָס האָבן געפירט אין זיין קלאַס אַריין, געוואָלט פאַרבייגיין די לערערס, האָט אים מילער אַ רוף געטאָן:

— מיסטער פרידקין, וואָס זאָגט איר אויף אונזער גרינעץ?

פרידקין האָט זיך אָפּגעשטעלט און אָנגעשטעלט אויף מילערן אַ פּאָר וואַסערדיקע אויגן:

— וואָס מיינט איר?

— כ'מיין, — האָט מילער געשמייכלט — דער פּרעזידענט האָט אים היינט פאַרבעטן אויף אָוונטברויט.

— טאַקע. — האָט פרידקין געמאַכט אַ נאַריש פּנים, ווי ער וואָלט נישט געכאַפּט, וואָס מען דערציילט אים, און איז בלאַס געוואָרן.

ער איז שוין יאָרן געווען פּרינסיפּאַל אין דער תּלמוד-תּורה, פונדעסטוועגן האָט ער תּמיד זיך געשראָקן, מען זאָל אים נישט אָפּזאָגן, און פון דער קלענסטער נאַרישקייט זיך גענומען צום האַרצן. ער איז געווען זיכער, אַז אַלע, סיי די לערערס, סיי דער סעקרעטאַר, סיי דער שמש פאַרגינען אים נישט, גראָבן הינטן אַרום, רעדן אויף אים שלעכטס פאַרן פּרעזידענט, אַנדערש וואָלט דער פּרעזידענט אים שוין לאַנג גענומען פאַר אַן איידעם. ער איז געווען ביי זיך איבערצייגט, אַז מיס שולץ, דעם פּרעזידענטס טאָכטער, האָט אים ליב. אַז ער האָט געהאַלטן אין צוגרייטן איר עלטערן ברודער צו בר-מצוה, איז דאָס מיידל געזעסן ביי דער לעקציע, כלומרשט געלייענט אַ בוך און פון אים קיין אויג נישט אַראָפּגעלאָזט. ער האָט שוין אפילו געהאַט

פאַרפּאַסט אַ ליבע-בריוו צו איר, אים תּמיד אַרומגעטראָגן מיט זיך, קיין מוט אָבער נישט געהאַט אים אַוועקצושיקן. זייער אָפט, ווען ער איז געבליבן אַליין, האָט ער געלייענט דעם בריוו אויפן קול און זיך באַוווּנדערט פאַר דעם שיינעם געדאַנק, וואָס ער האָט דאָרט אויסגע- דריקט. איצט, ווען די חברה האָבן אים דערציילט, אַז גרין איז פאַרבעטן צום פּרעזידענט אויף נאַכטמאָל, האָט ער געפילט, אַז מען האָט אים שוין ווידער אָפּגעטון אַ שפּיצל. זייער נישט השק געהאַט זיך צו טרעפן מיט אים היינט אָוונט ביים פּרעזידענט און זיך אָנגערופן:

– פאַרלאָזט אייך אויף מיר, דער פּרעזידענט וועט אַ מלמד...

פרידקין האָט געזען, ווי גרין קומט אָן, האָט ער אָפּגעהאַקט אין דערמיט און איז אַנטשוויגן געוואָרן.

גרין, אַ הויכער בחור, אַ שוואַרץ-חנעוודיקער, מיט עפּעס הפקרישעס אין זיין פּנים און אין גאַנצן האַלטן זיך, איז אַראָפּ פון די לעצטע דריי טרעפּלעך מיט איין שפּרונג, אַריין צווישן די לערערס, זיך אָנגעשפּאַרט אָן וואַקסמאַנען, וואָס האָט זיך אַ בויג געטון ווי אַ לולב, און זיך פונאַנדערגעלאַכט:

– וואָס זאָגט איר, יידן? דער אַלטער האָט דאָך מיך פאַרבעטן צו זיך!

– איך האָב מורא, ס'שמעקט מיט אַ שידוך – האָט מילער געשאָקלט מיטן קאָפּ און צוצוגעבן די ווערטער מער געוויכט, הינטן אַרום אַ קוועטש געטון צו דער חברה מיט אַן אויג און געוויזן אויף פרידקינען, – דער פּרעזידענט האָט אַ שיינע טאָכטער, מיסטער פרידקין קען זי, פרעגט אים...

– וואָס דאַרף ער אַ מלמד, ווען ער קען קריגן אַ רייכן „ביזנעס- מאַן" פאַר אַן איידעם! – האָט פרידקין אויסגעשאָסן, געקוקט פון איינעם אויפן צווייטן, ווי ער וואָלט געוואָלט וויסן, וואָס פאַר אַן איינדרוק זיין חכמה האָט געמאַכט, און בשעת-מעשה רויט געוואָרן.

– האָט ער דאָך אייך געוואָלט נעמען? – האָט מילער זיך געמאַכט תּמעוואַטע, אַ רוק געטון דעם שטרויענעם קאַפּעליוש און זיך מיט אַמאָל אַ כאַפּ געטון. – אָ, כ'האָב גאָר פאַרגעסן, איר זייט דאָך אַ פּרינסיפּאַל, נישט קיין מלמד!

דער עולם האָט געלאַכט. פרידקין האָט עטוואָס אונטערגעהויבן דעם שטעקן, אָנגעקוקט מילערן. זיין צעקנייטשט פּנים האָט אויסגעזען

טעמפּ, די וואַסערדיקע אויגן האָבן זיך קיין ריר ניט געטון, גלייך זיי וואָלטן געווען אַריינגעשטעלטע, און זיין גאַנצער כעס איז געלעגן אין דער נישט געראַזירטער, צו־ברייטער געמבע. אַלע האָבן געגלויבט, אַז ער קלויבט זיך מילערן אַ קלאַפּ צו טון — איז פונקט דעמאָלט אונטערגעגאַנגען דער סעקרעטאַר, אַ קליין, ציכטיק יידל מיט אַ גלאַ־טיק פנים, רויטע בעקלעך, פון די פנימער, וואָס ס'איז שווער צו זאָגן, צי ס'איז פופציק, צי דרייסיק יאָר אַלט. ער האָט גענומען פרידקינען אונטערן אָרעם:

— קומט, מיסטער פרידקין, מיט מיר! מיר זענען דאָך עלטערע מענטשן! וואָס דאַרפן מיר אויסהערן, ווי די לצים מאַכן פון אונז חוזק!

— פון מיר מאַכט קיינער נישט חוזק! — האָט פרידקין אַ ברום געטון, זיך אויסדרייענדיק צום סעקרעטאַר און ס'האָט אויסגעזען, אַז דעם גאַנצן כעס וועט ער אויסלאָזן צו אים.

— קומט, מיסטער פרידקין, כ'דאַרף מיט אייך עפּעס רעדן!

— אַזוי איז עפּעס אַנדערש! — האָט פרידקין אַ צופרידענער, וואָס דער סעקרעטאַר איז אונטערגעקומען, אַ מאַך געטון צו די לערערס מיט דער האַנט — גוד־באַי!

זיי זענען אַרויס אויף דער גאַס, ס'איז געווען אַ הייסער זומער־טאָג. איבער דער גאַס זענען געווען צעשאָטן יונגעלייט, די העמדער, אָן אַרבל, אַריינגעמאַכט אין די הויזן, און געשפּילט אין „באָל". די האַרטע פּילקעס זענען געפלויגן איבער די קעפּ, אַזש געפייפט. פרידקין איז געווען אש־להבה אויף אַמעריקע, תמיד געטראַכט, אַז ס'לעבן איז דאָ הפקר, אַנדערש וואָלט מען יונגען נישט ערלויבט צו שפּילן אין מיטן גאַס אין „באָל". איצט, גייענדיק מיטן סעקרעטאַר, איז ער געבליבן הינטערשטעליק, מורא געהאַט ער זאָל נישט כאַפּן אַ פּילקע, האַרט ווי אַ שטיין, אין קאָפּ אַריין. ער האָט זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן, דורכגעלאָפן מיט שרעק די גאַס, אַז ער האָט זיך אַזש אָפּגעגאָסן מיט שוייס.

— ווי געפעלן אייך עפּעס אייערע תלמידים? — האָט דער סעקרע־טאַר געוויזן אויף די שפּילערס. — אויסגעוואַקסן תנא־באַרעס, האַ, האַ, האַ!

פרידקין האָט געשמייכלט. כמעט אַלע יונגע־לייט, וואָס האָבן

געשפילט „באַל״, זענען אַמאָל געווען זיינע תּלמידים. ער אַליין האָט זיך קיינמאָל נישט געפרעגט, פאַרוואָס די אַלע יונגע־לייט גריסן זיך נישט צו אים, ווי זיי וואָלטן געווען ווילד־פרעמדע, ווי אַנדערש וואָלט נישט געדאַרפט זיין! ער האָט דאָך מיט זיי געלערנט צו עטלעכע יאָר, צום ערשטן מאָל זיי אָנגעטון תּפילין, זיי געמאַכט פאַר יידן! דאָס אַלס האָט ער זיך נישט געפרעגט. יעדעס מאָל, וואָס ער האָט זיי אָנגעטראָפן, איז אים אויפן זינען געקומען דאָס זעלביקע ווערטל — גדיים נעשו תּישים — זיך תּמיד געוווּנדערט ווי די חברה זענען אויסגעוואַקסן, געטראַכט, אַז זיי פירן זיך שוין מסתּמא מיט מיידלעך, זיך אָפּט געשראָקן, זיי זאָלן זיך נישט אָפּרעכענען מיט אים, און אין האַרצן האָט אים הנאה געטון, וואָס ער האָט זיי אַלעמען געריסן פאַר די אויערן, געפּאַטשט, געהאַקט מיט דער ווירע איבער די הענט און ביי זיי צוגע־נומען יעדעס שפּילצייג.

דער סעקרעטאַר האָט געשטעלט קליינע, ווייכע טריט, ווי אַ קאַץ, ווען זי נעמט זיך גנבענען, געעפנט און צוגעמאַכט בשעת׳ן גיין די פינגער פון דער רעכטער האַנט, געמאַכט גרימאַסן, ווי ער וואָלט מיט זיך אַליין איינגעטענהט. ער האָט גענומען פרידקינען אונטערן אָרעם, מעשה גוטער־ברודער, און אָנגעהויבן:

— מיסטער פרידקין, מיט אַן אמת, זאָגט, ווען עס מאַכט זיך אייך אַזוי אַ גוטער שידוך, כ׳מיין אַ לייטיש, באַלעבאַטיש מיידל, טאַקע מיט נדן, וואָלט איר געטון?

— כ׳וועל אייך זאָגן דעם אמת, האָט פרידקין אָנגעשטעלט די וואַסערדיקע אויגן, שוין חושד געווען דעם סעקרעטאַר, אַז ער גייט אים אָפּטון אַ שפּיצל און געקלערט וואָס צו זאָגן — ס׳איז שווער צו געפינען אין ניו־יאָרק אַ באַלעבאַטיש מיידל, נישט קיין מיאוסע... כ׳ווייס...

— לאָמיך שוין הערן, וואָס ס׳הייסט ביי אייך שיין? — האָט דער סעקרעטאַר אָפּגעשטעלט פרידקינען, זיך צוגעבויגן צו אים, ווי ער וואָלט זיך געקליבן אים אַ סוד איינצורוימען און אים אָנגענומען פאַר אַ קנעפּל פון פראַק, וואָס האָט געהאָנגען אויף צוויי פעדים. — אַז איר אַלע מאַכט אַ ווען פון מיס שולץ, אַ מיידל בלויז הויט אוןביינער, בין איך מער קיין מבין נישט! מיינט נישט, וואָס כ׳בין אַ סעקרעטאַר אין אַ „היברו־סקול״ בין איך אַ פאַנאַטישער מענטש! כ׳בין אַ בוקאָווינער,

און בוקאָווינער, פאַרשטייט איר מיך, זענען מבינים, וואָס ס׳הייסט שיין! כ׳מיין נישט, אַז אַ מיידל דאַרף זיין פעט. ניין, נאָר אַ מיידל דאַרף ראשית זיין, כ׳מיין, אַז מיט אַ הויך זאָלט איר זי נישט קאָנען אָפּשטופּן, אַוועקבלאָזן ווי שפּינוועבס... נעמט, למשל, מיין טאָכטער — אַן אַמעריקאַנער מיידל, קיינמאָל קיין שאָפּ נישט אָנגעזען, ס׳איז דאָ אויף וואָס אַ קוק צו טון, דערצו זענען פאַראַן אַ פּאָר הונדערט טאָלער אויך, רעכן איך אַז פּאַר אייך, אַ רויקן מענטשן...

דער סעקרעטאַר איז מיט אַ מאָל אַנטשוויגן געוואָרן, אונטערגעטראָגן פרידקינען דאָס קנעפל פון פּראַק, וואָס ער האָט אָפּגעדרייט בשעת׳ן ריידן, און שולדיק געשמייכלט.

פרידקין האָט צוגענומען דאָס קנעפל, גאָרנישט געזאָגט, געווונשן דעם גאַליציאַנער אַ וויסט יאָר און זיך געוווּנדערט, ווי ר׳גאָך זיין ווייב קאָן מיט אים שלאָפן, אַז מען פילט אים פון מויל.

זיי האָבן זיך אַריינגעדרייט אין אַ זייטיקער גאַס. דער סעקרעטאַר האָט געוואָלט פאַררעדן פרידקינען, האָט ער אים צוריק גענומען אונטערן אָרעם:

— טענה איך, צו וואָס דאַרפט איר זיין אַ פּרינסיפּאַל אין דער „מחזיקי-תורה״, אַז איר קאָנט לייכט קריגן אַ שטעל אַלס „ראַבאַי״! איר זענט אַ געבילדעטער מענטש,· ר׳קענט די אַלע אַמעריקאַנער „ראַבאַיס״ פאַרשטעקן אין אַרבל! אלא-מה? אין אַמעריקע דאַרף מען קאָנען גיין מיט די עלנבויגנס! די „עלעווייטערס״ קלאַפּן צו הויך, דאַרף מען זיי קענען איבערשרייען, און איר ווייסט דאָך, אַז איך האָב דאָ אַ גרויס באַקאַנטשאַפט... ווו גייט איר? — האָט דער סעקרעטאַר פרידקינען אָפּגעשטעלט און אים געוויזן אויף אַ „טענעמענט״-הויז — אָט דאָ וווין איך!

פרידקין האָט אויסגעשטרעקט די האַנט, זיך געוואָלט געזעגענען, האָט דער סעקרעטאַר אים נישט אָפּגעלאָזט:

— קומט אַרויף, זייט נישט קיין פרעמדער! אַזאַ חמימה, וועלן מיר טון אַ קאַלטן טרונק!

פרידקין איז נאָכגעגאַנגען נישט איילִיק, זיך בשעת מעשה אַ טאָפּ געטון, צי דאָס שניפּסל האָט זיך אים נישט אַראָפּגערוקט, געזען ווי דער סעקרעטאַר שפּרינגט איבער די טרעפּ, פאַרשווינדט ערגעץ אין אַ טיר, איז אים איינגעפאַלן, אַז דאָס איילט ער זיך אָנזאָגן די

שטופּיקע, זיי זאָלן צוראָמען. ער פּירט אַ גאַסט, הייסט, מסתמא, דער טאַכטער זיך איבערטון. זי איז אַ גאַליציאַנערין, אַלע גאַליציאַנער זענען פאַלש, צעגיסן זיך באַלד נאָך דער חתונה. פון גרויס הנאה, וואָס זיין קאָפּ אַרבעט אַזוי גוט, האָט ער זיך עטלעכע מאָל געקלאַפּט אין שטערן און געווען ביי זיך זיכער, אַז ער מוז יעדן מיידל געפעלן.

דערווייל האָט דער סעקרעטאַר ברייט צעעפנט די טיר און געוויזן מיט דער האַנט:

– ביטע, מיסטער פרידקין, קומט אַריין!

דעם סעקרעטאַרס ווייב, אַ פעטע, צעגאָסענע יידענע, וואָס האָט אויסגעזען נישט ווי זיין ווייב, נאָר ווי אַ מוטער, האָט באַגעגנט פרידקינען מיט אַ שמאַלציקן שמייכל און זיך געהאַלטן אין איין ווישן די הענט.

– ווילקאָם – – –

דאָס קליינע מאַנעלע האָט אַ קוק געטון אויפן גרויסן ווייב, ווי ער וואָלט זי געוואָלט אויפעסן, און געהייסן האָט עס, זי זאָל פרידקינען נישט פאַרהאַלטן אין קיך. ביידע האָבן אים אַריינגעבעטן ווייטער דער סעקרעטאַר האָט אים אַריינגעפירט אין זאַל, וווּ אויסגעבעטט מעבל איז געווען באַצויגן מיט גרויע ציכן, עס זאָל נישט באַשטויבט ווערן. אַ מיידל פון אַ יאָר אַכצן, אַ הויכע מיט נישט קיין מיאוס, קינדיש פּנים, געראָטען מער אין דער מאַמען ווי אין טאַטן, איז געזעסן ביי דער פּיאַנאָ און געשפּילט. זי האָט אָנגעשטעלט בשעת־מעשה דאָס שפּיץ־ציינגל דאָ אויף דער רעכטער, דאָ אויף דער לינקער באַק, זיי עטוואָס איינגעצויגן און געווען זייער צופרידן, וואָס זי קאָן מאַכן חן־גריבלעך.

ביי פרידקינס אַריינקום האָט זי אויפגעהערט שפּילן, זיך אויפגעשטעלט, עטוואָס צעעפנט דאָס מויל, געמאַכט מיט דעם שפּיץ־צונג אויף ביידע באַקן, ווי זי וואָלט געגאַגט אַ צוקערל, און געווען גרייט מיט ביידע חן־גריבלעך אַ שמייכל צו טון, ווען דער פאָטער וועט זי פאָרשטעלן.

– מיסטער פרידקין, דער פּרינסיפּאַל פון אונזער סקול, – האָט דער סעקרעטאַר אים פאָרגעשטעלט פאַר דער טאָכטער און זיך געווענדט צו אים — און דאָס איז מיין טאָכטער!

— זייער אַנגענעם! – האָט ס׳מיידל זיס אַ שמייכל געטון, אים

דערלאַנגט אַ ווייכע, וואַרעמע האַנט און אַרויסגערוקט אַ שטול, – ביטע, זיצט!

די מוטער האָט גלייך אַריינגעבראַכט אַ גלעזערנעם קרוג מיט לימאָנאַד, איינגעמאַכטס, פרוכט און אַלע האָבן זיך אַרומגעזעצט אַרום טיש. דער סעקרעטאַר האָט זיך אויסגעטון דעם קאַפעליוש, זיך אָנגעטון אַ זיידענעם קאַפּל און זיך געווענדט צו פרידקינען:

– מיסטער פרידקין, נעמט אַראָפּ דעם הוט, ס'איז צו הייס! איר ווייסט דאָך, אַז כ'בין נישט פאַנאַטיש, ביי מיר איז עס קיין חטא נישט!

פרידקין האָט אַראָפּגענומען דעם קאַפעליוש, אָפּגעווישט מיט אַ טיכל דעם שטערן, זיך אָנגעגאָסן אַ גלאָז וואַסער, אויסגעטרונקען, געפילט, אַז מען האָט דאָ פאַר אים דרך-ארץ, האָט ער זיך ברייט צעלייגט אויף דעם שטול, געקוקט אויפן מיידל און אַרויס געלאָזט אַ מידן געגעץ. ער האָט געזען, ווי דאָס מיידל פאַרלירט זיך פון זיין בליק, האָט ער נאָך דורכדרינגענדיקער אויף איר געקוקט, געטראַכט, אַז אירע האָר זענען נישט קיין יידישע, עפּעס צו העל, ווי געוואַשענער פלאַקס, נאָכלעסיק צוגערוקט צו זיך דאָס טעלערל מיט איינגעמאַכטס און גענומען עסן.

די מוטער האָט באַלד פאַרצויגן אַ שמועס, זיך געקלאָגט אויף דער היץ און ביים צווייטן וואָרט איז זי קונציק איבערגעגאַנגען צום פּרעזידענט פון דער שול.

– אַז גאָט העלפט, מען האָט געלט, ווערט מען שיין, קלוג, און אַז דו ביסט אָרעם, העלפט קיין חכמה נישט! אָט נעמט מיסעס שולץ, אַ נאַרישע יידענע, קען זיך נישט אונטערשרייבן, און אַז גאָט האָט איר געהאָלפן, איז זי געוואָרן אַ גאַנצע ליידי! און ס'טעכטערל? ס'איז דאָך אַזוי שיין, פּונקט ווי איך! און ווי דאָס נעמט זיך איבער, אסור שיפּס טאָכטער! אויסגעדאַרט, אַזש גרין, מיינע אַנטקעגן איר איז דאָך אַ פּרינצעסן...

– נו, נו, – איז דער מאַן געווען צופרידן, וואָס ס'ווייב האָט פאַרפירט דעם שמועס – אייגענע קינדער רימט מען נישט! ביי יעדער מאַמען איז איר קינד ס'שענסטע, ס'קליגסטע...

פרידקין האָט זיך כמעט נישט צוגעהערט, געהאַלטן אין איין עסן איינגעמאַכטס, זיך באַלעקט און געווען זיכער, אַז ס'מוז זיי פאַר-

דריסן, וואָס ער עסט אַלץ אויף. עס האָט זיך דערהערט אַ קלונג. מאַן און ווייב האָבן זיך אַ שטעלאויף געטון, זיך אַנטשולדיקט, און ביידע זענען אַריין אין קיך. פרידקין האָט געטראַכט, אַז דאָס לאָזט מען אים איבער אַליין מיטן מיידל, האָט ער זיך נאָך מער אויסגעלייגט אויף דעם שטול, געגעסן איינגעמאַכטס און געשוויגן. אים איז איינגעפאַלן, אַז די מוטער האָט מיידלוויז געמוזט אויסזען, פונקט ווי די טאָכטער, און אַז די טאָכטער וועט נאָך דער חתונה פונקט זיך אַזוי צעגיסן ווי די מוטער. ער וואָלט קיינמאָל נישט געקאָנט חתונה האָבן מיט אַ גאַלי־ציאַנער מיידל, אַלע גאַליציאַנער זענען פאַלש, רעדן אַזוי צעצויגן, אַנשטאָט פלייש זאָגן זיי פלאַיש, און ער האָט זיך מיט אַמאָל אַליין צעלאַכט.

דאָס מיידל האָט זיך פאַרלוירן, געמיינט, אַז דאָס לאַכט ער פון איר, און אים געפרעגט:

— וואָס איז, מיסטער פרידקין, איר לאַכט פון מיר?

ער האָט אויפגעהערט לאַכן, פאַרקוועטשט די ליפּן, איינגעצויגן די ברייטע, ראַזירטע געמבע מיט אַ בהמהשער צופרידנקייט און זיך איינגעהאַלטן, ער זאָל נישט אַרויספּלאַצן מיט אַ געלעכטער. ער האָט אָפּגעשיילט אַ פּאָמעראַנץ, גענומען אַ פענעצל אין מויל אַריין, עס אויסגענאָגט, אויסגעשפּיגן די הויט אין טעצל אַריין און זי אַ פרעג געטון:

— איר זייט דאָ געבוירן געוואָרן?

— ניין, אין גאַליציע.

— זייט איר אַ גאַליציאַנערין? — האָט ער אַ פאַרוווּנדערטער זיך אַ כאַפּ געטאָן, ווי ער וואָלט עס נישט געוווּסט. — איר זאָגט: גאַין, היגע־דרינע, איטשע מאיער איז געשטאָרבן, האַ, האַ, האַ!

דאָס מיידל איז רויט געוואָרן, נישט געוווּסט וואָס צו ענטפערן און אים אָנגעקוקט ווי אַ משוגענעם. ער האָט זיך באַקוועמער אַריינ־געזעצט אין דעם שטול און ווידער אָנגעהויבן:

איך בין געווען אין גאַליציע, בין דורך דאָרט די גרענעץ. איר ווייסט, אַלע גאַליציאַנער זענען גנבים.

אים האָט שטאַרק הנאה געטון, וואָס דאָס מיידל איז נאָך רויטער געוואָרן און געקלערט וואָס אַזוינס צו זאָגן, עס זאָל איר מער ווי טון. זי האָט זיך אָנגערופן מיט אַ פאַרשטיקט קול, ווי זי וואָלט זיך גע־האַלטן ביים פונאַנדערוויינען:

— ווער איז אייך שולדיק, אַז איר האָט געהאַט צו טון מיט גאַליציאַנער גנבים? ס'איז דאָ אין רוסלאַנד אויך גענוג, פונדעסטוועגן וועט קיינער נישט זאָגן — אַלע רוסישע זענען גנבים!

— פאַרלאָזט זיך אויף מיר, — איז פרידקין געוואָרן ערנסט — אַז איך זאָג, מסתמא ווייס איך! כ'האָב אַליין געלייענט.

— וואָס האָט איר געלייענט? — האָט זי אים איבערגעהאַקט.

— כ'האָב געלייענט, — האָט פרידקין אָנגעהויבן צו שטאַמלען — וואָס דאַרפט איר מער, אפילו אין באָנע-סיירעס, איר ווייסט סיי-ווי-סיי נישט ווו דאָס איז, זענען ניינציק פראָצענט פון די אויסגעלאַסענע פרויען גאַליציאַנער מיידלעך... האַ, וואָס זאָגט איר דערויף?

דאָס מיידל האָט פון באַליידיקונג אַזש געפילט טרערן אין האַלז. זי איז געווען בייז אויפן פאָטער, וואָס ער האָט זי איבערגעלאָזט מיט אַזאַ משוגענעם און געבעטן גאָט, ער זאָל שוין אַוועקגיין. פרידקין ווידער האָט זיך געשמאָלצן פון נחת, וואָס ער האָט זי אַזוי באַליידיקט. לאָז זי וויסן, די גאַליצקע, אַז אַ פרינציפּאַל מיט בילדונג איז נישט אַזוי לייכט צו קריגן, און איר פאָטער, דער שוטה, זאָל נישט מיינען, אַז ס'איז גענוג ער זאָל אים וועלן פאַר אַן איידעם. פרידקין אַליין מוז אויך וועלן! ער האָט זיך מיט אַמאָל אויפגעשטעלט, זיך איבערגעצויגן, זיך געזעגנט מיטן מיידל און שוין געוואָלט אַרויסגיין, איז דער סעקרעטאַר אַריין.

— וואָס איז דאָס געאייל?

— טאַקע, וואָס איז ס'געאייל? — איז די מוטער אָנגעקומען. פרידקין האָט געקלערט אַ ווײַלע, זיך געטראַכט — גאַליציאַנער חזרים, אויף מיטאָג הייסן זיי נישט בלייבן, אַ שאָד אַ פּאָר סענט, ס'וואָלט אַ מצוה געווען אָפּצועסן ביי זיי, טאַקע דערפאַר, וואָס זיי בעטן נישט, זיך געיִשובט און אויסגעשטרעקט אַ האַנט:

— גוד-באַי, מיסטער קליין, כ'בין עפּעס גראָד היינט פאַרנומען!

— זעט-זשע זייט נישט קיין גאַסט! — האָבן אים די עלטערן אַרויסבאַגלייט און געווונקען צו דער טאָכטער, כלומרשט אויף שטום-לשון, אַז פרידקין האָט אַזש געהערט' — וואָס שטייסטו ווי אַ גולם? מען זאגט „קאָל עגען“ (קומט ווידער)!

אַז פֿרידקין האָט פֿאַרמאַכט די טיר, האָבּן די עלטערן זיך אַ שטעל אַוועקגעטון איינער קעגן אַנדערן, פֿאַרבראָכן די הענט, געשאָקלט מיט די קעפּ, ווי אַן אומגליק וואָלט זיי געשען, און צוזאַמען אַרויס־געזעדט:

— אַז זי האָט אים פֿאַרטריבן!

## II

פרידקין איז אַראָפּ אויף דער גאַס, געבליבן אַ ווײַלע שטיין, זיך געצופּט די שטעכיקע האָר פון דער געמבע און געקלערט, צי דאָס מיידל נעפּעלט אים יאָ, צי נישט. ער איז געגאַנגען פּאַמעלעך, זיך געווישט דעם נאַסן שטערן און אין קאָפּ האָט זיך בײַ אים געפּלאָנטערט, אַז מיס קליין איז נישט קיין מיאוסע, האָט עטלעכע הונדערט דאָלאַר און, דער עיקר, איר פּאָטער קאָן אים טאַקע אַרײַנדרייען ערגעץ אין אַ שול אַלס „ראַבאַי". מיט גאַליציאַנער שפּילט מען זיך נישט, די גנבים קאָנען אַלץ! ער האָט זיך דערמאָנט, אַז גרין איז הײַנט פּאַרבעטן צום פּרעזידענט, וועט מסתּמא אויף אים אויסרעדן אַל־דאָס־בייז, איז אים מיט אַמאָל אומעטיק געוואָרן. אים איז אײַנגעפאַלן צו גיין פרי אויף דער לעקציע, אַזוי אַז גרין זאָל נישט האָבן קיין געלעגנהייט צו בלײַבן מיטן פּרעזידענט אַליין. און טאָמער בעט מען אים נישט צו בלײַבן? וועט ער זיך סײַ־ווי־סײַ מיט גרינען אָפּרעכענען. נאָך הײַנט וועט ער אָנשרײַבן צום „ועד־החנוך" (געוויס מיט אַן אַנדער האַנט־שריפט), אַז גרין איז מחלל שבת בפרהסיא, עסט טרפות. פון דעם בלויזן געדאַנק איז אים לײַכטער געוואָרן.

אויף די טראָטואַרן, אין שאָטן, זענען געזעסן מאַמעס, געגעבן צו זויגן די קינדער און ס'האָט זיי נישט געאַרט, וואָס מאַנסבילן גייען פאַרבײַ, קוקן. אַן איטאַליענער האָט זיך אָפּגעשטעלט אין מיטן גאַס מיט אַ פערד און וואָגן, ווו אַ קאַרוסעלע איז געשטאַנען. קינדער אין די בלויזע העמדלעך, די קעפּלעך צעשויבערט, זענען אויסגעוואַקסן ווי פון אונטער

דער ערד אַרויס, געשטופּט דעם איטאַליענער „פּענעס" אין דער האַנט אַריין. ער האָט אַרויסגעזועצט דאָס קליינוואַרג אויף די פּערדלעך, גענומען שפּילן און די נישט אָנגעשמירטע קאַרוסעלע האָט געקרעכצט, ווי אַן אַלטע אויסגעטרוקנטע ראָד ביי אַ שטריקמאַכער.

אַן אויפגערעגטער, וואָס די ווייבער צעלייגן זיך אויף די טראָטואַרן ווי קי, וואָס די קאַרוסעלע גרילצט אין די אויערן, און אפשר דערפאַר וואָס ער איז געווען הונגעריק, איז פרידקין כמעט געלאָפן אַהיים. ער האָט זיך דאָס מאָל נישט באַגריסט מיט זיינע באַלעבאַטים, אַריין צו זיך אין צימער און פאַרמאַכט נאָך זיך די טיר. ער האָט אַראָפּגעוואָרפן דעם ראָק, דעם קאַפּעליוש, דעם קאָלנער, זיך אויסגעצויגן אויפן בעטל, וואָס איז געשטאַנען ביים אָפענעם פענסטער, פאַרוואָרפן די הענט, ווי אַ הרוג, געוואַרט מען זאָל אים רופן עסן און הנאה געהאַט, וואָס אַ ווינטל האָט אים יעדע ווילע אַ גלעט געטון, זיך פאַרגנבעט הינטערן צעקנעפּלטן העמד. ער איז געלעגן מיט פאַרמאַכטע אויגן, זיך פאָרגעשטעלט, ווי ער האָט חתונה פאַר מיס שולץ, דער שווער אַרבעט מעשים, און די שול „מחזיקי-תורה" נעמט אים אויף פאַר „ראַבּאַי". אַלע רופן אים רעווערענד דר. פרידקין! וועט דאָס זיי קרענקען, די מלמדלעך! זיי וועלן שוין מער נישט אָפּלאַכן, יעדער וועט אים באַגעגענען מיט אַ שמייכל, האַלטן פאַר אַ כבוד, אויב ער וועט מיט עמעצן אויסרעדן צוויי ווערטער. נאָר צוליב דעם אַליין, אַז די לערערס, זיינע חברים, זאָלן מער רעספּעקט פאַר אים קריגן, האָט ער געפּלאַנט די גאַנצע חתונה. און אַז ער איז שוין געווען פאַרטיק, געוואָרן „ראַבּאַי", חתונה געהאַט, איז ער אַ ווילע געבליבן ליגן, ווי אין אַ היגערפלעט, נישט געווען צופרידן, וואָס ער האָט אַלץ צוגעפירט צו אַ באַשטימטן פּונקט און געמוזט אויפהערן טראַכטן. ער האָט זיך גענומען שטעלן שוועריקייטן, זיך אַליין אַ פרעג געטון, ווו מען נעמט „היתר-הוראה", ווו קריגט מען דעם טיטל „ראַבּאַי"? ער האָט דאָך קיינמאָל קיין סעמינאַר נישט געענדיקט? האָט ער דאָך אַ חבר גאָלדמאַן, איז ער „רעווערענד" — דר. אין דער שול, „תפארת יעקב" און ער האָט אויך גאָרנישט געענדיקט! קען נאָך ווייניקער פון אים! ס'איז דאָך אַמעריקע...

עס האָט זיך געהערט אַ קלאַפּ אין טיר

— קאַם אין (אַריין)!

די באַלעבאָסטע, אַ פול ווייבל, מיט אַ קלאָרן ווייסן האַלז, האָט געעפנט די טיר, אַריינגעשטעקט דעם קאָפּ און אַ שמייכל געטון:

– מיסטער פרידקין, עסן!

פרידקין איז אַראָפּ פון בעטל, זיך צעגענעצט, געפילט, אַז ער דאַרף זיך נאָר רויק אַוועקלייגן, נאָכאַמאָל אַלץ דורכטראַכטן, וועט ער געוויס עפּעס צוקלערן. ער האָט גענומען פאַרקנעפּלען דאָס העמד, זיך דערמאָנט, אַז דאָס גייט ער עסן מיט סעמין דעם בלעכער, האָט דאָס העמד נאָך מער אויפגעקנעפּלט, נאָכלעסיק אַריין אין דעם צווייטן צימער און זיך אַוועקגעזעצט ביי דעם געגרייטן טיש.

אויבנאָן איז געזעסן דער באַלעבאָס, אַ שווערער יונגערמאַן, מיט אַ קליינעם, ביז אין דער העלפט באַוואַקסענעם שטערן, גרויסע, נישט קיין רירעוודיקע אויגן, און אינגאַנצן האָט דאָס פּנים דערמאָנט עפּעס בהמהשעס. ער איז געזעסן אין אַ בלויז לייבל, געהאַלטן זיין צוויי· יעריקע טאָכטער אויפן שויס און מיט איר צוזאַמען געגעסן פון איין שיסל.

די באַלעבאָסטע, אַ קליינע, אַ קיילעכדיקע, איז געזעסן צווישן מאַן און פרידקינען, יעדע ווײַלע אויפגעשפרונגען ווי אַ פּילקע, עפּעס אַריינגעבראַכט פון דער קיך און אַכטונג געטון, דער מאַן זאָל נישט זאָגן קיין נאַרישקייטן.

זי האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ געבילדעטע, תּמיד געלייענט רוסישע ביכער, געוווסט, אַז סאַשאַ, אַזוי האָט מען איר מאַן גערופן, איז זי נישט ווערט און געחלומט, אַז אַן אינטעליגענט וועט קומען און זיך פאַרליבן אין איר.

אַז פרידקין איז געקומען דינגען דעם צימער, האָט זי אים געלאָזט אַזוי ביליק, אַז זי האָט נאָך דערלייגט צו אים, גערעכנט – אַ געבילדעטער מענטש, וועט זיין מיט וועמען אַ וואָרט אויסצורעדן. פרידקין אָבער איז תּמיד געזעסן ביי זיך אין צימער, געהאַלטן פאַר שלאָסן די טיר, זיך געוויזן בלויז ביים עסן און גערעדט צו איר אין אַזאַ טאָן, ווי ער וואָלט איר נישט נאָר באַצאָלט פאַרן עסן, נאָר אויך פאַרן דערלאַנגען. פון דעם ערשטן טאָג אָן האָט זי אים פיינט געקראָגן. זי האָט נישט געקאָנט הערן, ווי ער שפּרייזט איבער דעם קליינעם צימער שעהן נאָכאַנאַנד, רעדט צו זיך, ווי ער וואָלט געווען פון זינען, און געפילט, אַז אַ שווערער, שלעכטער מענטש האָט זיך אַריינגעריסן

אין איר שטיל לעבן, גיט איר אָנצוהערן אויף טריט און שריט, אַז דאָס וואָס ער וווינט ביי איר, טוט ער איר אַ טובה. זי האָט געליטן, וואָס פֿרידקין באַמערקט זי נישט, הערט זיך נישט איין ווען זי רעדט, שמייכלט פֿון אויבן אַראָפּ, ווי ער וואָלט געזאָגט — רעדט בעסער קיין נאַרישקייטן נישט. זי איז געווען זיכער, אַז זי עקזיסטירט נישט פֿאַר אים, אַנדערש וואָלט ער זיך נישט ערלויבט אַרומצוגיין ביז מיטאָג אין אונטערוועש און צומאָל נישט געהאַלטן פֿאַר נויטיק זיך צו אַנטשולדיקן פֿאַר איר. און וואָס מער פֿרידקין האָט זי נישט באַמערקט, אַלץ מער האָט זי אים פֿיינט געקראָגן און אין דער זעלבער צייט נישט אויפֿגעהערט צו וואַרפֿן זיך אים אין די אויגן, זיך צו פֿאַרלירן אין זיין געגנוואַרט און געווען גליקלעך, אַז ער האָט צו איר אַ וואָרט אויסגערעדט. תּמיד ווען פֿרידקין איז געווען אין שטוב, האָט זי גאָר־נישט געקאָנט טון, זיך קיין אָרט נישט געקאָנט געפֿינען געזעסן אין עס צימער איבער אַ ראָמאַן, כּלומרשט געלייענט און זיך געערגערט צו וואָס זי טוט עס, און פֿונדעסטוועגן האָט זי ביים קלענסטן סקריפּ געפֿילט ווי עס פֿאַרפֿעלט איר אָטעם, געוואַרט פֿרידקין זאָל עפֿענען די טיר, דורכגיין און זען, אַז זי זיצט דאָ נישט צוליב אים. פֿרידקין האָט אַמאָל ביים עסן געלאָזט פֿאַלן אַ וואָרט, אַז ראָמאַנען זענען סחורה פֿאַר ווייבער, אַ מאַן טאָר נישט פֿטרן די צייט איבער אויסגעטראַכטע מעשׂיות, האָט זי אויפֿגעהערט צו לייענען ראָמאַנען, אָנגעהויבן צו נעמען אין דער ביבליאָטעק בלויז וויסנשאַפֿטס־ביכער. גאַנצע אָוונטן איז זי געזעסן איבער אַ בוך אין עסצימער, געוואַרט אויף פֿרידקינען, האָט ער געמעגט קומען ווי שפּעט. ער האָט אָבער קיינמאָל זיך נישט אָפּגעשטעלט מיט איר, אפֿילו זי נישט באַגריסט, זיך תּמיד אַריינגעשאַרט צו זיך אין צימער, ווי אַ שאָטן, און פֿאַרשלאָסן נאָך זיך די טיר.

און אַז פֿרידקין איז שוין געלעגן אין בעטל, געזען, ווי קעגנאיבער אויף דעם מויער, וואָס האָט אַריינגעקוקט אין זיין פֿענסטער, וואַקסט אויס אַ מאַטער רויטלעכער שיין פֿון זיין באַלעבאָסטעס נאַכטלעמפּל, וואָס איז געשטאַנען ביי איר אין שלאָפֿצימער, איז אים עפּעס קשה געוואָרן און ער איז תּמיד איינגעשלאָפֿן מיטן געדאַנק, אַז צווישן אים און דעם רויטלעכן שיין איז דאָ עפּעס אַ שייכות.

איצט, אַז פֿרידקין איז אַריין, האָט ער צוערשט אַ קוק געטון

אויף זיין פּאָרציע פּלייש, דערנאָך באַטראַכט די איבעריקע און מיט אַ זויער פּנים האָט ער זיך גענומען פאַר די אכילה.

– וואָס זאָגט איר נישט, מיסטער פרידקין, צו די גנבים, צו די „סאָקערס״. – האָט סאַשאַ אָנגעהויבן.

– וואָס מיינט איר? – האָט פרידקין געפרעגט, נישט אויפהויבנדיק די אויגן.

– כ׳מיין די „אַרבעטער-רינג״ דאָקטוירים, – האָט סאַשאַ אַריינגעכאַפּט אַ לעפל געקעכץ און זיך געקרעקט – זיי האָבן דאָך מיך אויסגעבראַקירט, האַ, האַ, האַ, נישטאָ ווער ס׳זאָל לאַכן!

דאָ האָט ער אַראָפּגעלאָזט דאָס קינד אויף דער פּאָדלאָגע, זיך אויסגעגלייכט, אויסגעשטרעקט אַ ברוסט, ברייט ווי אַ קאַסטן, גענומען מיט ביידע פויסטן פויקן איבער דער ברוסט, ווי אין אַ באַראַבאַן, און זיך פונאַנדערגעשריגן:

– זיי האָבן אויסגעפונען, די גנבים, אַז איך האָב בראָנקיטעס, האַ, האַ, האַ! כ׳וואָלט זיי אַלעמען, דאַכט זיך, דערהרגעט מיט איין האַנט, ווי כ׳בין אַ ייד, קומען זיי, די קאַנאָוואַלן, און זאָגן, אַז כ׳האָב סוכאָטע, ווי געפעלט אייך אַזאַ מעשה?

דאָס קינד האָט זיך צעוויינט, האָט ער עס גענומען אויף דער האַנט, זיך צוריק אַוועקגעזעצט, אים געגעבן אַן אויסגענאָגטן ביין, ס׳זאָל אַנטשוויגן ווערן, און נישט אויפגעהערט צו רעדן.

– ווייס איך וואָס? אַמעריקאַנער דאָקטוירים! אַ שניידער זאַמלט אַן קישקע-געלט אַ טויזנט דאָלאַר, גייט ער אַוועק אין אַ קאַלעדזש און ווערט אַ דאָקטאָר... כ׳וואָלט געוואָלט, וואָלט איך אויך געקאָנט ווערן אין אַמעריקע אַ דאָקטאָר! כ׳בין אָבער נישט משוגע – קישקע-געלט וועל איך נישט אָפּשפּאָרן! אַ מענטש לעבט נאָר איין מאָל, וויל איך עסן דאָס בעסטע, קומט אַזאַ נישט, ווען איר קוקט דאָס פאַרשווינדל אָן? אַז אַלץ ווערט אין אַמעריקע אַ דאָקטאָר! וואָס זאָל איך אייך זאָגן? כ׳האָב בשעת מעשה אים געוואָלט אַ שווים טון אין פּנים אַריין, וואָלט ער געוווסט וואָס ס׳הייסט בראָנקיטעס, אַ נו יעוואָ ק׳טשאָרטו!

– גענוג, סאַשאַ, גענוג, האָסט זיך שוין צערעדט, ס׳עסן ווערט דאָך דיר קאַלט. – האָט דאָס ווייב אים גענומען איינשטילן, מורא געהאַט, ער זאָל נישט רעדן קיין גראָבע רייד.

– אַ וואָרט לאָזט זי מיך נישט אויסרעדן! – האָט ער געוויזן

מיטן גראָבן פינגער אויפן ווייב און אַריינגערעדט אין פרידקינען, וועלכער האָט זייער געוואָלט מאַן און ווייב זאָלן זיך צעשלאָגן. — ווי זי הערט נאָר, אַז כ׳רעד אויס אַ וואָרט, מיין געלערנטע דאַמע, זי לייקנט דאָך ביי מיר ראָמאַנען, האָט זי מורא, דער מאַן, דער גראָבער יונג, זאָל נישט אויסבלאָזן עפּעס אַ נאַרישקייט! הערסטו, וויערא, — האָט ער זיך אויסגעדרייט צום ווייב אַ צופרידענער, וואָס ער האָט אַוועקגעלייגט אַ ביסל לשון — מיסטער פרידקין איז אַן עדות, אויב דו וועסט זיך מישן אין מיינע געשעפטן, גיי איך אַוועק פון שטוב, ווי כ׳בין אַ ייד!

— גוט, גוט, אַל רייט, — איז וויערא רויט געוואָרן, וואָס דער מאַן מאַכט איר אַזעלכע בזיונות פאַר פרידקינען אין די אויגן — ס׳עסן ווערט דאָך אָבער קאַלט...

— אַז ס׳וועט קאַלט ווערן, קאָן מען אָנוואַרעמען, — האָט סאַשאַ פון זיך געקוואָלן — כ׳קאָן מיר ערלויבן אויסצוברענען נאָך פאַר אַ „קוואָטער" אַ חודש געז (גאַז), כ׳וועל בלייבן דערזעלבער קבצן. וואָס זאָגט איר, מיסטער פרידקין?

— אַוודאי דאַרף אַ ווייב נישט פירן אַ מאַן פאַר דער נאָז. — האָט פרידקין אָנגעבלאָזן אַ פּאָר באַקן און זיך איינגעהאַלטן, ער זאָל זיך נישט צעלאַכן.

— זעסט? — האָט סאַשאַ זיך אויסגעגלייכט אויף דעם שטול און געגלעט דאָס קינד איבערן קעפּל. — איז פרידקין, דאַכט זיך, אַזוי געלערנט ווי דו, האַ? און ער גיט מיר אויך גערעכט. גיי איך ערגעץ מיט איר, האָב איך מורא אַ וואָרט אויסצורעדן. וואָס בין איך עפּעס? אַן אידיאָט? וועסט מיר שוין אָנטון ביים עסן אַ טישטוכל אויפן האַלז, כ׳זאָל זיך נישט איינגעצן, האַ?

עס האָט זיך דערהערט אַ קלונג, סאַשאַ האָט געלאָזט זיצן דאָס קינד אויפן שטול און איז געלאָפן עפענען די טיר. ער איז באַלד צוריק אַריינגעקומען, פירנדיק הינטער זיך אַ יונגנמאַן.

— מיסטער פרידקין, מען פרעגט זיך אויף אייך!

פרידקין איז אויפגעשפרונגען און אַריינגעפירט דעם יונגנמאַן צו זיך אין צימער. סאַשאַ איז אַרומגעגאַנגען איבערן עס־צימער אַן אָנגעבלאָזענער און גערעדט צו זיך:

— ס׳פּאַסט אים נישט, דעם אינטעליגענט, פאַרצושטעלן

אַ מענטשן! כ'וועל אים באַלד דאָ אָפּשפּילן אַ חתונה, וואַרט!

דאָס ווייב האָט געמאַכט גרימאַסן, געוווּנקען ער זאָל שווייגן. אים געוויזן, אַז פרידקין קאָן נאָך הערן.

– כ'וויל ער זאָל הערן! – האָט סאַשאַ נאָך העכער געשריגן. – וואָס מיינט ער? ביימיר איז אַ „באַגאַדיעלנע"? איך בין דאָ באַלע-באָס און אַז ס'קומט עמעצער, פּירט זיך ביי מענטשן... אַ מענטש איז ער? דיינע געבילדעטע מענטשן! פּירט זיך ביי מענטשן, אַז ס'קומט עמעצער שטעלט מען פּאָר, פאַרשטייסט?

גלייך ווי פרידקין איז צוריק אַריין, איז סאַשאַ שטיל געוואָרן. געגומען ענדיקן דעם מיטאָג און אַזוי, כלאחר יד, האָט ער ווייך אַ פרעג געטאָן:

– אויך אַ לערער?

– יעס.

– אין ניו-יאָרק מוזן זיין אַ סך העברעאישע לערערס, האַ?

– נישט צו פאַרזינדיקן.

– איר ווייסט מיסטער פרידקין, – האָט סאַשאַ אַלץ איינייגעם געוואָלט פאַרציען אַ שמועס – איר וועט לאַכן, נאָר כ'בין מער מקנא אַ העברעאישן לערער, ווי אַ דאָקטאָר. איר לערנט אָפּ אייערע דריי, פיר שעה און איר זייט פריי. אַ שאָד, אַ שאָד, כ'האָב אַמאָל גוט געקענט העברעאיש, ווי איר קוקט מיך אָן, געוווּסט גאַנץ „ישעיה" אויף אויסווייניק. באַלד - האָט ער זיך גענומען רייבן דעם שטערן – „בנים גדלתי ורוממתי והם פשעו בי, ידע שור קונהו וחמור אבוס בעליו... הוי גוי חוטא..." נו, וואָס זאָגט איר, אַ גראָבער-יונג בין איך שוין נישט, האַ, האַ, האַ?

פרידקין האָט געשמייכלט, אַריינגעכאַפּט דעם לעצטן לעפל זופּ. געוואַרט אַ ווײַלע, צי מען וועט נאָך עפּעס דערלאַנגען, געזען אין דער באַלעבאָסטעס פּנים, אַז ס'איז מער גאָר נישטאָ, איז ער אַ ביסער אַוועק פון טיש, אַריין צו זיך אין צימער און פאַרמאַכט נאָך זיך די טיר.

ביים טיש איז געזעסן אַ גלאַט-ראַזירטער, שטייפער יונגערמאַן, ווי אַ האָלצענער, און אַריינגעקוקט אין אַן אָפן תנכל, וואָס איז געלעגן אויפן טיש. אַז פרידקין איז צוריק אַריין, האָט דער יונגערמאַן זיך אויסגעדרייט, זיך געווישט דעם שטערן מיט אַן איינגעלייגט פיר-עקיק נאָזטיכל און עטלעכע מאָל איבערגעחזרט:

— אַ היץ! אַ געפערלעכע היץ!

— קריגסט גאָר קיין „וועקיישאַן" (אורלויב) נישט? — האָט פרידקין אים אַ פרעג געטון און זיך בשעת-מעשה געישובט, צי זאָל ער אים מכבד זיין מיט אַ קאַלטן גלאָז לימאָנאַד, וואָס די באַלעבאָסטע האָט שטיין אין אייז-שענקל.

— ווייס איך וואָס? — האָט דער יונגערמאַן אַ צי געטון מיט די אַקסלען. — און ביי אייך אין דער תלמוד-תורה גיט מען?

— מיר וועלן, מסתמא, קריגן אַכט טאָג — האָט פרידקין געענט-פערט, נאָך אַלץ זיך געישובט, צי זאָל ער אים מכבד זיין מיט אַ גלאָז לימאָנאַד, באַשלאָסן, אַז אויב ער וועט זיך נאָך אַמאָל ווישן דעם שטערן, איז ער אים מכבד, און זיך אַוועקגעזעצט אויפן בעטל — נו, וואָס הערט זיך, זיסקינד?

— פרידקין, ס'איז טאַקע אמת, וואָס כ'האָב געהערט?

— וואָס? — האָט פרידקין אויסגעגלאָצט אַ פּאָר אויגן.

— כ'האָב געהערט, אַז די „מחזיקי-תורה" נעמט צו אַ נייעם פּרינסיפּאַל!

פרידקין איז בלאַס געוואָרן.

— טשיקאַווע, ווו האָסטו עס געהערט?

— באַלד, — האָט זיסקינד איינגעצויגן דעם ברייטן שטערן — ווער האָט עס מיר געזאָגט? יע. דער הויכער בחור, וואָס רעדט תמיד העברעאיש, ווי הייסט ער?

— וואַקסמאַן?

— יעס. ער האָט מיר געזאָגט, אַז גרין האַלט ביים אָנקומען אויף דיין פּלאַץ.

— איך ווייס דערוווייל פון גאָרנישט, — האָט פרידקין אַ פּאַר-לוירענער געשמייכלט — כ'האָב היינט דעם פּרעזידענט געזען און ער האָט מיר גאָרנישט געזאָגט. כ'שטיי שוין אויפן פּלאַץ קנאַפּע צען יאָר און אַלע, דוכט זיך, זענען פון מיר צופרידן. נאָר גיי ווייס? אַז זיי פאַרגינען מיר נישט, גראָבן הינטן אַרום! דו ווייסט נישט וועגן וואָס דאָ האַנדלט זיך. גלייך ווי וואַקסמאַן און מילער זענען אָנגעקומען, איז געוואָרן אַ טאַראַראַם — פּאַלעסטינער לערער! זיי זענען פּונקט אַזוי פּאַלעסטינער, ווי דו! ביידע קומען פון סמאַרגאָן, האָבן געשנאָרעט אַ יאָר-אין ירושלים, געלעבט, מסתמא, פון דער „חלוקה" און אַריבערגעקומען

נאָך אַמעריקע אַלס פּאַלעסטינער. איז גלייך ווי זיי זענען אָנגעקומען, האָבן זיי געוואָלט דעם „סיסטעם" איבערמאַכן, לערנען „עברית-בעברית", בין איך, פאַרשטייט זיך, געווען דאַגעגן! נו, קאָנען זיי עס מיר נישט מוחל זיין, די סאַן אָף ע׳גאָנס!

— איך גיב נישט פאַר זייער העברעאיש קיין שניף-טאַבאַק!

— האָט זיסקינד אַמאַך געטון מיט דער האַנט. — גייסט אַמאָל אַריין אין דער „מפיצי"? דאָרט קומען מיידלעך, וואָס רעדן העברעאיש. מען שטיפט, מען פלירטעוועט אויף העברעאיש — אַ מיטל אַ בחור צו קריגן. איינע נעמט אויס מיט אירע חן-גריבלעך, די צווייטע מיט העברעאיש, אָבער אין תוך זענען זיי פלאַך, קענען גאָרנישט, און זייער העברעאיש האָט קיין האַפט נישט. פּונקט אַזוי זענען די פּאַלעסטינער בחורים, וואָס קומען דאָ אַהער! אַז זיי רעדן גאָר תרגום-לשון! אָן געלעכטער, זיי רעדן דאָך תמיד העברעאיש און כ׳האָב נישט געטראָפן איינעם פון זיי, ער זאָל קענען גרונטלעך די שפּראַך, זיי קומען אַהער פאַרטיקע גאונים, די עזות-פנימער, זענען זיך כלומרשט מקריב פאַרן כלל ישראל און אַלע אַרום קוקן אויף די בחורים ווי אויף אידעאַליסטן. כ׳בין פּונקט אַזאַ אידעאַליסט ווי יעדער פון זיי, אלא מה? זיי זענען פאַלש, איינס באיינס היפּאָקריטן! 1) ברויכסט מער, כ׳בין נישט רעליגיעז, לייד איך כאָטש דערפון, כ׳פּיל, אַז אַ מענטש אָן גלויבן איז אַ צעבראָכענע נשמה, און גלויב מיר, נישט איינמאָל טראַכט איך, אַז ס׳איז כדאי אַ מאַך צו טון אויף אַלעם מיט דער האַנט! נו, טאַקע, אַזעלכע מענטשן ווי איך האָבן נישט געטאָרט התונה האָבן, נעמען אויף זיך אַן עול! מיר וועלן אומעטום זיין די „בעק-נאָמבערס" 2). אַ פּנים צו שפּעט געקומען אויף דער וועלט און די איינציקע ישועה איז פּיַלייכט צוריקגיין אין בית-המדרש אַריין! און וויפּיל, מיינסטו, קאָסט מיך געזונט, וואָס כ׳מוז יעדן טאָג לערנען מיט די קינדער דינים פון שלחן ערוך? כ׳קאָן זיך אָבער נישט העלפן, שוויַג איך כאָטש און כ׳וועל קיינמאָל די העזה נישט האָבן אַפילו אַ טראַכט צו טון, אַז כ׳בין זיך מקריב פאַרן כלל ישראל!

1) צבועקעס.

2) די לעצטע אין שורה.

אָבער די פּאַלעסטינער חברה טוען דאָך כּל עבירות שבעולם, שוין אָפּגערעדט, וואָס זיי זענען נישט רעליגיעז, דאָס געפיל פעלט זיי לחלוטין נישט, ווייל זיי האָבן עס קיינמאָל נישט געהאַט. גיב זיי ביאַליקס „מרינקה", צי אַן אַנדער מעשה וועגן אַ שיקסע, וועלן זיי דיר אַוועקגעבן דאָס גאַנצע יידישקייט, און אין דער תלמוד תורה ציט יעדער פון זיי אַרויף אויף זיך אַ טלית שכלה תכלת. מען האָט טענות צו אַ מיסיאָנער, אַז ער גלויבט אַליין נישט און פאַר געלט רעדט ער אָן אַ צווייטן צו גלויבן. זיי זענען דען בעסער? נעם, למשל, הגגין! דו קענסט דאָך אים? ווי געפעלט דיר עפּעס דער באָמען? ה-ג-ג-גי! דאָס איז אַ בחור, וואָס רעדט אפילו אויף נבתקהן, נו, פרעג איך דיך, אַז דו זעסט דעם זעלבן הגגין שטייט אין קלאַס און שלאָגט אַ יינגל, פאַרוואָס ער טראָגט נישט קיין אַרבע-כּנפות, טאָ מיט וואָס איז ער בעסער פון אַ מיסיאָנער?

פרידקין איז די גאַנצע צייט געזעסן מיט אַ פּאָר אויסגעגלאָצטע אויגן, געקוקט אויפן חבר און נישט פאַרשטאַנען צו וואָס ער קאָכט זיך. ער האָט געטראַכט, אַז ווער ווייס, טאָמער וועט אים דער פּרעזידענט מיט אַן אמת היינט אָפּזאָגן. און אַן אומבאַהאָלפענער, ווי עס וואָלט אים שוין מאָרגן אויסגעקומען צו גיין איבער די הייזער, איז ער געזעסן אַ דערשלאָגענער אויפן בעטל און אַלץ אין אים האָט זיך געפרעגט: וואָס טוט מען? וואָס טוט מען? אַז ער האָט דערהערט דאָס וואָרט מיסיאָנער, האָט ער אָנגעשפּיצט די אויערן, געוואָלט וויסן וועגן וואָס עס האַנדלט זיך און געקוקט מיט חשד אויף זיסקינדן. נישט איין מאָל שוין, אַז ער האָט געהערט דערציילן, ווי גוט און לייכט עס לעבט זיך אַ מיסיאָנער, האָט זיך תמיד ביי אים טיף אין דער נשמה עפּעס אָנגעצונדן. ער איז אַרומגעגאַנגען מיט אַ פאַרנעפּלטן געדאַנק, אַז מען דאַרף זיך די זאַך אויך קלאָר מאַכן, נאָר ס'זאָל זיין שאַ, שטיל, קיינער דאַרף נישט וויסן, וואָס פרידקין טראַכט. איצט, אַז ער האָט געהערט דאָס וואָרט, האָט ער שוין חושד געווען זיסקינדן, צי וויל ער אים קיין פּיסל נישט אונטערשטעלן.

עס האָט זיך דערהערט אַ קלאַפּ אין טיר.

— קאָם אין!

סאַשאַ האָט אַריינגעשטעקט דעם קאָפּ, אַ שמייכל געטון,

דערנאָך האָט ער אַריינגערוקט אַ האַנט מיט אַן אָפּן פּעקל סי־גאַרעטן:

— איר ווילט אפשר אַ סיגאַרעט?

זיסקינד האָט זיך אַ הויב געטון, געוואָלט נעמען איינעם, האָט סאַשאַ אים פלינק אונטערגעטראָגן דאָס קעסטעלע:

— פּאָזשאַלויסטאַ!

ער האָט אָנגעריבן אַן דער זויל פון שוך אַ שוועבעלע, עס אונטערגעטראָגן זיסקינדן און געוויזן אויף פרידקינען:

— מיסטער פרידקין איז ביי אונז אַ „באַרישניע", ער רויכערט נישט, טרינקט נישט און חאַ, חאַ, חאַ, דערפאַר איז ער מקיים די דריטע מצוה, נישט וואָר?

פרידקין איז נישט געווען צופרידן, וואָס סאַשאַ איז אַריין, אים גאָרנישט געענטפערט און געוואָלט ער זאָל וואָס גיכער אַרויס. סאַשאַ האָט זיך נישט וויסן געמאַכט וואָס זיין „באָרדער" (שכן) איז אין כעס, זיך אָנגעשפּאַרט אַן דער וואַנט, גוט פאַרצויגן, אַן ערנסטער געקוקט מיט איין אויג, ווי דער רויך הויבט זיך איבער זיין קאָפּ, און מיטאַמאָל זיך אַ ווענד געטון צו זיסקינדן:

— איר ווילט אפשר אַ קאַלטן טרונק?

איידער זיסקינד האָט צייט געהאַט אים עפּעס צו ענטפערן, איז סאַשאַ שוין נישט געווען אין צימער.

— דאָס איז דיין באַלעבאָס? — האָט זיסקינד אַ דריי געטון מיטן קאָפּ אין דער ריכטונג ווו סאַשאַ איז אַוועק.

— איך האָב אים נישט ליב, — האָט פרידקין זיך אַ קרום גע־טון — אַ ייד אַ נודניק! ווי ווערט מען פון אים פּטור?

סאַשאַ האָט אַריינגעבראַכט צוויי פלעשלעך ביר, אָנגעגאָסן אין גלעזער, און אַלע דריי האָבן געטרונקען לחיים. סאַשאַ האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפן בעטל, צעשטעלט די פיס, אָנגעשפּאַרט אַן זיי די עלנבויגנס און אָפּגעהוסט:

— אַ גוט גלאָז ביר קאָן מען נאָר קריגן אין בערלין! דורכפאָרנ־דיק נאָך אַמעריקע, האָב איך דאָרט געטרונקען אַ גלאָז ביר. ליגט מיר נאָך דער טעם אין מויל!

— יע, אין בערלין האָבן זיי גוט ביר! — האָט זיסקינד צו־געגעבן.

— און וואָס האָבן זיי נישט? — האָט סאַשאַ זיך אַרויפגע־וואָרפן אויפן ערשטן וואָרט, אַבי צו פאַרציען אַ שמועס. — די דייטשן האָבן אַלץ! יעדע זאַך, וואָס איר קויפט, איז „מייד אין דזשוירמעני".

פרידקין האָט געהאַלטן, אַז אַלץ, וואָס ער עסט און טרינקט דאָ איז געפעלשט, אַז עפל, פּאָמעראַנצן, קאַרטאָפל, אַפילו אַ שטיקל עוף, קיין עסנוואַרג האָט דאָ נישט דעם זעלבן טעם ווי אין דער היים, ווי זיי וואָלטן דאָ געווען נאָכגעמאַכטע, האָט איצט אויך נישט גע־קאָנט פאַרליידן, וואָס מען לויבט עפּעס דייטשס ביר און זיך אָנגע־רופן:

— און וואָס איז דער מער מיט אַ היימיש גלעזל ביר? כ'מיין דאָס שוואַרצע ביר? ס'איז אַזוי געדיכט און קרעפטיק, אַז דער טעם ליגט מיר נאָך אין מויל!

— ווייס איך וואָס! — האָט סאַשאַ מיט אַ צי פון דער האַנט מבטל געמאַכט פרידקינס רייד. — וואָס אַ שטעטל אין דייטשלאַנד פאַרברויכט ביר אין איין טאָג, פאַרברויכט נישט אַ גאַנצע רוסישע גו־בערניע אין אַ וואָך.

סאַשאַ האָט זיך קוים פונאַנדערגערעדט, געפילט אַז ער האָט שוין איינגעפעדמט, האָט פונקט דעמאָלט וויעראַ אַריינגעשטעקט דעם קאָפּ אין דער צעעפנטער טיר און איז רויט געוואָרן:

— סאַשאַ, איך דאַרף דיך!

— צו וואָס? — האָט סאַשאַ זיך אַ בייזער געטון, געוווּסט, אַז דאָס ווייב פאַרגינט אים נישט, וואָס ער רעדט מיט אַ מענטשן, און זיך נישט גערירט פון אָרט.

— קום אַהער וועל איך דיר זאָגן — האָט וויעראַ געשמייכלט.

— זאָג, אייגענע מענטשן, מעגן זיי הערן!

— ס'איז אַ סוד, — האָט וויעראַ זיך פאַרלוירן - קום שוין, וואָס זיצטו?

אַז ביידע זענען אַרויס, האָט זיסקינד זיך אויפגעשטעלט.

— גייסט שוין, — האָט פרידקין אים געפרעגט — וואָס איז דאָס געצאייל? ס'איז דאָך היינט זונטיק!

— מיינע וואָרט מסתמא אויף מיר מיט מיטאָג, — האָט זיסקינד געענטפערט — כ'האָב איר געזאָגט, אַז כ'גיי דאָ אַהער.

— פונדעסטוועגן, פרידקין, דאַרפסטו דיר נישט נעמען צום האַרצן. ראשית האָב איך מורא, אַז די גאַנצע מעשה מיטן פּרינסי-פּאַל איז אַ ליגן, און אויב עס זאָל יאָ זיין אמת, איז אויך נישט קיין געפאַר. אַ שיינער תכלית פאַר אַזעלכע מענטשן ווי מיר צו זיין „היברו טיטשערס" 1). ס'זענען פאַראַן טויזנט אַנדערע זאַכן, וווּ מען קאָן זיך מאַכן אַ שטיל, שיין לעבן, מען דאַרף נאָר אַ זוך טון! צו די גרויסע שכירות, וואָס מיר קריגן, קען זיך דאָך אַ „היברו טיטשער" נישט ווייזן אויף דער גאַס. די אייגענע תלמידים, די ממזרים, לאָזן די גאַס נישט דורכגיין. ווו די גייסט און שטייסט, שרייט מען דיר נאָך: רבי! רבי! ווען נישט מיין ווייב, וואָלט איך שוין לאַנג אויפגעגעבן די שיינע פרנסה, ווייסט דאָך אַ יידענע... נו, גוד-באַי! קום היינט אין אָוונט אַריבער צו מיר, וועסט קומען?

— היינט? — האָט פרידקין אַ קלער געטון. - היינט האָב איך דאָך ביים פרעזידענט אַ לעסאָן. גוט, אויב זיי וועלן מיך נישט פאַר-האַלטן, וועל איך קומען.

— אָל-רייט, זע צו קומען. כ'וויל זיך טאַקע דורכשמועסן מיט דיר, — האָט זיסקינד אָנגעטון דעם שטרויענעם קאַפּעליוש און גענומען אַרויסגיין.

פרידקין האָט אים באַגלייט ביז צו דער טיר, זיך איינגעהערט, ווי דער חבר שפּרייזט איבער די טרעפּ, און אַז ער האָט גענומען גיין צוריק צו זיך אין צימער אַריין, איז אים די באַלעבאָסטע אַנט-קעגן געקומען. זיי האָבן זיך אָנגעקוקט, זיך פונאַנדערגעשמייכלט. פרידקין האָט זיך פאַרגעסן, זי אָנגענומען פאַר אַ האַנט, גלייך אָפּ-געלאָזט. אַ פאַרלוירענער האָט ער זיך אַרומגעקוקט, צי סאַשאַ זעט נישט, און איז אַריין צו זיך אין צימער.

---

1) העברעישע לערערס.

III

פאַרנאַכט האָט פרידקין אָנגעקלונגען ביים פּרעזידענט. די דינסט, אַ יונגע, פּוילישע שיקסע, וואָס האָט געהאַט אַ טבע נישט צו קוקן אַ מאַנסביל אין די אויגן אַריין, האָט אים געעפנט און ווי תמיד זיך אַנטשולדיקט, וואָס דער תלמיד איז נישטאָ. זי איז צוגעלאָפן צו אַן אָפן פענסטער, וואָס איז געגאַנגען אין גאַס אַריין, אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ און זיך פאַרגאַנגען אין אַ זינגנדיקן קוויטש — הע-רי-י-י! העי-רי-י-יה!

אין קאָרידאָר האָט זיך פרידקין באַגעגנט מיט אַן אַלטן, דאַרן ייד, וואָס האָט געשאַרט מיט די פיס, ווי ער וואָלט גערוקט קלעצ-לעך, געשטעלט דעם שטעקן אויף אַ פּריער און איינגאַנצן האָט ער אויסגעזען, ווי אויסגעקנאָטן פון קיט. פרידקין האָט געוווּסט, אַז דאָס איז אַן עברי-מלמד, לערנט מיטן פּרעזידענטס צוויי קליינע מיידלעך „סידור". דורכגייענדיק האָבן זיך ביידע אָנגעקוקט ווי ביטערע קאָנ-קורענטן. פרידקין האָט זיך געגרויסט, וואָס ער איז דער לערער, און דער אַלטער דער מלמד, און דער אַלטער האָט זיך געטראַכט, אַז ווען די „משומדים" פירן נישט איין צו לערנען אויף ענגליש, וואָלט ער געמאַכט אַ בכבודיק לעבן.

פרידקין איז געשטאַנען אַ ווײַלע אין קאָרידאָר הינטער דער טיר, טאָמער וועט ער עפּעס אונטערהערן, זיך געטאַפּט בשעת-מעשה פאַרן קליינעם קאָלירטן שניפּסל, ווו איין פליגעלע איז אָפּער פון הינטערן קאָלנער און אויסגעזען ווי אַן אויסגעשטאָפּט

פייגעלע. ער האָט געעפנט די טיר, אַריין אין הערריס צימער, זיך
אַוועקגעזעצט לעבן דער אָפענער פיאַנאָ און גענומען די ערשטע טענער
פון „התקוה". פרידקין האָט זיך געטראַכט, אַז דער פיאַנאָ-לערער וואַרט
מסתמא נישט אויפן תלמיד. מענטשן און זאַכן זענען ביי אים געווען
איינגעטיילט אין ראַנגען. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז פיאַנאָ שפילן איז
אַ העכערער ראַנג ווי העברעאיש, במילא, קומט דעם פיאַנאָ-לערער
בעסער צו באַהאַנדלען ווי אים. דערפאַר באַהאַנדלט מען אים בעסער, ווי
דעם אַלטן מלמד, וואָס מוז לערנען מיט די מיידלעך אין קיך.

די טיר האָט זיך אויפגעפראַלט, און הערריס איז געבליבן שטיין
אַ צעפלאַמטער, מיט דער הענטשקע אין דער האַנט. ער האָט
זיך געווישט מיט די אויסגעשמירטע הענט דאָס פאַרשוויצטע פנים,
איבערגעלאָזט פלעקן, ווו ער האָט זיך נאָר צוגעריבן, זיך איבערגע-
צויגן, זיך געקרימט און מען האָט געזען, אַז ער האָט גאָר קיין חשק
נישט צו גיין לערנען.

— קאָם אַן! קאָם אַן! — האָט פרידקין אַ ברום געטון און גענומען
זוכן דעם תלמידס ביכער.

— אַז איך האָב נישט פאַרטיק געמאַכט דעם לעסאָן (לעקציע) ?! —
האָט הערריס אויפגעהויבן די אַקסלען, געמאַכט אַ נעבעך פנימל און
נאַריש געשמייכלט.

פרידקין האָט נישט געוווסט וואָס צו טון. זאָל ער אים באַ-
שטראָפן? האָט ער מורא געהאַט זיך איינצורייסן מיטן תלמיד. וואָס
טוט ער, אַז הערריס וויל מער ביי אים נישט לערנען? זאָל ער אים
פאַרשוויגן? האָט ער ווידער זיך געשראָקן פאַרן פרעזידענט. ער ווייסט
זען, אַז הערריס האָט ביי אים קיין פעולה נישט געהאַט, וועט ער
אים אַוועקגעבן צו אַ צווייטן. פרידקין האָט געפילט, אַז איצט איז
נישט די צייט צו מאַכן מיטן תלמיד אַ חתונה. ער האָט אויפגעמישט
אַ „סדרה" אין חומש, וואָס הערריס האָט כמעט געקענט אויף אויסווייניק,
און זיך געטראַכט, אַז טאָמער וועט דער פאָטער אַריינקוקן, לאָז ער
כאָטש זען, ווי זיין תכשיט „זאָגט ווי אַ וואַסער". ער האָט זיך נישט
איינגעהערט ווי דער תלמיד זאָגט, געוואָלט די שעה זאָל וואָס גיכער
אַריבער, זייער קיין חשק נישט געהאַט דער פרעזידענט זאָל אים פאַר-
האַלטן, נישט געוואָלט זיך טרעפן מיט גרינען און מיס שולצס
געגנוואַרט און מיטאַמאָל זיך אַ פרעג געטון ביי הערריסן:

— דער פּאַ איז אין שטוב ?

הערריי האָט נישט אויפגעהויבן די אויגן פון חומש און מיטן זעלביקן ניגון געענטפערט :

— ר׳איז דאָ. ס׳איז דאָרט אויך דאָ אַ לערער פון אייער „היברו״, כ׳האָב פאַרגעסן ווי ער הייסט — —

— גרין ? — האָט פרידקין אים אַרויסגעהאָלפן.

— יעס, גרין — האָט הערריי אויפגעהויבן דעם קאָפּ, געשמייכלט מיט אַ צעעפנט מויל, ווי ס׳וואָלט אים הנאה געטון, וואָס דער לערער האָט געטראָפן.

— נו, קאַם אָן ! — האָט פרידקין אים אונטערגערוקט דעם חומש. הערריי האָט געזאָגט מיט אַ פול מויל, פאַרטייטשט די ווערטער אויף ענגליש, באַמערקט, אַז פרידקין הערט זיך נישט איין, האָט ער אָנגעהויבן צו היפּערן, געקוקט אויפן לערער מיט איין אויג און יעדע ווײַלע אַ רוק געטון דעם גרויסן ווײַזער פון וועקזייגער, וואָס איז געשטאַנען אויפן טיש.

פרידקין האָט זיך נישט געמאַכט זען, זיך געפילט נערוועז, ווי ער וואָלט געשטאַנען פאַר אַן עקזאַמען, געוואָלט וואָס גיכער זיין אויף דער גאַס און אין דער זעלביקער צייט האָט אים פאַרדראָסן, וואָס גרין פאַרברענגט זיך מיטן פרעזידענטס טאָכטער, און ער מוז דאָ זיצן מיטן „כאַמוליע״.

הערריין האָט דערעסן דער חומש, האָט ער אָנגעהויבן צו זאָגן מיט אַ פאַרשטיקט קול, ווי ער וואָלט מיטאַמאָל הייזעריק געוואָרן, געצויגן די ווערטער אַלץ פּאַמעלעכער, אַנטשוויגן געוואָרן און ווידער אָנגעהויבן צו רוקן די ווײַזערס.

ווען פרידקין וואָלט נישט מורא געהאַט, וואָלט ער דעם יינגל געממיתט, אַזוי אויפגערעגט איז ער געוואָרן. ער האָט זיך איינגע-האַלטן מיט אַלע כוחות און נישט ווילנדיק אים אַ צי געטון פאַר אַן אויער :

— וואָס שפּילסטו זיך, וואָס ?

הערריי איז אויפגעשפּרונגען, זיך געכאַפּט פאַרן אויער, געשריגן, אַז ער וועט בײַ אים מער נישט לערנען, געסטראַשעט, אַז ער גייט דערציילן דעם פאָטער, און געוואָלט אַרויס פון צימער.

פרידקין האָט זיך פאַרלוירן. אַן איבערגעשראָקענער האָט ער

פאַרמאַכט די טיר און אָנגעהויבן אײנצוגעמען דאָס ווילדע יינגל.

הערשי האָט נישט געוואָלט הערן, זיך געהאַלטן פאַרן אויער און אַלץ אינאיינעם געבורטשעט:

– כ'וועל דערציילן דער מאַמע!

פרידקינען האָט באַנג געטון די גאַנצע חתונה. ער איז געשטאַנען איבערן יינגל אַ בלייכער, אַליין נישט געוווּסט, וואָס ער רעדט, און בשעת־מעשה זיך פאַרגעשטעלט, ווי מיסעס שולץ קומט אַריין, צייגט אים הערשיס אויער, אַ רויטס, אַ געשוואָלנס. אין דער טיר שטייט מיס שולץ, מאַכט אַ זויער פּנים, ווי זי וואָלט אַראָפּגעשלונגען אַ שטיקל זייף, און גרין בויגט זיך אינדרייען, לאַכט.

פרידקין האָט געגלעט דעם תּלמיד, אים איבערגעבעטן, צוגעזאָגט אים קיינמאָל נישט צו טשעפּען, און דער קליינער זשוליק, זעענדיק, אַז דער לערער האָט מורא, האָט ער זיך אַלץ מער געריסן. אַ דערשלאָגענער איז ער געשטאַנען איבער הערו־ין, און ווען דאָס יינגל הייסט אים דעמאָלט פאַלן זיך צו די פיס, וואָלט ער עס געטון, אַבי אים איבערצובעטן. ער האָט אים געמוזט צוזאָגן, אַז ער וועט אים אויף מאָרגן גאָרנישט פאַרגעבן, ערשט דעמאָלט איז הערשי צוגעגאַנגען צום טיש. פרידקין האָט געפילט אַ קאַלטן שווייס איבערן גאַנצן לייב און אים איז אייגעפאַלן, אַז ווער ווייס? עס קאָן זיין, אַז אויף דער עלטער וועט ער פונקט אַזוי אויסזען, ווי דער אַלטער מלמד, וועמען ער טרעפט יעדן טאָג אין קאָרידאָר. ער האָט דערזען אין דעם אַלטן מער ווי אַ שברי־כלי — ער האָט אינסטינקטיוו דערזען אין אים זיין אייגן געוויסן.

פרידקין איז געבליבן זיצן אַ בלייכער, מיט אַ פּאָר גרויסע, פאַרוווּנדערטע אויגן און אינגאַנצן האָט ער אויסגעזען, ווי מען וואָלט אים נאָרוואָס אָפּגעמינטערט פון חלשות. ער האָט צוגעמאַכט דעם חומש, אונטערגערוקט הערשין דעם העפט מיטן בלייפעדער און צום פופציקסטן מאָל אים אָנגעהויבן צו דיקטירן אַ „מכתב־ברכה לעת תּקופת־שנה החדשה". מיטן בריוו האָט פרידקין זייער געהאָפט אויסצונעמען ביים פּרעזידענט. הערשי האָט אים שוין באַלד געקענט אויף אויסווייניק, און איידער פרידקין האָט זיך אַרומגעקוקט, האָט ס'יינגל אָנגעשריבן דעם טיטל:

— „לכבוד הורי היקרים, בבות-עיני, חיי-רוחי, לזכרם תאות-נפשי, הלא המה: אבי מורי, יקר-הרוח, איש-תבונות מו"ה ר' חיים נ"י - ואמי מורתי, טובת-הלב, מנשים באהל תבורך, מרת דבורה תחיה".

— פאַרטיק? — האָט פרידקין אַ פרעג געטון, גאָרנישט טראַכטנ-דיק דערביי.

— פאַרטיק — האָט הערשי געענטפערט, געוואַרט פרידקין זאָל אָנהויבן צו דיקטירן, בשעת מעשה פּראַקטיצירט די האַנטשריפט, מאַכנדיק מיט איין צוג פונם בלייפעדער גרויסע רינגגען, ווי אָוואַלן, און אַ פרעג געטון — פאַרוואָס שרייבט מען אין „היברו" אַזאַ לאַנגן טיטל?

פרידקין האָט זיך פאַרטראַכט. ס'איז אים אַליין אויך צום ער-שטן מאָל קשה געוואָרן, צו וואָס מען דאַרף טאַקע אַזאַ לאַנגן טיטל, נישט געוווּסט וואָס צו ענטפערן און זיך אַ בייזער געטון:

— כ'ווייס, קשיות צו פרעגן ביזט אַ בריה; נו, שרייב, באַלע-מוטשע נישט! — און ער האָט אָנגעהויבן צו דיקטירן.

— „הורי-היקרים! הנה השנה הזאת צוללת בתהום-הנשיה, בחיק-העבר" — — פאַרטיק?

— יעס.

— „לא תשוב עוד אלינו. עוד מעט קט נעיף עינינו בה — — —" פאַרטיק?

— מעט-קט. — האָט הערשי איבערגעחזרט.

דער פרעזידענט, אַ ברייטביינינקער ייד מיט אַ גרויליען בערדל, איז אַריינגעקומען אין מיטן דיקטירן. ער האָט געגעבן פרידקינען די האַנט, זיך איינגעקוקט, ווי דאָס זונדל שרייבט, און זיך ווילעריש, מעשה גביר, אַ פרעג געטון:

— נו. האָט ער עפּעס אַ פעולה? אַז דאָס נעמט קיינמאָל קיין ביכל נישט אין דער האַנט אַריין!

פרידקין האָט נאַריש געשמייכלט, געהויבן אַן אַקסל, זיך מיט-אַמאָל אויפגעשטעלט, ווי ס'וואָלט נישט געווען אָנשטענדיק צו זיצן אין דער געגנוואַרט פון אַ ברויטגעבער, און געשטאַמלט:

— יאָ... כ'מיין... ווי דען...

דער פּאָטער האָט אַ קניפּ געטון דעם זונדל אין דער באַק און זיך געווענדט צו פרידקינען:

— ס'וועט זיין געגוג אויף היינט. איר האָט דאָך צייט, מיסטער פרידקין, האַ?

פרידקין האָט געוואָלט זאָגן, אַז ער איז זייער פאַרנומען, מען וואַרט גראָד היינט אויף אים און גלייך געענטפערט:

— געוויס האָב איך צייט!

— טאָ בלייבט אויף אָוונטברויט. גרין איז אויך דאָ.

איידער פרידקין האָט צייט געהאַט עפּעס צו ענטפערן, האָט דער פּרעזידענט אים גענומען אונטערן אָרעם, אים אַריינגעפירט אין דעם „פּאַרלאָר" (זאַל) און אַ זאָג געטאָן אויף ענגליש:

— איך האָב די ערע...

פרידקין האָט זיך פאַרנייגט, רויט געוואָרן, זיך אַוועקגעזעצט אין אַ ווינקל און געפילט, ווי זיינע פּאַפּירן שטייען גוט, אַנדערש וואָלט דער פּרעזידענט אים נישט גענומען אונטערן אָרעם.

מיס שולץ, אַ שוואַרץ מיידל, ווי אַ מולאַטקע, נישט קיין הויכע, די אויבערשטע ליפּ עטוואָס פאַרשאַרצט, ווו עטלעכע ווייסע ציין האָבן אַרויסגעשמייכלט, איז געשטאַנען ביי דער „וויקטראָלע". מיט איין האַנט איז זי יעדע ווייַלע גרייט געווען אָפּצושטעלן דעם „רע־קאָרד", מיט דער צווייטער האָט זי לייכט געמאַכט צום טאַקט, ווי זי וואָלט דיריזשירט, און פון דער זייט געקוקט אויף גרינען.

גרין איז געשטאַנען אין אַ ווינקל, ווי אַ היימישער מענטש, מיט האַלבפאַרמאַכטע אויגן זיך איינגעהערט צו דער מוזיק און מיט אַ טיפן טענאָר געענדיקט צוזאַמען מיטן רעקאָרד:

— פּאַגעליאַ — אַטשי — י — י! פּאַגע — ליאַ — אַטשי!

די מאַדאַם, מיסעס שולץ, מיט אַ קאָפּ צווישן די אַקסלען, ווי זי וואָלט קיין האַלז נישט געהאַט, איז געזעסן אין אַ טיפן וויגשטול, געקוקט אויפן מאַן, וואָס איז געבליבן שטיין אין דער טיר, געקוקט אויף דער טאָכטער, ווי זי פאַרזעצט יעדעס מאָל אַן אַנדערן „רעקאָרד", און זיך געשמאָלצן פון נחת, ווי נישט די „וויקטראָלע" וואָלט גע־שפּילט, נאָר די טאָכטער.

דער פּאָטער האָט אַ ווונק געטון צו דער טאָכטער, מען זאָל

אויפהערן שפילן, און זיך געווענדט מיט אַ שמייכל צו גרינבען, וויזנדיק אויף פרידקינען:

— איר זענט דאָך באַקאַנט?

— ווי דען, ווי דען. — האָבן ביידע גוטמוטיק זיך אַרויסגעכאַפּט. ווי זיי וואָלטן זיך נאָרוואָס דערזען.

דאָס שיקסל האָט אַריינגעבראַכט אַ טאַץ מיט טיי.

— ביטע, רוקט זיך צו צום טיש. — האָט מיסטער שולץ זיך געווענדט צו די געסט און אַליין האָט ער זיך אַוועקגעזעצט אויבנאָן.

פרידקין האָט באַמערקט, ווי גרין האַלט זיך פריי, האָט ער אים מקנא געווען און אין דער זעלביקער צייט געהאַט פאַריבל אויף אים. ער האָט זיך געטראַכט — מיר ווייסן דאָך, וואָס פאַר אַ פאַרשוין דו ביסט, נישט מער ווי אַ „היברו-טיטשער" און אַז אַ ייד אַ גביר פאַרבעט דיך צו זיך אין שטוב אַריין, טאָ וואָס מאַכסטו הינטישע שטיק?

די מאַדאַם האָט אויסגעשטעלט די טיי מיט דעם איינגעמאַכטס. פרידקין איז כלומרשט געזעסן אַ גלייכגילטיקער, כלאחר-יד עפּעס אַ פרעג געטון גרינבען און געציטערט, מען זאָל אים נישט פאַרטיילן. דער בעל-הבית האָט זיך ברייט צעזעצט. אַ זופּ געטון די הייסע טיי, זיך באַלעקט און זיך געווענדט צו פרידקינען:

— כ'האָב נאָרוואָס גערעדט מיט מיסטער גרינבען, ס'מוז דאָך עפּעס זיין, וואָס דער עולם איז אַזוי שטאַרק נישט צופרידן מיט אונזער „היברו"? 1) כ'מיין, חס וחלילה, נישט צו באַשולדיקן די לערערס, כ'וויל מיר זאָלן זיך דורכשמועסן, אפשר וועלן מיר געפינען עפּעס אויסצובעסערן! נו טאַקע, אַז אַ ייִנגל גייט אָפּ דריי, פיר יאָר און קען גאָרנישט — איז עס אַן עולה!

בשעת דער פּרעזידענט האָט גערעדט, איז פרידקין געזעסן אַ בלאַסער, געהערט ווי דאָס אייגענע האַרץ קלאַפּט ביי אים און גע-האַט דעם געפיל, ווי מען וואָלט אים פאַרנאַרט מיט גוטע רייד, מיט כבוד, ווי מען פאַרנאַרט אַ הונט, אַבי מען זאָל אים דערנאָך קאָנען

1) „היברו" — העברעאישע, „היברו-סקול" — העברעאישע שול.

טון אַ בריק מיטן פוס. ער איז געווען זיכער, אַז אין געגנוואַרט פון אַלע, וואָס אַרום טיש, וועט אים דער פּרעזידענט זאָגן, אַז ער מעג זיך זוכן אַן אַנדער שטעלע. ער האָט זיך געכאַפּט, ווען דער פּרעזידענט האָט אָפּגערעדט, אַז אַלעמענס אויגן קריכן איבער אים און ער האָט אָנגעהויבן צו שטאַמלען:

— מיר שיינט, אַז אונזער „היבּרו" איז פּונקט אַזוי גוט, ווי אַלע אַנדערע אין ניו־יאָרק, אין פיל פּרטים איז זי נאָך בּעסער, ווייל...

ער האָט בּאַמערקט ווי גרין שמייכלט, ווי ער וואָלט מיטן שמייכל אים אינגאַנצן געוואָלט מבטל מאַכן, האָט ער זיך פאַרלוירן, אַ זופּ געטון די טיי און איידער ער האָט צייט געהאַט צו ענדיקן, האָט אים גרין איבּערגעהאַקט:

— מיסטער פרידקין, דאַרף איך דען אייך דערציילן, אַז קיין איין ייִנגל האָט נישט ליבּ אונזער תּלמוד־תּורה? און ווייסט איר פאַרוואָס דאָס איז? ווייל ס'פעלט בּיי די קינדער ליבּע צו אונזער „סקול", און דאָס דאַרפן די לערערס איינפלאַנצן אין זיי! איצט ווי די „סקול" ווערט געפירט, איז עס אַן אוממעגלעכע זאַך! פאַרקערט, איך האַלט, אַז די „סקול" דערווייטערט די קינדער פון די עלטערן! די קינדער שעמען זיך מיט ייִדיש, הערן זיי אַ וואָרט ייִדיש, לאַכט מען אין די פויסטן, ווי זיי וואָלטן געהערט כינעזיש רעדן. ס'איז דאָך מערקווירדיק, — האָט גרין זיך אַ הויב געטאָן, נעענטער צוגערוקט די שטול צום טיש און אויסגעזען, אַז ער קלויבט זיך אַוועקצולייגן אַ לאַנגע דרשה — יעדעס ייִנגל, כמעט אָן אויסנאַמען, מאַכט דעם אָנשטעל, אַז זיין מוטער קען נישט קיין ייִדיש, אַז זי איז אַ געבּאָרענע „יענקי". און מאַכט זיך אַמאָל, מען דאַרף רופן אַ ייִנגלס אַ מוטער אין „סקול" אַריין, ווערט ער אַ פאַרציטערטער, שעמט זיך פאַר די חברים — דען ס'קומט אַ פּשוטע ייִדענע, פיל מאָל נאָך אין אַ שייטל. איך בּין איבּערצייגט, אַז די אַלע תּלמוד־תּורות, אָדער ווי איר רופט „היבּרוס", נישט נאָר זיי דערנענטערן, נאָר רייסן נאָך איבּער דאָס לעצטע שטריקל, וואָס בּינדט צונויף די קינדער מיט די עלטערן!

— טאָ וואָס ווילט איר, מען זאָל לערנען ז ש אַ ר ג אָ ן? — האָט פרידקין זיך געוואָלט פונאַנדערלאַכן, זיך דערמאָנט, אַז ער זיצט בּיים פּרעזידענט און זיך איינגעהאַלטן.

— ס'וואָלט גאָר קיין עולה נישט געווען, — האָט גרין אַן ערנסטער

געענטפערט – כ'ווייס, אַז מיין פּלאַן וועט נישט אָנגענומען ווערן. אַלע וועלן זיין קעגן מיר – די באַלעבאַטים פון דער סקול, די לערערס און אפילו דער פּרעזידענט אַליין, – האָט ער מיט אַ שמייכל געוויזן אויף מיסטער שולצן.

מיס שולץ, וואָס איז די גאַנצע צייט געזעסן און געקוקט גרינגען אין מויל אַריין, האָט געפונען פאַר נויטיק אים צו טרייסטן:

– דער פּאַ וועט נישט זיין דאַקעגן, וואָהר פּאַ? – האָט זי מיט אַ פינגער אָנגערירט דעם פאָטערס האַנט.

מיסטער שולץ האָט אַ שמייכל געטון צו דער טאָכטער, געמאַכט אַן ערנסט פּנים און אָפּגעהוסט:

– כ'וועל אייך זאָגן, מען דאַרף די זאַך גוט איבערקלערן, ס'בעסטע וואָלט געווען מען זאָל פאַררופן אַ „מיטינג"...

– פאַררופט טאַקע! – האָט זיך גרין אָנגערופן.

– מען דאַרף רופן דעם „ועד החנוך", – האָט דער פּרעזידענט גענומען ציילן אויף די פינגער – די דירעקטאָרן, אַלע לערערס און גוט דורכשמועסן די זאַך... אַן געלעכטער, אויב ס'איז אמת, וואָס מיסטער גרין זאָגט, אַז מיר האָדעווען גוים, – האָט זיך שולץ צעלאַכט – זענען מיר, מיט אַן אמת, אַלע ווערט שמיץ!

– ווען רעכנט איר צו רופן דעם „מיטינג"? – האָט פרידקין זיך געפרעגט, אַבי אַריינצוואַרפן אַ וואָרט.

ווען? – האָט זיך מיסטער שולץ פאַרטראַכט. – כ'מיין מיטוואָך, האַ?

– אָל-רייט!

– דבורהלה, – האָט זיך מיסטער שולץ אַ קער געטון צום ווייב – מיר וועלן אפשר עפּעס איבערבייסן?

– מיר גייען שוין עסן, – האָט ס'ווייב גוטמוטיק צעשפּרייט די הענט און געזאָגט צו דער טאָכטער – בעסי, גרייט צום טיש!

בעסי, ווי זי וואָלט נאָר געוואַרט דערויף, איז אַריין אין צווייטן צימער, געקלימפּערט מיט גאָפּל-מעסער, און איידער מיסטער שולץ האָט צייט געהאַט מכבד צו זיין זיינע געסט מיט סיגאַרן, איז בעסי שוין צוריק געשטאַנען אין דער טיר, געשמייכלט מיט די ווייסע ציין, וואָס האָבן אַפּ.רגעקוקט פון אונטער דער פאַרשאַרצטער ליפּ, געהאַט צוזאָגן – בין איך נישט קיין בריה?

— מען קאָן שוין גיין עסן.

אַלע זענען אַריין אין עסצימער, זיך צעזעצט בײַ אַ געגרייטן טיש. דער עולם האָט געשמאַק געגעסן, גערעדט וועגן היימישע מאַכלים. מיסטער שולץ, פרידקין, גרין — יעדער איז געקומען פון אַן אַנדער געגנט, גערימט זיינע אייגענע מאכלים.

פרידקין איז געוואָרן נאָך אַ גלעזל ווײַן אַביסל אויפגערוימט און מיט אַמאָל זיך אַ פרעג געטון בײַ גרינען:

— איר זייט דאָך אַ פּוילישער?

— יע.

— עסט איר דאָך פיש מיט צוקער! — איז פרידקין זיך פאַרגאַנגען מיט אַ דין געלעכטער, אַז טרערן האָבן זיך אַזש בײַ אים באַוויזן אין די אויגן.

ער האָט בשעת מעשה געמאַכט אַזאַ נאַרישע מינע, ווי גרין וואָלט נישט געגעסן פיש מיט צוקער, נאָר פליגן.

דער עולם האָט זיך איבערגעקוקט, געהויבן מיט די אַקסלען. האָט פרידקין זיך פאַרלוירן, געפילט, אַז ער האָט געזאָגט אַ נאַרשיקייט און געבליבן זיצן מיט אַ פּאָר אָפּגעבליאַקעוועטע אויגן, ווי אַ קורצזיכטיקער, ווען ער טוט אויס די ברילן.

— און אַ הערינג אין טשאָלנט איז געשמאַקער? — האָט דער באַלעבאָס געשמייכלט צו פרידקינען.

— בײַ אונז אין דער ליטא עסן דאָך דאָס אַלע! — האָט פרידקין געענטפערט און זיך איינגעהאַלטן נישט צו לאַכן — אָבער פיש מיט צוקער...

— עסן אַלע אין פּוילן פיש מיט צוקער, — האָט בעסי זיך אָנגערופן.

— דאָס זאָג איך דאָך! — האָט פרידקין זיך מער נישט געקאָנט איינהאַלטן און אַ שפּריץ געטון מיט אַ געלעכטער אין זיין גלאָז מיט ווײַן, אַז ער האָט באַשפּריצט דאָס גאַנצע טישטוך.

דער עולם האָט גענומען צו ביסלעך ווײַן, געוואָרן אויפגערוימט, געפילט, אַז ס'איז דאָ פון וועמען צו מאַכן שפּאַס און זיך איבערגעקוקט.

הערריי איז אַריין, זיך אַוועקגעזעצט בײַם טיש, גענומען עסן און געקוקט מיט אַן אויגל אויף פרידקינען. פרידקין האָט זיך געשראָקען, דער תלמיד זאָל אַמאָל נישט דערציילן, אַז ער האָט אים

געצויגן פאַר אַן אויער. און יעדעס מאָל, וואָס הערריי האָט זיך אַ דריי געטון צו דער מוטער, אין פרידקינען הייס געוואָרען ביים האַרץ, געמיינט אַז אָט דערציילט ער. איצט האָט פרידקין, נאָך מער ווי פריער, זיך נישט געוואָלט וואַרפן קיינעם אין די אויגן, זיך איינגעקאָרטשעט, געבליבן זיצן כּמעט אָן אַ זייט. אַלץ אין אים האָט זיך געבעטן, דער עולם זאָל אים נישט באַמערקן, און אין דער זעלביקער צייט האָט אים פאַרדראָסן, וואָס גרין פילט זיך אַזוי היימיש, טרינקט זיך געמיטליך ווייַן. אויף צו להכעיס און אויס מורא, אַז גרין זאָל נישט דערציילן, ווי דערשלאָגן ער האָט זיך געפילט ביים פּרעזידענט, האָט פרידקין פאַרגעסן, אַז ער ליידט פון דיספּעפּסיע און אָנגעהויבן צו טרינקען אַ גלעזל נאָך אַ גלעזל.

— אַז בחורים ווילן היינט נישט חתונה האָבן, — האָט מיסעס שולץ אָנגעהויבן — אָט איז מיסטער פרידקין נאָך אַ בחור!

— איר האָט דען פאַר מיר אַ שידוך? — האָט פרידקין אָנגעשטעלט זיינע אויגן, וואָס זענען געווען פאַרלאָפן ווי מיט טראָן.

— ווען כ'ווייס, אַז איר האַלט דערביי, — האָט מיסעס שולץ געצויגן די ווערטער — וואָלט זיך שוין געפונען אַ שידוך!

— אַוודאי האַלט איך! — האָט פרידקין ווילעריש אַ זאָג געטון, געפילט, אַז מען מאַכט פון אים חוזק, זיך אָבער נישט פאַרלוירן און דערזופּט זיין גלעזל ווייַן. — ווען איר האָט פאַר מיר עפּעס אַ לייטישן שידוך, וואָלט איך געטון.

— געלט ווילט איר דאָך נישט? — האָט די באַלעבאָסטע געשמייכלט, זיך בשעת־מעשה איבערגעקוקט מיט די אַרומיקע, זיך כּמעט געבעטן ביי זיי: לאַכט נישט, איר וועט אַלץ קאַליע מאַכן.

פרידקין האָט זיך אַליין געוווּנדערט, ווי פריי ער האַלט זיך, ווי די שרייפלעך ביי אים אין מויל וואָלטן לויז געוואָרן. ס'האָט אים מער נישט געאַרט וואָס מען לאַכט פון אים. דער ווייַן האָט אים אַזוי צעוואַרעמט, צענומען, און ער האָט זייער געוואָלט זאָגן עפּעס אַזאַ נאַרישקייט, אַז דאָס טעכטערל זאָל זיך פאַרלירן, אַוועקלויפן פון טיש, און דער עולם זאָל זיך קייקלען פון געלעכטער. ער האָט

געמאַכט אַן ערנסט פּנים, איינגעצויגן די געמבּע, זיך אַ ווײַלע פאַר־טראַכט איבער דער באַלעבאָסטעס לעצטע פראַגע און מיט אַ ישוב־הדעת געענטפערט:

— ווען איר האָט אַ שידוך מיט געלט איז דאָך אַוודאי גוט, נאָר אויב אָן געלט, איז אויך קיין מניעה, דער עיקר, זי זאָל מיר געפעלן!

— און וואָס גוסטירט איר בעסער? — האָט מיס שולץ אים געפרעגט און איז רויט געוואָרן. — און בלאָנדע?

ער האָט זי אָנגעקוקט מיט די שמאַלציקע אויגן, אַז דאָס מיידל האָט זיך אַזש פאַרשעמט, און געענטפערט:

— כ׳גלייך נישט (כ׳ליב נישט) קיין בלאָנדע.

— בין איך דאָך אַ ברונעטקע! — האָט מיס שולץ אַ כאַפּ געטון די האַנט צום מויל, ווי זי וואָלט זיך אָפּגעבריט, זיך צעלאַכט און פאַרשעמט באַהאַלטן ס׳פּנים אין די הענט.

— איר זייט נישט קיין ברונעטקע! — האָט פרידקין אַ צופרי־דענער געשמייכלט.

— וואָס דען בין איך? — האָט ס׳מיידל געעפּענט אַ פּאָר אויגן און אינסטינקטיוו געפילט, אַז דער „היברו־טיטשער" וועט זי באַליידיקן.

— איר זענט... איר זענט...

די צונג האָט זיך ביי פרידקינען גענומען וואַקלען, ווי ביי אַ שיכור, די אויגן פאַרצויגענע האָבן, דאַכט זיך, גאָרנישט געזען. ער האָט זיך אַ רוק געטון מיט דעם שטול נענטער צום מיידל, אָנגעכאַפּט אירס אַ האַנט און געפּלאַפּלט:

— איר זענט נישט בלאָנד. איר זענט... איר זענט... וואָס זענט איר? איר מיינט איך בין שיכור? אסור! איר זענט נישט בלאָנד. וואָס זענט איר? אַ כלה־מיידל? האַ, האַ, האַ!

ער האָט זיך אַ בויג געטון צו איר און ס׳האָט אויסגעזען, ער גייט איר אַ קוש טון. מיס שולץ האָט זיך אַ ריס געטון פון אים, מיט אַ קוויטש זיך באַהאַלטן הינטער דער „וויקטראָלע" און אַ פאַרלוירענע געקוקט צום עולם.

— וואָס שרייסטו, ווילדע ציג? — האָט מיסטער שולץ אַ זאָג געטון צו דער טאָכטער. — גיב אַריין אַביסל סעלצער, דער ווייַן האָט אים, מסתמא, פאַרשאַדט!

ער איז צוגעגאַנגען צו פרידקינען:

— איר ווילט זיך אפשר צושפּאַרן?

— איך בין נישט שיכור! — איז פרידקין אויפגעשפּרונגען, זיך געישובט, צו זאָל ער אים אַרומכאַפּן, קושן, געפילט, אַז ער האָט ווייניק קוראַזש און טעמפּ זיך צוריק אַראָפּגעלאָזט אויף דעם שטול.

מיסטער שולץ האָט אים גאָרנישט געענטפערט, זיך צוגעלייגט אַ פינגער צום שטערן, געצייגט גרינגען, אַז פרידקין איז באַקנאַקט, און איז אַריין אין זאַל. גרין איז אים נאָכגעגאַנגען. פרידקין האָט אויסגעטרונקען אַ גלאָז סעלצער, געפילט, אַז ער איז דאָ אַן איבעריקער, אַז אַלע וואַרטן, ער זאָל וואָס גיכער אַוועקגיין, און זיך געטראַכט, זיי אויף צו פלאַצעניש וועט ער בלייבן. ער איז געבליבן זיצן איינער אַליין ביים טיש, געקוקט, ווי דאָס שיקסל נעמט אַראָפּ דאָס געפעס, און אַ שווערער אומעט איז אים באַפאַלן. ער האָט זיך דערמאָנט אָן דעם אַלטן מלמד, וואָס לערנט „עברי” אין קיד, און ער האָט זיך אויפגעשטעלט. ער האָט געוואָלט אַרויס אָן אַ גוטע נאַכט, די מורא אָבער, אַז מען קאָן אים מאָרגן אָפּזאָגן פון דער שטעלע, האָט אים געשלעפּט צום זאַל. ער האָט אַריינגעשטעקט דעם קאָפּ, געזען, ווי אַלע זיצן און מיט אַ הוילקייט ביים האַרץ, ווי ער וואָלט שוין עטלעכע טעג נישט געגעסן, האָט ער זיך געזעגנט:

— אַ גוטע נאַכט!

— נו, ווי פילט איר? לייכטער אַ ביסל? — האָט דער באַלעבאָס זיך אויפגעשטעלט. — וואָס איילט איר זיך? פאַרברענגט נאָך מיט אונז!

— ס'טוט מיר זייער לייד, — האָט פרידקין זיך געהאַלטן אין איין נייגן — כ'מוז גיין! אַ גוטע נאַכט!

— אַ גוטע נאַכט!

ביים אַרויסגאַנג האָט פרידקין זיך אָן עפּעס דערמאָנט, צוריק אַריין אין זאַל געבליבן שטיין פאַר מיס שולץ:

— כ׳האָב איך נישט געמיינט צו באַליידיקן! אַנטשולדיקט מיס שולץ!

דער עולם האָט זיך איינגעהאַלטן, געביסן זיך די ליפּן, און אַז פרידקין איז שוין געווען הינטער דער טיר, האָט ער געהערט, ווי מען קייקלט זיך פאַר געלעכטער.

# VI

פרידקין איז געבליבן שטיין אויפן „סטופ״, פאַרלוירן זיך אַרומגעקוקט, ווי ער וואָלט זיך געוואָלט אָריענטירן, צי ער דאַרף גיין רעכטס, צי לינקס. ער האָט נישט באַמערקט, ווי פאַרבייגייער האָבן פאַרדעכטיק אויף אים געקוקט, בלויז געפילט, אַז עס פאַרקוועטשט אים אונטערן האַרצן, ווי מיט אַ רייף. אַלץ אין אים האָט זיך געקאָרטשעט פון כעס און פאַרדרוס. זיינע וואַסערדיקע אויגן האָבן נישט באַמערקט, ווי די גאַס איז, פון ביידע זייטן טראָטואַר, געווען אַזש שוואַרץ פון מענטשן. מען איז געזעסן משפחה-ווייז, כמעט אַלע אין צעקנעפלטע העמדער, די קעפ פאַרוואָרפן, ווי נאָך אַ תענית, און יעדעס מאָל, ווען אַ ווינטל האָט אַ בלאָז געטון, איז די לופט פול געוואָרן מיט אַ קרעכצעריי, ווי אין אַ שוויצבאָד. אין עק גאַס, ווי ווייט ס׳אויג האָט געקאָנט כאַפּן, האָט אַ שורה עלעקטרישע לעמפלעך, וואָס האָט אויסגעזען פון דערווייטנס, ווי אַ שנור לויכטנדיקע פערל, געבלענדט די אויגן, געגרייצט – האָבן מידע, פון דער היץ, פאַרלעך זיך געשלעפט אין וואָדעוויל אַריין, ווו מען האָט דעם אָטעם נישט געקאָנט כאַפּן פון ענגשאַפט.

– וואָס שטיי איך דאָ? – האָט פרידקין זיך אַ כאַפּ געטון, געשפּירט, ווי די פינגער ווערן אים שטייף, און געווען זיכער, ווען ער כאַפּט איצט גרינען, צערייסט ער אים אויף שטיקער.

אַ יונגערמאַן מיט אַ פאָרטפעל אונטערן אָרעם איז אָנגעקומען פון דער גאַס, אַריינגעשטופּט אין שולצעס בריוו-קעסטל אַ קאָנווערט, אָני-

געקלונגען און צוריק פאַרשוווּנדן. פרידקין האָט אַרויסגעשלעפּט דעם קאָנווערט. ס'איז געווען אַ פּייער „אינשורענס פּאַליסי" 1). ער האָט מיט־אַמאָל געגומען רייסן די פּאָליסי אויף שטיקלעך, געשטילט אין זיך דעם כּעס, ווי ער וואָלט זיך אָפּגערעכנט מיטן פּרעזידענט, אים אונטער־געצונדן. ער האָט געהערט, ווי עמעצער לויפט איבער די טרעפּ, איז ער אַ פאַרציטערטער אַראָפּ פון אַלע טרעפּלעך מיט איין שפּרונג און זיך געלאָזט מיט דער גאַס.

פרידקין איז כּמעט געלאָפן, זיך נישט געקאָנט קלאָר מאַכן, וואָס ס'קוועלט אים, נאָר טיף ערגעץ האָט זיין פאַרוואָקסן מיט זשאַווער האַרץ גע־האַט צו זאָגן, אַז ער איז דער אומגליקלעכסטער מענטש אויף דער וועלט. שטיקלעך עוולות אָן אַ צוזאַמענהאַנג זענען אים באַפאַלן, ווי מען וואָלט אים באַוואָרפן מיט שטיינער, און זיינע איינגעהויקערטע פּלייצעס האָבן זיך נאָך טיפער געבויגן. ער איז בייז געווען אויף זיך פאַרוואָס די שנאה צו גרינען איז ביי אים גרעסער ווי די שנאה צו שולצן. ער האָט עס זיך נישט געקאָנט פאַרענטפערן, בלויז געפילט, אַז אַן אומדורכדרינגבאַרע מחיצה טיילט אים אָפּ פון פּרעזידענט. און ווי גרויס זיין האַס צום פּרעזידענט זאָל נישט זיין, וועט ער קיינמאָל נישט איבערשטייגן די מחיצה, תּמיד זיך בויגן פאַר איר, ווי פאַר אַ גאָלדענעם קאַלב. ער איז געווען איבערצייגט, אַז צווישן אים און גרינען שטייט קיין זאַך נישט. ער דאַרף נאָר אויסשטרעקן די האַנט און ער האַלט שוין גרינען פאַרן גערדיק. און גייענדיק אין מיטן גאַס, האָט פרידקין זיך ביסלעכווייז באַרויקט, לויט דעם ווי זיין כּעס צו גרינען איז געוואַקסן. דער נקמה־געפיל האָט אים פאַרשיכּורט, פאַרכאַפּט אינגאַנצן. ער האָט געהאַט צענדליקער פּלענער, ווי זיך אָפּצו־רעכנען מיט אים — געשפּירט ווי זיין האַנט קאָרטשעט זיך, הויבט זיך, לאָזט גרינען אַראָפּ אַ פּאַטש, ווען ער גייט גראָד מיט מיס שולץ. לאָז ער וויסן, דער מלמד, אַז מיט פרידקינען שפּאַסט מען נישט! נו טאַקע, וואָס האָט מען פון אים געוואָלט? ער האָט געמאַכט אַ שפּאַס מיטן פּרעזידענטס טאָכטער? אם כּן? ווען גרין מאַכט דעם שפּאַס, וואָלטן אַלע געקוואָלן, און אַז ער האָט געמאַכט, איז עס שיר נישט געקומען צו אַ סקאַנדאַל! און ווער וויס, וואָס מאָרגן קאָן נאָך זיין?

— גראַרי היר! יו־אי — — — !

1) פאַרזיכערונגס־צייגניס.

פרידקין האָט אויפגעציטערט. מען האָט אים אָפּגעמאָסטן מיט אַ בייגיקן שטעקן איבער די פּלייצעס, אַז ס'האָט אים אַזש אַ ברי געטון. אַ פֿאַרצאַפּלטער האָט ער אויסגעדרייט דעם קאָפּ, דערזען פֿאַר זיך אַ פּאָר פערד און זיי געוואָלט אויסמיידן. ער האָט אינסטינקטיוו באַגריפן, אַז מען דאַרף זיך נעמען לינקס און ווי אַ נאַרישער שעפּס, וואָס לויפט פון גרויס שרעק אין פייער אַריין, אַזוי איז פרידקין מיט נישט קיין מענטשישן געשריי אַרויף אויף די פערד. דער אָנטרייבער האָט קוים זיי איינגעהאַלטן, געהויבן די בייטש אויף פרידקינען, געשריען, געשאָלטן, אַ נייגעריקער עולם האָט באַלד אַרומגערינגלט די פערד און וואָגן.

פרידקין האָט אָפּגעצויגן נישט טויט נישט לעבעדיק, אָפּגעווישט אַ קאַלטן שוויס פון שטערן, זיך נאָך מער איינגעקאָרטשעט און מיט־אַמאָל זיך דערפילט נישטיק ביי זיך אַליין. ער האָט זיך דערזען אַן אַלטן בחור. וואָס אַלע לאַכן אויס, קיינער האָט נישט מורא פֿאַר אים, און אַז אַ מענטש – האָט פרידקין געטראַכט – האָט נישט מורא פֿאַרן צווייטן, נוצט ער אים אויס, באַליידיקט אים, דערנידעריקט אים. נישט איינמאָל אין סקול האָט ער זיך צוגעקוקט, ווי שטאַרקערע קינדער פייניקן שוואַכערע, האָבן דערפון גרויס פֿאַרגעניגן. און אַז דער שוואַכערער כאַפּט אין אַ ווינקל, צי ער פֿאַרנאַרט נאָך אַ שוואַכערן, צי אפילו אַ קראַנקן, פייניקט ער אים פונקט אַזוי, ווי מען האָט אים געפייניקט. נאָך מער – דער שוואַכערער וועט תמיד אימיטירן, ווען ער וועט פייניקן דעם נאָך שוואַכערן, די זעלביקע זידל ווערטער, די ווילדערישקייט, זשעסטן, אפילו די שטימע וועט ער נאָכמאַכן, וואָס דער שטאַרקער האָט געברויכט, ווען ער האָט אים געפייניקט. דאָס זעלביקע – האָט פרידקין אָפּגעמאַכט ביי זיך – איז מיט דערוואַקסענע מענטשן. ס'איז אים קאַלט געוואָרן. ער האָט געפילט, אַז ער האָט ליב מיס שולץ, אַז דאָ איז נישט בלויז אויסרעכענונג, אַז אויב אפילו דעם פרעזידענטס פּראָטעקציע וועט נישט העלפן, ער זאָל ווערן „ראַבאַי", וואָלט ער זיך אויך – – – ער וועט נישט דערלאָזן, ניין! ער וועט גרינגען עוקר מן השורש זיין! ער האָט שוין אַ פֿאַרטיקן פּלאַן. ער מוז דעם מלמד אַראָפּרוימען פון וועג!

פרידקין האָט זיך אַרומגעקוקט, ווו ער איז פֿאַרקראָכן. ער איז געשטאַנען ביי זיסקינדס הויז און זיך דערמאָנט, אַז ער האָט אים צו־

געזאָגט אַרויפצוגיין. ער האָט אַרויפגעקוקט – ס'איז געווען ליכטיק אין אַלע פענסטער. ער האָט זיך געקווענקלט, צי ער זאָל אַרויפגיין, געוואָלט זיין אַליין מיט זיך. נאָך אַמאָל אויפגעהויבן די אויגן צו די פענסטער, האָט אים די ליכטיקייט אַ צי געטון, און מיט מידע, שווערע טריט האָט ער זיך גענומען הויבן איבער די געדרייטע טרעפּ, ווי אַ געקרייזטע חסידישע פּאה, און געטראַכט, אַן פון פערטן שטאָק וועט ער דורכן חלל פון די טרעפּ קאָנען שפּייען גלייך אין קאָרידאָר אַריין.

– איר זייט טאַקע ביי אונז אַ גאַסט! – איז בערטע, זיסקינדס פרוי, נאָך אַ יונג ווייבל, וואָס קלאָגט זיך תמיד, אַז זי ווערט נישט פאַרטיק מיטן טאָג, אים אַנטקעגן געקומען.

– זיסקינד איז דאָ? – האָט פרידקין אַ פרעג געטון און געוואָלט גיין אין צווייטן צימער, פון וואַנען ס'האָט זיך געהערט זיסקינדס שטימע.

– אַז מיר האָבן קיין מזל נישט, מיסטער פרידקין – האָט בערטע אים פאַרשטעלט דעם וועג, אַריינגעמאַכט די הענט אין די קעשענעס פון איר ווייסן פאַרטוך, וואָס האָט זי געמאַכט אויסזען ווי אַ קעלנערקע, פאַרריסן דעם האַלז מיטן שטייענדיקן קעלנערל און גענומען רעדן שטיל, ווי זי וואָלט פאַרטגעזעצט אַן איבערגעריסענעם שמועס – דאַכט זיך אַזאַ קלייניקייט, אַ שכן, און אין דעם גייט אונז אויך נישט! דער איצטיקער איז נאָך אַ גרעסער פורעניות, ווי דער פריערדיקער! ער איז מיט אַן אמת משוגע! – האָט בערטע אָנגעכאַפּט פרידקינען פאַר אַ האַנט, זיך אַ בויג געטון און אַרויסגעלאָזט נישט קיין איינגעגעבענעם לאַך.

– ווער? קרוזע? – האָט פרידקין אָפּגעהוסט און אויסגעשפּיגן, ווי ער איז געשטאַנען.

– יע. זיצט אַ מענטש, טוט אַ פינגער אין קאַלטן וואַסער נישט אַריין און האַלט זיך אין איין מעסטן די היץ!

– מסתמא פילט ער נישט גוט?

– וואָס! – האָט בערטע זיך אַ כאַפּ געטון מיט אַ האַנט פאַרן קאָפּ און פאַרזשמורעט די אויגן – ער איז געזונטער פאַר אונז ביידן! און ס'איז גלאַט אַן אָנשיקעניש! אַ מענטש שלאָפט נישט קיין נעכט, שרייבט בלומרשט, איר מעגט הערן – אַנומלט איז מיין פיליפּ נישט געווען מיט

אַלעמען. כ׳גיי אַראָפּ אין מיטן נאַכט, כ׳וויל אים געבן אַ ביסל וואַסער, הער איך, ווי עמעצער דרייט זיך אַרום אין קיך. כ׳נעם וועקן מיין אַלטן, האָט ער דאָך אַ שלאָף. כאַטש שיס מיט האַרמאַטן. און דאָ הער איך, ווי מען רוקט שופלעדער, האָב איך פון שרעק גענומען שרייען, איצט כ׳זע, קרוזע קומט אָן אין די גאַטקעס. נו, ס׳האָבן אים שוין דע־מאָלט קיין צרות נישט געפעלט! גלויבט מיר, כ׳וואָלט אים צוגעצאָלט, ער זאָל אַרויס פון מיר!

פרידקין האָט געוואָלט פטור ווערן פון איר און, ווו ער האָט זיך אַ דריי געטון, געוואָלט אַריין אין צווייטן צימער, האָט בערטע קונציק אומעטום פאַרשטעלט אים דעם וועג און געהאַלטן אין איין דערציילן וועגן שכנים, וועגן אירע צוויי יינגלעך, די חכמים, מיט די מיניסטערשע קעפּ, וועגן מאַן, וואָס קאָן אַ קאַץ אַ ווײדל נישט צובינדן.

צוויי יינגלעך זענען אַריין אין די בלויזע העמדלעך, די קעפּלעך צעשויבערט, זיך געיאָגט אַרום פרידקינען, ווי זשרעבקעלעך, מיטאַמאָל געבליבן שטיין, געקוקט אויף פרידקינען, ווי זיי וואָלטן אים איצט דערזען און זיך געוואָרפן אויף אים מיט געשרייען:

– האַללאָ, מיסטער פרידקין! האַללאָ!

– דער עלטערער, פיליפ — האָט די מוטער געוויזן אויפן יינגל און גערעדט כלומרשט אַזוי שטיל, אַז מען האָט געהערט אין צווייטן צימער -- איז אַ חכם! גענאַרט דעם טאַטן אין זאַק אַריין! דאָס האָט אויף זיך אַ קאָפּ, אסור אַ „לאָיער” 1).

– איך ווייס, וואָס די מאַמע זאָגט – האָט פיליפ זיך פאַרשעמט, און געהאַלטן אין איין אַריינשניפן אַ גרין ליכטל, וואָס ס׳איז אים אַרויס פון דער נאָז.

– נו, נו, נו, כ׳מיין נישט דיך, – האָט די מוטער אים אָפּגעשטופּט פון זיך – ער נעמט זיך שוין איבער! גייטס שלאָפן, גייטס!

פיליפ האָט זיך אַ דריי געטון, אַראָפּגעלאָזט די אויגן, אויסגע־שטרעקט צו פרידקין אַ שמוציק הענטל:

– אַ פעני – – –

פרידקין האָט גענומען זוכן אין די קעשענעס. בערטע האָט אָנ־

---

1) אדוואָקאַט.

געכאַפּט פרידקינען מיט איין האַנט, מיט דער צווייטער האָט זי געטריבן די קינדער שלאָפן און זיך געבעטן ביי אים:

— כ'באַשווער אייך, מיסטער פרידקין, גיט זיי נישט קיין סענט, מען דאַרף קינדער נישט געוווינען צו קיין געלט! אַז וואָס קאָן איך מיר העלפן? מיר וווינען צווישן אַזאַ פּעוול! אונזערע אַלע שכנים האַלטן זיך אין איין אַרומשלאָגן מיט די ווייבער, מען שילט זיך, קאָנט איר שוין פאַרשטיין, וואָס פאַר אַן ערציונג זייערע קינדער קריגן!? וואָס קאָן איך מיר העלפן? כ'רעד אין זיי אַריין, כ'שלאָג אויך, ס'איז דאָך אָבער קינדער, גייען אין דער גאַס און לערנען זיך אָפּ פון אַנדערע! דער אָרעמאַן קאָן צומאָל נישט ערציען ווי געהעריק זיינע קינדער!

די צוויי יינגלעך זענען געשטאַנען פון ביידע זייטן פרידקינען, געוווען גרייט צו כאַפּן די פּעני, וואָס ער וועט זיי געבן, און די אויגלעך ביי זיי האָבן געפינקלט. די מוטער האָט נישט אויפגעהערט שרייען:

— שלאָפן גייט, קינדער, כ'נעם באַלד דעם טאַטנס פּאַסעק! מען זאָגט קינדער זענען נישט קיין סענט פאַר די אויגן, ווי כ'בין אַ יידישע טאָכטער, אַז עטלעכע מאָל אַ טאָג שלעפּן זיי ביי מיר פּעניס!

פרידקין האָט אויפגעזוכט ערגעץ אין אַ קעשענע אַ קליינע האַר־מאָניקע, וואָס ער האָט געהאַט צוגענומען ביי זיינעם אַ תּלמיד, און עס געוויזן די יינגלעך. זיי זענען געבליבן קלעפּן ביי זיינע הויזן ווי ראַקעס, געהויבן יעדער צו אַ הענטל, געוואָלט קריגן דאָס שפּילעכל. פרידקין האָט מורא געהאַט זיי זאָלן אים נישט צערייסן די הויזן, האָט ער אַ וואָרף געטון די האַרמאָניקע אויף דער פּאָדלאָגע. איין יינגל האָט צוגעהאַלטן דעם צווייטן, געשריגן, באַלד איז איינער געלעגן אויפן צווייטן און זייערע קולות האָבן געגרילצט אין די אויערן. די מוטער האָט פאַרקאַטשעט די לאַנגע באַכטהעמדלעך און גענומען שלאָגן די „ביידע חכמים מיט די מיניסטערשע קעפּ״ אין די געזעסלעך אַריין.

— אָט אַזוי! נאָט אַזוי! אַז אַ מאַמע זאָגט שלאָפן, גייט מען שלאָפן!

אַ באַרויקטער מיט אַ שמייכל אויפן פּנים איז פרידקין אַריין אין צווייטן צימער.

צוויי גאַזן האָבן געציטערט, ווי זיי וואָלטן געהאַלטן ביים אויס-גיין, און אָפּגעגאָסן דעם צימער מיט אַ ברודיקע ליכט. אויף די ווענט האָבן געהאָנגען רעפּראָדוקציעס פון מאַדאָנעס, וואָס מען זעט אַזוי אָפט אין שלאָפצימערלעך ביי געוויסע פּאַרטיי-בחורים און מיידלעך. אין אַ ווינקל אויף אַן אַלמער מיט ביכער איז געשטאַנען אַ גרויסער גיפּסע-נער ביוסט פון געטען. צוויי שטרויענע קאַפּעלושן, איינער אויפן צווייטן, זענען ווילדעריש געזעסן אויף געטעס קאָפּ, אים פאַרשטעלט אַן אויג, האָט זיך ביים אַריינקומען געדאַכט, אַז דער אַלטער שמייכלט.

הינטער די גאַזן, ביי אַ קיילעכדיקן טיש, איז געזעסן זיסקינד מיט אַ יונגנמאַן אין געשמועסט.

ביים אָפענעם פענסטער אויף אַ קאַנאַפּע איז געלעגן קרוזע, אַ פעטער, צעוואַקסענער ייד אין די פערציקער. זיין געפּרעסט העמד, וואָס איז אַמאָל ווייס געווען, האָט זיך אַרויסגעצויגן פון די הויזן, זיך צעבלאָזן אַרום דעם בויך און אויסגעזען פון דערווייטנס ווי אַ מולטער מיט טייג. ער איז געלעגן מיט פאַרוואָרפענע הענט, ווי ער וואָלט געווען שלאָף, און געהאַלטן אַ טערמאָמעטער אונטער דער צונג.

מיט זיינע ווייסע, צעווייקטע אויגן, ווי ביי אַ געקאָכטן פיש, האָט ער געקוקט אויף דעם ברודיקן ליכט, וואָס האָט זיך געשאַרט איבער די ווענט ווי שנירלעך רויך, און געטראַכט, אַז ער וועט דעם זומער נישט איבערלעבן. אַלץ האָט אים וויי געטון. דער מאָגן האָט געדריקט, ווי אָנגעשאָטן מיט נאַסן זאַמד, די זייטן אָפּגעלעגן, די פיס האָבן געברויזט, ווי אַ פליגעלע וואָלט זיך פאַרקליבן, נישט אויפגעהערט קלאַפּן און זשומען.

— וואָס איז דער מער, קרוזע? — האָט פרידקין אים אַ שאָקל געטון.

קרוזע איז אויפגעלאָפן ווי אַ שטיק טייג, אָנגעכאַפּט מיט דער האַנט דעם טערמאָמעטער און געוויזן אויף שטום לשון, מען זאָל אים נישט טשעפּען.

— אָ, פרידקין, – האָט זיסקינד זיך אַ שטעל געטון – כ'האָב גע־מיינט, אַז דו וועסט נישט קומען. זיץ, וואָס שטייסטו?

פרידקין, וואָס האָט בדעה געהאַט אים אַלץ צו דערציילן, האָט זיך פאַר דעם פרעמדן יונגנמאַן צוריקגעהאַלטן און געוויזן אויף קרוזען:

– וואָס איז? וואָס זיצט ער, ווי אַ כינעזישער גאָט? ער איז קראַנק?

– ער וועט שוין אַזוי שטאַרבן אַ קראַנקער! – האָט זיך דער יונגערמאַן, וואָס איז געזעסן ביים טיש, אָנגערופן.

– אָן געלעכטער, וואָס איז אים? – האָט פרידקין ווידער גע־פרעגט.

– ווער ווייסט אים? – האָט זיסקינד אַ הויב געטון מיט די אַקסלען – אַז אַ מענטש רעדט זיך איין אַ משוגעת... דער דאָקטאָר זאָגט, אַז ס'איז אים גאָרנישט, הייסט אים זיין אויף דער לופט, נעמען קאַלטע בעדער, נו, פאָלגט ער אים? ווי די קוקסט אים אָן, קאָן ער אַזוי אָפּליגן מיטן טערמאָמעטער אין מויל שעהן לאַנג!

בשעת זיי האָבן גערעדט, האָט קרוזע פאַרמאַכט די אויגן, איבער־געלאָזט צוויי דינע שפּעלטלעך, און דאָס פּעטע פּנים האָט זיך געשמאָלצן פון נחת.

דער יונגערמאַן איז צוגעגאַנגען צו פרידקינען און אים אַ צי גע־טון פאַר אַן אַרבל:

– אַנטשולדיקט, איר זייט מיסטער פרידקין, האַ? זייער אַנגענעם! מיין נאָמען איז ראַבינאָוויטש!

– כ'האָב דאָך אייך פאָרגעשטעלט, נאָ? – האָט זיסקינד זיך גע־פילט שולדיק.

– ס'מאַכט נישט, ס'מאַכט נישט, – האָט ראַבינאָוויטש אַ צי געטון זיין הויכע פּלייצע און געוואָרן מיט אַ קאָפּ העכער, געריבן איין האַנט אָן דער צווייטער, ווי ער וואָלט אויסגעוויקלט אַ סיגאַרעט און מאָדנע געשמייכלט – אַבי מיר קענען זיך!

זיסקינד האָט אַ קוק געטון אויפן ליידיקן טיש, אויף דער טיר, וואָס פירט אין קיך אַריין, און אַ געשריי געטון:

– בערטע! בערטע!

– וואָס איז? – האָט זיך געהערט בערטעס שטימע פון באָדצימער, ווו זי האָט געבאָדן אירע צוויי יינגלעך.

– זיי עפּעס מכבד די געסט!

– די געסט וועלן מיר אַנטשולדיקן! כ'וועל נאָר אָפּבאָדן די קינדער!

– מיסעס זיסקינד, – האָט ראַבינאָוויטש צוגעלייגט אַ האַנט צום מויל, זיין שטימע זאָל גיין אין דער ריכטונג פון באָדצימער – פאַרעט אייך נישט! מיר פאַרברענגען זייער גוט!

– וואָס? איר מיינט אָן מיר?

פרידקין האָט זיך צעלאַכט דין און שפּיציק, ווי מען וואָלט געקראַצט מיט אַ נאָגל איבער גלאָז.

– אָ, אַנטשולדיקט, מיסעס זיסקינד, כ'האָב דאָס נישט געמיינט! אין געגנטייל...

פרידקין האָט געקוקט אויף ראַבינאָוויטשן — אַ דאַר לענגלעך פּנים, אוינן, ווי דורכזיכטיק העל ביר, רוען נישט קיין רגע, קוועטשט מיט זיי, ווי אַ קאַטשקע מיט אַן אָפּגעשוירענעם עק, די נאָזפליגל ציטערן, און ס'גאַנצע פּנים דערמאָנט אַ יאָגהונט.

– נו, ווי איז צוגעגאַנגען ביים פּרעזידענט? – האָט זיסקינד זיך געווענדט צו פרידקינען. — אַבי האָסט געשראָקן!

– זייער גוט, זייער גוט! – האָט פרידקין זיך אַליין געמאַכט קוראַזש. – כ'וואָלט שוין דאָ געווען, האָבן זיי מיך נישט אָפּגעלאָזט! דו ווייסט דאָך, זיצט די גאַנצע משפחה, מען טרינקט אַ גלעזל וויין, קאָן מען נישט זיין קיין חזיר, זיך אויפהויבן און אַנטלויפן!..

– אַלע דאָ „היברו טיטשערס״? – האָט ראַבינאָוויטש אַ קוועטש געטון מיט די אויגן. און אַז איינער האָט אים ס'ערשטע מאָל געזען, האָט ער געמיינט, אַז ער ווינקט זיך איבער מיט זיין וויז-אַ-ווי און צייגט עפּעס אָן אויפן שכן.

– אַלע, – האָט זיסקינד געשמייכלט און זיך אויסגעדרייט צו פרידקינען – גרין איז געווען?

– געווען, – האָט פרידקין נישט ווילִיק געענטפערט.

– ווייסט, כ'האָב גאָרנישט געוווּסט, – האָט זיסקינד זיך געחדושט – גרין שרייבט דאָך לידער! אָט לייען!

פרידקין האָט גענומען די צייטונג, וואָס זיסקינד האָט אים גע-

געבן, רויט געוואָרן פון פּאַרדרוס, וואָס זיין קאָנקורענט שרייבט, און איידער ער האָט נאָך איבערגעלייענט אַ וואָרט, האָט ער זיך אָנגע־רופן:

— ווער שרייבט היינט נישט? מ'האָט אַ רויקן קאָפּ, זעצט מען זיך אַוועק און מען פּאַרפּאַסט עפּעס! אין אַן אַנדער שפּראַך פאַרשטיי איך נאָך, מען דאַרף כאָטש לשון קאָנען, אָבער דאָ? ווער קען דאָס נישט קיין זשאַרגאָן? אָט קרוזע שרייבט העברעיש, פאַרשטיי איך! כי, כי, כי!

קרוזע האָט באַלד נישט געענטפערט. ער האָט אַרויסגענומען דעם טערמאָמעטער פון מויל, אים אונטערגעטראָגן אונטער אַ גאַזי־פּלעמל, זיך איינגעקוקט, אַ נישט צופרידענער אים אַריינגעשטעקט אין אויבערשטן וועסטל־קעשענע, און ווי ס'וואָלט אים פאַרדראָסן, וואָס ער האָט נישט קיין היץ, האָט ער עטלעכע מאָל איבערגעחזרט:

— נאָרמאַל. די טעמפּעראַטור איז נאָרמאַל.

— איז ווידער שלעכט? — האָט פרידקין זיך אָנגערופן.

— אַ דו, וואַסער־קאָפּ, דו לאַכסט פון גרינען? — האָט קרוזע זיך אַוועקגעזעצט אַנטקעגן פרידקינען, — דרך ארץ, דען וויסן זאָלסטו, אַז גרין איז אַ גרויסער דיכטער!

— ווען ער וואָלט געווען אַ גרויסער דיכטער, וואָלט ער נישט געדאַרפט זיין אַ מלמד, — האָט פרידקין זיך לעקעריש צעשמייכלט און אין דער זעלביקער צייט זיך געשראָקן, געוווּסט, אַז פון קריזעס מויל וועט ער שוין קיין כבוד נישט אַריינכאַפּן.

— ס'איז אַ ראיה, ווי גאָרנישט! — האָט קרוזע זיך פאַרהוסט, און זיין פעט, קיילעכדיק פנים האָט אויסגעזען ווי אַ פענדל שמאַלץ, וואָס האַלט זיך אין אויסלאָזן. — איז מענדעלע נישט געווען ס'גאַנצע לעבן אַ מלמד? און פונקט מענדעלע? כ'וועל דיר אויסרעכענען אַ גאַנצן צעטל מיט גוים! מיצקעוויטש איז געווען אַ לערער, סאָלאָגוב — אַ לע־רער... כ'ווייס... אַז דו הערסט סיי־ווי־סיי זייערע נעמען ס'ערשטע מאָל! די צרה איז אָבער אַן אַנדערע — ביי גוים אַ לערער איז ראשית אַ געבילדעטער מענטש! אַז ביי אונז איז אַלץ פאַרקערט! כ'רעד שוין נישט פון די דרדקי־מלמדים. אָט זיצט דאָ — האָט קרוזע געצייגט אויף פרידקינען — אַ ייד שלא קרא ולא שנה, זיצט ווי אַ נאַר איבער לאָקשן, און אַז דאָס איז אַ פּרינסיפּאַל אין אַ תלמוד־תורה, איז

טאָקע אַ חרפה צו זײַן אַ העברעישער לערער, ווי כ'בין אַ ייִד!

זיסקינדן האָט פאַרדראָסן אויף קרוזען, אים געשטופּט מיט אַ פוס, ער זאָל שווייגן. פרידקין האָט זיך פאַרלוירן, נישט געוווּסט צוגעגרייט צו אַזאַ ברוך-הבא. ס'האָט אַ ווײַלע גענומען ביז ער איז צו זיך געקומען. ער האָט איינגעצויגן די ברייטע, ראַזירטע געמבע און אַרויסגערעדט די ווערטער איינציק-ווייז, ווי זיי וואָלטן אַרויסגעפאַלן:

– כ'וועל זיך צו יעדער צייט פאַרהערן מיט דיר און לומדות! אַן עזות-פּנים אַזאַ! פאַר אַזעלכע רייד גיט מען בײַ אונז אין דער באַק!

ער האָט פאַמעלעך אויפגעהויבן אַ האַנט, ווי ער וואָלט געשלעפּט אַ שווערע משא. האָט זיסקינד זי פון הינטן אָנגעכאַפּט און אים גענומען באַרויקן:

– ווייס איך... אַ מענטש מאַכט אַ שפּאַס...

– איך מיין עס ערנסט! – איז קרוזע אויפגעשפּרונגען און זיך גענומען קלאַפּן אין האַרץ אַריין.

– נו, גענוג! – האָט זיסקינד אַלעמען איינגעשטילט.

עס איז מיטאַמאָל געוואָרן נישט אָנגענעם שטיל. יעדער האָט געקוקט אין אַן אַנדער זייט, זיך מורא געהאַט צו טרעפן מיטן צווייטנס בליק.

ראַבינאָוויטש האָט אַ שניף געטון מיט דער דאַרער נאָז, אויסגעצויגן דעם האַלז, ווי ער וואָלט זיך געצאַטעוועט עמעצן אַריינצוכאַפּן, און אָנגעהויבן זייער שטיל:

– „היברו טיטשערס" האָבן זיך נישט וואָס צו קלאָגן. פּראָפעסיאָנעל קריגן זיי מער, ווי פּאָבליק-סקול לערערס 1), דערצו קיינע אחריות, האָסט אָפּגעלערנט דיינע דריי, פיר שעה, ביסטו פריי, קאָנסט טון, וואָס דו ווילסט. אָט איך, למשל – זיסקינד ווייסט, אַז „כ'בין ווערט" עטלעכע טויזנט טאָלער, פונדעסטוועגן האַלט איך אָן די „היברו". פּופּצען צי זעכצן טאָלער אַ וואָך, פאַרשטייט איר מיך, גייען נישט צו פוס. אַז מען האָט נאָך אַ חוש פאַר ביזנעס, האָט אַ „היברו טיטשער" די בעסטע געלעגנהייט צו מאַכן געלט... ער זיצט דאָך דאָ, זיסקינד, – האָט ראַבינאָוויטש אַ פינקל געטון מיט די אויגן, – לאָז ער אייך זאָגן:

---

1) פּאָבליק-שול.

ווען די פינף און צען סענט „סטאָרס" 1) האָבן זיך געעפנט, בין איך צו אים געקומען, מיר זאָלן בשותפות קויפן „שערס" 2), צען טאָלער אַ „שער". טענה איך מיט אים, נו טאַקע, ווו קומען נישט ביי אַ מענטשן אַוועק צען טאָלער? פרוביר! ס'האַרץ האָט מיר געזאָגט, אַז ס'איז אַ גאָלדן געשעפט! די וואַנט ענטפערט? אַז ס'פעלט זיי דער חוש פאַר ביזנעס! מיינע פינף „שערס" (אַקציעס) זענען היינט ווערט פינף הונדערט טאָלער, ווי כ'בין אַ ייד! וואָס מיינט איר? די שיפס, די ראָקעפעלאָס, די מאָרגאַנס זענען מלאכים? פונקט אַזעלכע בשר-ודמס ווי מיר! אלא-מה? האָבן אַ חוש פאַר ביזנעס, דאַט'ס אָל (דאָס אַלעס)!

דאָ האָט ראַבינאָוויטש אַרויסגעשלעפט פון דער קעשענע אַ בראָשורע, זי געעפנט, זיך אַ צי געטון, פאַרמאַכט אַ האַנט, ווי ער וואָלט עפעס אַריינגעכאַפּט, און די אויגן האָבן זיך ביי אים אַ צינד געטון:

— אָט האָב איך ראָקעפעלאָס ביאָגראַפיע, געווען אַן אָרעם שיקיינגל, געאַרבעט פאַר דריי טאָלער אַ וואָך — און איצט?

— איצט איז ער דער געלט-קעניג פון דער וועלט! — האָט קרווע אונטערגעכאַפּט און מיט אַ בליישטיפט אויסגעשטעלט ציפערן אויף זיין ברודיקן מאַנזשעט.

— אַמעריקע איז אַ מדינה! — האָט ראַבינאָוויטש פון זיך געקוואָלן, — דאָ קאָן יעדער זיך אַרויפאַרבעטן, מען דאַרף נאָר האָבן אַ חוש פאַר ביזנעס. . אָט האָב איך איצט אַריינגעלייגט טויזנט טאָלער אין אינקובאטאָרס, ס'איז אַ בלינדע זאַך. נאָר מיר שיינט, אַז ס'דאַרף זיין אַ ביזנעס, און אויב ס'וועט זיך איינגעבן, דאַרף אַזאַ מאַשין אויסבריען איבער הונדערט הינדלעך אַ וואָך, איר פאַרשטייט?

— אויב ס'איז יאָ אַזוי. — האָט קרווע אַרויסגענומען דעם טערמאָמעטער און, אום צו קאָנען רעדן, האָט ער זיך איב אַריינגערוקט הינטערן אָרעם: — אויב איר זייט טאַקע אַ ביזנעס-מאַן, האָב איך פאַר אייך אַ גאָלדן געשעפט און כ'זע, אַז איר וועט זיין דער ריכטיקער מאַן, מען דאַרף נאָר ריזיקירן...

1) אַ קראָם.

2) אַקציעס.

— וואָס אַ שטייגער? — האָט ראַבינאָוויטש אַ קוועטש געטון מיט די אויגן־לעפּלעך.

— די זאַך איז די, — האָט קרוזע מיט אַ קליין שטיקל בלייפעדער, וואָס איז געווען פון ביידע זייטן גוט פאַרשניצט, אונטערגעצויגן אַ שורה ציפערן, וואָס ער האָט געהאַט אויסגעשטעלט אויפן מאַנזשעט — איך גלויב, אַז אַרויסצוגעבן אין אַמעריקע אַ העברעאיש וואָכנבלאַט, וואָלט געווען אַ גוטע ביזנעס. איר פאַרשטייט, מיר האָבן אין אַמעריקע איבער פופציק טויזנט יידן, וואָס פאַרשטייען העברעאיש און נויטיקן זיך אין אַ וואָכנבלאַט. מיט דריי טויזנט סובסקרייבער (אַבאָנענטן) איז די צייטונג געזיכערט, בלייבן הייסט עס, זיבן און פערציק טויזנט, אַ ציפער, האַ? און מיט אַ פעיקע אַדמיניסטראַציע, זאָג איך אייך, קאָן מען אויפטון וואונדער, ווי כ׳בין אַ ייד! אַז כ׳דאַרף גאָרנישט קיין זיבן און פערציק טויזנט — האָט קרוזע פון בלויזן געדאַנק, אַז ער קאָן קריגן סובסקרייבערס, זיך געשמאָלצן פון נחת — אויב כ׳קריג אפילו ווייניקער פון אַ העלפט, לאָז מען זאָגן צוואַנציק טויזנט לעזער, איז עס אויך אַ גאָלדן געשעפט! אָט האָט איר דעם גאַנצן חשבון — האָט ער געהאַלטן אין איין טייטלען מיטן שטיקל בלייפעדער איבערן מאַנזשעט — מיר וועלן רעכנען אַ נומער פינף סענט...

— לויט אייער חשבון, — האָט ראַבינאָוויטש אים נישט געלאָזט ענדיקן — דאַרף עס זיין אַ געשעפט, פרעגט זיך אָבער, פאַרוואָס האָבן זיך אַלע פּרווון אַרויסצוגעבן אין ניו־יאָרק אַ העברעאישן וואָכנבלאַט נישט איינגעגעבן?

— דאָס אַליין ווייזט, אַז פאַר דער אַרבעט האָבן זיך גענומען בטלנים! — האָט קרוזע זיך אַ רוק געטון מיט דער שטול צו ראַבינאָוויטשן. — אָט טראָג איך זיך שוין אַרום מיטן פּלאַן וועגן אַ העברעאישן וואָכנבלאַט יאָרן און כ׳גיב נישט אַרויס! ווייל כ׳בין זיכער, אַז מיט דעם קאַפּיטאַל, וואָס איך קאָן אַריינלייגן, קאָן ער מער ווי עטלעכע חדשים נישט גיין! מען דאַרף צוטרעטן מיט אַ קאַפּיטאַל נישט ווייניקער... כ׳ווייס... ווען כ׳האָב טויזנט טאָלער, איז די צייטונג געזיכערט!

בשעת קרוזע האָט אַריינגעטענהט אין ראַבינאָוויטשן, האָט זיסקינד אַ ווונק געטון צו פרידקינען, און ביידע האָבן זיך איבערגעקליבן אויף דער לעדערנער קאַנאַפּע.

— אַ נודניק! – האָט פרידקין געזאָגט אויף קרוזעס חשבון, ער האָט שוין מער זיך נישט געקאָנט רוקן מיט דעם שטול, זיך אויפגעשטעלט, געהאַלטן ראַבינאָוויטשן פאַר אַ לאַץ, ווי ער וואָלט מורא געהאַט ער זאָל נישט אַנטלויפן, און אַריינגערעדט אין אים.

— הייסט עס׳ – האָט זיסקינד אָנגעהויבן – בלייבסטו צוריק פרינציפּאַל, אַבי האָסט זיך געשראָקן.

— יעס, – האָט פרידקין נישט ווייליק געענטפערט און צוגעגעבן – פונדעסטוועגן ווען כ׳קריג עפּעס אַן אַנדער שטעל, אפילו מיט ווייניקער געהאַלט, וואָלט איך מאָרגן נאָך אַוועקגעוואָרפן ס׳מלמדות!

— דאַרפסט עס טאַקע טון, אַ מענטש פאַר זיך אַליין האָט קיין זאָרג נישט.

— וואָס אַ שטייגער וואָלט איך געקאָנט טון? — האָט פרידקין אומבאַהאָלפן אַ צוג געטון מיט די אַקסלען, און אין פּנים האָט מען געקאָנט זען, אַז אַחוץ מלמדות טויג ער צו גאָרנישט.

— כ׳ווייס וואָס, מען געפינט שוין! – האָט זיסקינד צונישט געמאַכט פרידקינס שרעק. – ווען איך וואָלט געווען אַ בחור, ווי דו, וואָלט איך עס שוין לאַנג געהאַט אַוועקגעוואָרפן! אַז מען האָט אָבער איבער זיך אַ ווייב מיט קינדער, דערצו נאָך אַן אַלטע מוטער, טאָר מען נישט ריזיקירן, מוז מען ליידן, נאָר כ׳האָף, אַז כ׳וועל סוף־כּל־סוף דערפון אויך פּטור ווערן! ס׳איז נאָך אַ סוד, – האָט זיסקינד שטיל גערעדט און זיך אַרומגעקוקט, צי קיינער הערט נישט – נאָר כ׳האַלט ביים קריגן אַ שטעל...

— וואָס פאַרע? -- איז פרידקין בלאַס געוואָרן און ס׳האָט אים פאַרדראָסן, פאַרוואָס ער פאַרגינט נישט דעם חבר.

בערטע איז אַריין מיט אַ קרוג קאַלט וואַסער און אַ טעלער אויבס. זיסקינדס מוטער, אַן אַלטיטשקע, מיט אַן אָפּן, איינגעפאַלן מויל אָן ציין, ווי אַ קבר, האָט נאָכגעטראָגן עטלעכע גלעזער.

בערטע האָט געמאַכט אַ מינע, ווי זי וואָלט געוואָלט געפעלן די מאַנסבילן, און צונויפגעשנירלט דאָס מויל:

— טרינקט, ס׳וואַסער איז קאַלט!

דער עולם איז געווען אַזוי פאַרשמועסט, אַז מען האָט בערטען כמעט נישט באַמערקט. קרוזע האָט שוין אפילו געהאַט פונאַנדערגע-

קנעפּלט פון גרויס באַגייסטערונג דאָס ווערטל און פון ציפּיל רעדן גע־שפּריצט ראַבינאָוויטשן אין פּנים אַריין:

— דאָס וועט זיין אַ בלעטל — אַ צאַצקע! דער העברעאיש — אַ מוסטער!

ביי די לעצטע ווערטער האָט זיסקינד זיך אַ הויב געטון פון דער קאַנאַפּע, כּלומרשט מיט אַ שמייכל איינגערוימט קרוזען: „אויב איר וועט זוכן אַ גוטן העברעאיש, וועט איר מוזן איינלאַדן פּראָפ. זעלי־קאָוויטש", און זיך געווענדט צום עולם:

— יידן, טרינקט, ס'וואַסער וועט באַלד וואַרעם ווערן.

קרוזע האָט אויסגעטרונקען מיט איין צי אַ גלאָז וואַסער, אָפּגעאָטעמט, אַריינגעמאַכט די הענט אין די לויזע הויזנקעשענעס, אונטערגעשפּאַרט זיך דעם בויך און ברייט אַ זאָג געטון:

— ווער זאָגט דאָס, אַז דער עובר־בטל שרייבט אַ גוטן העברע־איש?

— בערדיטשעווסקי זאָגט ערגעץ, — האָט זיסקינד געשמייכלט — כ'האָב אַליין געלייענט, אַז זעליקאָוויטש שרייבט דעם ריינסטן העב־רעאיש!

— און אַלץ, וואָס בערדיטשעווסקי זאָגט, מיינט איר, איז תּורת־לאָקשן? — האָט קרוזע זיך אַ קרום געטון, ווי ער וואָלט געזאָגט: אין דעם ענין ווייס איך אויך עפּעס! — האָט נאָך אַ גרעסערער פון בערדיטשעוו־סקין, בייראָן מיין איך, געזאָגט, אַז פּאָפּ איז דער גרעסטער ענגלישער דיכטער, נו, דעריבער?

מען האָט אָנגעקלונגען. זיסקינד האָט אַ קוק געטון צום ווייב, וואָס האָט אַרויסגענומען פון אַ שענקל אונטערוועש פאַר די קינדער.

— ווער קאָן דאָס איצט קומען?

זי האָט אַ צוג געטון מיט די אַקסלען, אַז זי ווייסט נישט, גע־כאַפּט די וועש און געלאָפן עפענען די טיר.

אַ בלאַסער יונגערמאַן, מיט צעשראָקענע אויגן, ווי ער וואָלט געלאָפן פון אַ געפאַר, מיט אַראָפּגעהאָנגענע וואָנצעס, ווי ביי אַ כינעזער, איז אַריין אין צימער אָן אָטעם. ער האָט זיך מיט קיינעם נישט באַ־גריסט, אָנגעהויבן צו דערציילן פון אַ מיט, אַז קיינער האָט באַלד נישט געקאָנט כאַפּן, וואָס ער רעדט, און כמעט יעדן זאַץ איבערגעחזרט דריי מאָל, אין יידיש, העברעאיש און ענגליש, אַפּנים געוווינט געווען פון

סקול, ווי ער פלעגט פאַר די קינדער אַזוי איבערזעצן יעדן פסוק פון חומש.

— זיי האָבן מיך געקוילעט אָן אַ מעסער! — האָט ער מיט אַ פינגער זיך אַ פיר געטון איבערן האַלז און אָנגעהויבן אַרבעטן מיט די הענט אין אַלע זייטן — וואָס טוט מען? גיט אַן עצה! וואָס טוט מען?

— וואָס איז? שוואַרץ, וואָס איז געשען? — האָבן אים אַלע אַרומגערינגלט.

— אַז זיי האָבן מיר געגעבן דעם ערגסטן קלאַס, — האָט ער געקלאַפּט אין האַרץ אַריין — אמתע „באָמס" 1), מען דאַרף זיי אַלעמען „שיקן איבערן וואַסער"! הייַנט האָט פיל נישט געפעלט, כ׳זאָל ווערן אַ קאַליקע, כ׳האָב זיך פאַרגעסן, זיך נישט געכאַפּט און זיך אַוועקגעזעצט אויף מיין בענקל, איז מיר אַריין אַזאַ שפּילקע — ער האָט געוויזן אויף דער לענג פון זיין צייגפינגער — אין געזעס אַריין! און ריר עמעצן אָן, ווערט אַ ויצעקו! כ׳האָב געדאַרפט דעם בחורל, וואָס האָט אַריינגעשטעקט די שפּילקע אין בענקל, אַ קניפּ טון אין דער באַק — שמח בחור בילדותך!

— טאָ פאַרוואָס האָט מען דיר געהייסן גיין? — האָט פרידקין געשמייכלט און זיך נישט געקאָנט באַפרייען פונם בילד, ווי שוואַרץ איז אונטערגעשפּרונגען, ווען די שפּילקע איז אים אַריין.

— וואָס? — האָט שוואַרץ געקוקט אויף פרידקינען, פאַרגעסן ווו ער האַלט — יעס, מיט אַ חודש צוריק האָב איך געקראָגן אַ בריוו פון אַ שטעל אין פּענסילוועניאַ, ווו מען האָט מיך געבעטן, כ׳זאָל אָננעמען אַ שטעל פאַר צוואַנציק דאָלאַר אַ וואָך. כ׳האָב געוווסט, אַז דאָ איז מען פון מיר נישט צופרידן, די שכירות זענען קלאָגעדיקע, האָב איך געוויזן אונזער פּרעזידענט דעם בריוו, ר׳ווייסט דאָך, אין אַזאַ פאַל ווערן זיי תמיד ווייכער, האָט דער פּרעזידענט אָנגעהויבן בע-מע... די אונטערשטע שורה, ער האָט מיר געגעבן אַ פינפערל אַ חודש אַ הוספה און מיר געהייסן בלייבן. הייַנט, כ׳ווייס פון קיין פּותר, פון קיין חלום, שיקט מען נאָך מיר און מען זאָגט מיר אָפּ! סטייטש? טענהן זיי, אַז כ׳האָב קיין רעכט נישט צו רייסן אַ ייִנגל פאַר אַן אויער! דאָס, וואָס ער האָט

---

1) באָם — אַן אויסוואורף, כוליגאַן.

מיך שיר מיט דער שפילקע פאַר אַ קאַליקע נישט געמאַכט, איז גאָר־נישט! נו, וואָס זאָגט איר, יידן, וואָס טוט מען? די אַנדערע וואָך האָב איך שוין אויף קיין „רענט" (דירע געלט) נישט, ס'וועט מיר אויס־קומען צו גיין בעטלען אַ פּאָר טאָלער, אַז נישט שטעלט מען מיך אַרויס מיטן ווייב און קינדער אויף דער גאַס! כ'ווייס, אפשר באַלאַנגט עמעצער פון אייך צו דער „אגודת המורים"? טאָמער וואָלטן זיי געקאָנט פועלן... אַז נישט, וועלן זיי מיך אַוועקשיקן אָן אַ סענט געלט!

— איך באַלאַנג. — האָט ראַבינאָוויטש געלאָזט פאַלן אַ וואָרט, נאָר קיינער האָט אים נישט געהערט.

— אַז איצט איז שווער צו קריגן אַ שטעל, — האָט שוואַרץ ווייטער גערעדט, — אין מיטן זמן, ווען זיי גיבן מיר כאָטש אַ פּופציק טאָלער, וואָלט איך אַרויסגעגאַנגען אין גאַס פּעדלען, פּאַרפּאַלן! אַז מען דאַרף אין אַמעריקע קיין העברעאיש נישט!

— און ווו דאַרף מען עס יע? — האָט זיך קרוזע אָנגערופן. — שלמה מימון האָט נאָך מיט הונדערט יאָר צוריק געזאָגט, אַז ס'איז בעסער צו האַנדלען אין דייטשלאַנד מיט הינט, ווי מיט...

קרוזע האָט זיך געכאַפּט, אַז זיין משל פּאַסט נישט אַהער, אַז דאָרט רעדט זיך גאָר וועגן פילאָזאָפיע, און זיך אָפּגערוקט אָן אַ זייט.

— נו, — האָט שוואַרץ געקוקט פון איינעם אויפן צווייטן — קיינער פון אייך באַלאַנגט נישט צו דער „אגודת המורים"?

אַלע האָבן זיך איבערגעקוקט, יעדער האָט גערעכנט, אַז דער אַנדערער איז אַ מיטגליד, האָט זיך אויסגעלאָזט, אַז אַחוץ ראַבינאָוויטשן האָט קיינער נישט באַלאַנגט.

— קאָן מען מיט מלמדים עפּעס אויספירן? — האָט ראַבינאָוויטש גאַליק געשמייכלט. — אָט זענען מיר פינף לערער... ווען מיר וואָלטן אָבער געווען אָרגאַניזירט, וואָלט צו דעם נישט געקומען, מען זאָל אין מיטן זמן איבערלאָזן אַ יידן אָן פּרנסה! מאָרגן קאָן דאָס טרעפן מיט יעדן איינעם פון אונז! אַז מיר זענען אַליין שולדיק, מיר וואָלטן שוין היינט געקאָנט זיין אַ מאַכט, דעמאָלט וואָלט מען אַ לערער נישט געקאָנט אָפּזאָגן אַזוי — מיר נישט, דיר נישט! און שכירות וואָלטן מיר געקראָגן גרעסערע און... און...

ער האָט מיטאַמאָל גענומען רייבן איין האַנט אין דער צווייטער,

זיך אויסגעצויגן ווי אַ כאַרט, ווען ער קלייבט זיך אַ שפּרונג טון, אַרויס־געגומען פון בוזעם־קעשענע אַ ביכל מיט קוויטאַנציעס און זיך געווענדט צו שוואַרצן:

– יעדנפאַלס, מיסטער שוואַרץ, גיט מיר דעם אַדרעס פון אייער סקול, אָדער, וואַרט, כ׳וועל בעסער מיט איך אַליין אַריבערגיין. פאַר אַ חודש שכירות גאַראַנטיר איך אייך! און איצט – האָט ער זיך אַ קער געטון צו די איבעריקע – מאַך איך אייך אַלע פאַר מיטגלידער פון דער „אגודה״, נאַט, שרייבט אויס די קוויטאַנציעס און צאָלט איין צו פופ־ציק סענט.

אַלע, אויסער קרוזען, האָבן זיך פאַרשריבען. שוואַרצס צעשראָ־קענע אויגן, דאָס פאַרלירן פון דער שטעל, אַלץ האָט געווירקט, אַז קיינער האָט צומאָל נישט איבערגעפרעגט, וואָס איז אַזוינס די „אגודה״, געפילט, אַז דאָס איז נוטיק, ס׳איז אַ פאַרזיכערונג. קרוזע האָט נישט געהאַלטן פון קיינע אָרגאַניזאַציעס, פיינט געקראָגן ראַבינאָוויטשן, ווען יענער האָט דערמאָנט, אַז מען דאַרף זיך אָרגאַניזירן, געזען אין אים אַ דורכגעטריבענעם פירער פון אַ יוניאָן, אַ סאָציאַליסט; און סאָציאַליסטן האָט ער פיינט געהאַט תכלית שנאה. ער האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט אַ פּלאַן, אַז אויב מען וויל באַקעמפן סאָציאַליזם, דאַרף מען איינפירן, מען זאָל לערנען אין די שולן דאָסטאָיעווסקיס „ביעסי״.

– מיר זעען שיין אויס, – האָט ראַבינאָוויטש צוגענומען די פופ־ציק סענטיקע – אַ העברעאישער לערער האָט אַ שיין פּנים, ס׳מאַכט נישט!

– יע, – האָבן עטלעכע שטימען פאַרענדיקט מיט ראַבינאָוויטשן.

עס איז געוואָרן שטיל. ראַבינאָוויטש איז געווען צופרידן, וואָס ער האָט געמאַכט פיר מיטגלידער, און זיך שוין געקליבן אַוועקצוגיין. שוואַרץ האָט זיך פאַרגעסן, אַז ער האָט נאָר וואָס זיך געקלאָגט, גע־גלויבט, אַז ראַבינאָוויטש וועט אַלץ פאַר אים איינאָרדנען, זיין חושב־דיק אויסזען איז פאַרשוווּנדן, און ווי אַ זיידענער יונגערמאַנטשיק מיט אַ לייכטן קאָליר אין די בלאַסע באַקן, האָט ער זיך אַוועקגעזעצט אין אַן עק טיש און אַרויסגענומען אַ פּעקל מיט כתבים. ער האָט זיי צע־לייגט, געקוקט אויף זיסקינדן און זיך געבעטן עפּעס מיט די אויגן.

– האָסט עפּעס אָנגעשריבן? – האָט זיסקינד אים געפרעגט.

— אָנגעוואָרפֿן אַ פּאָר חרוזים, טאַקע היינט... ס'איז געווען שווער אויפֿן האַרץ... מען דאַרף זיי נאָך איבערשרייבן... האָב איך אָנגעשריבן אַ מין קינה אויף אונזער גורל... כ'מיין — האָט ער זיך געריטלט ווי אַ מיידל — דער רעיון האָט געדאַרפֿט זיין, ווי אַזעלכע יונגעלייט, ווי מיר, מאַטערן זיך... אַז ס'וואָלט געווען ווו צו דרוקן? — האָט ער פֿאַר־ענדיקט מיט אַ זיפֿץ.

— לייען, — האָט זיסקינד זיך נענטער צוגערוקט.

קרוזע האָט אַ נישטאויפגעלייגטער זיך צוריק צוגעשלעפּט צו דער קאַנאַפּע, געוואָלט דערמיט אויסדריקן זיין פּראָטעסט, אַז אַזאַ ייד, ווי שוואַרץ, דאַרף נישט שרייבן, און זיך אויסגעצויגן.

די איבעריקע האָבן אַרומגערינגלט שוואַרצן, וואָס האָט אַרויסגענומען עטלעכע שטיקלעך פּאַפּיר, זיי נישט געקאָנט איינלייגן, זיך נער־ווירט, נאָך אַמאָל זיך אַרומגעקוקט, צי אַלע הערן, און אָנגעהויבן מיט אַ פּוילישער אויסשפּראַך:

נגועי-הזמן

הה! אזעק ואפעה כי לעמל יולדתי,
ואוסיף להתאונן כי בלי מטרה חונכתי,
גם כל אדם כל היום כעבד,
בזעת אפו יעבוד למען מצא זבד.
אבל אוי לאנשים כמוני לריק ייגעו
למלאכה לא למדו ידיהם ולא נגעו
גם להשכלה נפשם אותה בצלה לשבת
פנימה לא באו יוכלו דבשה רדת.
לזאת הולכים כל היום קודר כצללים
חשך משחור תארם, ראשם סחרחר כגלגלים
השקט בל ידעו נפשם פנימה
העבר יקללו, ובהוה לא ימצאו נחמה.
הורים, הקשיבו לאיש מנת כוסו רזה
הן אדע אהבתכם לבניכם כמות עזה
רק באהבתכם הפרוע בלי פלס
תדאגו לצאצאיכם הביאם לגן-עדן בעלס.
אָכן זכרו כי לא מלאכים נחנו
אשר בלא לחם בשמים יחיו ירונו

רק בני תמותה מגושי עפר ירכבון
ובאין לחם ייעפו וילאו ולמעצבה ישכבון.
לכן השיבו אל לבבכם דברי האמתים
בדמי פצעי לבבי המה כתובים וחרותים
יעידו עלימו עדים נאמנים נגועי הזמן
נמצאים בכל מקום נופלים חללים כדומן.
אל תשחיתו מפרי בטנכם רחמיכם ככה
למדום היטב, למדום תורה, למדום מלאכה
וימצאו חן ושכל בעיני אלהים ואנשים
ישבעו לחם ונפשותם אל יהיו יבשים!

בשעת שוואַרץ האָט געלייענט, זענען אַלע געשטאַנען איבער אים געבויגענע און געקוקט אין די שטיקלעך פּאַפּיר מיט אָפענע מיילער. ראַבינאָוויטש האָט אים געהאָלפן לייענען, פאַרענדיקט יעדן פערז פריער פאַרן מחבר און אַ צופרידענער געקוועטשט צו די אַרומיקע מיט די אויגן, פונקט ווי אַ ייד, וואָס קוקט אַ מגיד אין מויל אַריין און אַז דער מגיד הויבט אָן אַ באַקאַנטן פסוק, פאַרלויפט ער אים דעם וועג, ענדיקט דעם פסוק און קוקט זיך אַרום, צי דער עולם באַמערקט זיינע בקיאות.

פרידקין האָט געקוקט אויף די קורצע שורות, נישט געוווסט דעם טייטש פון פיל ווערטער, ווי ער וואָלט אַריינגעקוקט אין אַ שווער שטיקל „פיוט", און זיך געוווּנדערט, ווי ר'נאָך דערוואַקסענע מענטשן, וואָס דאַרפן קלערן וועגן אַ תכלית, גיבן זיך אָפּ מיט אַזעלכע שטותע-רייען. לידער זענען ביי אים אײנגאַנצן געווען אַן איבעריקע זאַך, און זיך אָפּט געחדושט, ווי ר'נאָך מיושבדיקע מענטשן, מיט וועלכע ס'איז אַ פאַרגעניגן צו פאַרברענגען, קאָנען ווערן מיטאַמאָל אַזוי קינדיש און אָנהייבן רעדן אין גראַמען. דאָס איז אַן עסק פאַר אַ בדחן, צי פאַר אַ לץ! אָט איז שוואַרץ – זיך נאָר וואָס געקלאָגט, אַז מען האָט אים געקוילעט אָן אַ מעסער, צוגענומען ביי אים דאָס שטיקל פרנסה, און ווי צעפלאָכטן ער איז מיטאַמאָל געוואָרן, ווי ער וואָלט געווען דער גליקלעכסטער מענטש אויף דער וועלט! אַ קליינינקייט, ער האָט אָנגע-שריבן אַ לידל און אין דער היים שטאַרבן מסתמא ס'ווייב מיט די קינדער פאַר אַ שטיקל ברויט!

קרוזע האָט זיך אויסגעדרייט צו דער וואַנט. פון פּאַרדרוס האָט ער געשפּיגן, געשאָלטן, גערעדט צו זיך אַליין. ער האָט געטראַכט, אַז מען דאַרף אַזאַ ייד, ווי שוואַרץ, וואָס מיינט, אַז פּאָעזיע באַשטייט פון מאַכן גראַמען, אַזוי אָנלערנען, ער זאָל פּאַרזאָגן אַ צענטן נישט צו נעמען אַ פּעדער אין דער האַנט אַריין! ס'איז אַ פּחיתת הכבוד פאַר דער העברעאישער ליטעראַטור, אַזאַ ייד זאָל אַרומגיין און זיך האַלטן פאַר אַ משורר! נו טאַקע, וואָס פאַר אַ ליבע און דרך ארץ קאָן אַ לעזער האָבן צו העברעישע שרייבער, אַז שוואַרץ איז איינער פון זיי? ער האָט נאָר נישט פאַרשטאַנען, ווי ר'נאָך זיסקינד, ראַבינאָוויטש און אפילו דער אידיאָט פרידקין, הערן זיך איין מיט אַזעלכע ערנסטע פּנימער, וועלן דאָך געוויס זאָגן מבינות, זיך שפּאַרן, זיך באַציען מיט דער זעלביקער ערנסטקייט, ווי זיי וואָלטן זיך באַצויגן צו ר' יהודה הלוויס אַ ליד? אָדער ביאַליקס אַ ליד? וואָס טוט זיך דאָ? האָט ער שוין גאָר קיין געשמאַק נישט, צי זיי האָבן נישט?

שוואַרץ האָט געענדיקט, געבליבן זיצן מיט אַ טרוקענעם האַלז, אַן אויסגעליידיקטער, ווי אַן אויסגעקאָכטער טשייניק, זיך געשעמט אויפצוהויבן די אויגן און מורא געהאַט, אַז ס'געפעלט נישט דעם עולם. ער האָט געקוקט אויף די שטיקלעך פּאַפּיר מיט נישט קיין אָנגענעמען נאָך-טעם און אים אַליין האָט זיך איצט אויסגעדאַכט, אַז נישט דאָס האָט ער געוואָלט שרייבן, אַז צום עיקר, צום תּמצית איז ער גאָר נישט צוגעקומען, אַז דאָס וואָס האָט אים אַזוי געקוועלט, וויי געטון, איז געבליבן ביי אים. אויפן פּאַפּיר זענען טויטע ווערטער, אַ טרוקענער פּראָטאָקאָל וועגן צעריסענע שיך, וועגן ווייניק ברויט, און אַז ער וועט שרייען פון היינט ביז איבער אַ יאָר, אַז די שיך זענען ביי אים צעריסן, וועט אים עמיצער גלויבן? ער האָט דערפילט, אַז קרוזע איז גערעכט — ער האָט קיין טאַלאַנט נישט! ער טויג צו גאָרנישט — אפילו צו מלמדות! ער האָט צונויפגעקוועטשט די שטיקלעך פּאַפּיר, זיי צעקנייטשט, אַריינגעשטופּט אין קעשענע. ס'האָט איב מער נישט געאַרט, צי דאָס ליד געפעלט זיי. און אַז ס'וועט זיי געפעלן, טאָ וואָס? וואָס פאַרשטייען זיי? אָט קרוזע, ווען עס געפעלט אים... און ס'האָט אים נאָך מער געקרענקט, וואָס

קרוזע האַלט נישט פון אים, וואָס ער האָט זיך אויסגעדרייט צו דער וואַנט...

די צוהערער האָבן זיך אויסגעגלייכט, זיך איבערגעקוקט, פאַר־שטאַנען, אַז איצט דאַרף מען עפּעס זאָגן, און יעדער האָט געוואָרט, אַ צווייטער זאָל אָנהויבן פריער.

— נישט שלעכט, — האָט ראַבינאָוויטש זיך צעגענצט, אַ צי געטון דעם אויבערשטן טייל פון קערפּער, אים אַ בויג געטון, אַז ער האָט זיך שיר נישט צעבויפגעגאָסן מיטן אונטערשטן, און די אויגן האָבן ביי אים מאָדנע געשמייכלט — אָבער איר ווייסט דאָך, אַז איך בין אַ פּראַקטישער מענטש! די פראַגע איז, צי מען קאָן „מאַכן אַ לעבן" דערפון? כ׳מיין צי די לידלעך באַצאָלן זיך? צי אין אַמעריקע איז דאָ אַ „מאַרקעט" פאַר דער סחורה? ווי איר קוקט מיך אָן, האָב איך אויך אַ מאָל געשריבן, כ׳געדענק, כ׳האָב געשיקט שלח־מנות מיין טאַטן אַ שיר! די צייטן, פאַרשטייט איר מיך, וואָס מען האָט געקאָנט פון לידיק גיין משוגע ווערן, זענען שוין לאַנג אַוועק! אין אַמעריקע ווו „טיים איז מאָני" 1), איז אויב עס באַצאָלט זיך, איז קיין זאַך קיין חרפּה — אפילו לידלעך! נאָר אויב עס באַצאָלט זיך נישט — איז אַן עולה צו פּטרן די צייט...

— פיין ראַבינאָוויטש! פיין! — האָט קרוזע זיך אַזוי צעלאַכט, אַז ער האָט זיך אַזש צוגעהאַלטן פאַרן בויך.

זיסקינד האָט נישט ליב געהאַט ראַבינאָוויטשן, אים געהאַלטן פאַר אַ טרוקענעם נפש, געפילט, אַז ער דאַרף ענטפערן, לאָז ער נישט מיינען, אַז געלט האָבן הייסט רייך זיין! ער האָט געהאַט אָן אַ שיעור פאַקטן, אויף וועלכע אים צו צעשלאָגן, זיך נישט געקאָנט באַפרייען פון אַ נאָר וואָס איבערגעלייענטע פּראַזע, ווי פון אַ פאַר־עקשנטער פליג — אַז אָן ברויט קאָן יעדער מענטש לעבן אַ טאָג, אָבער אָן פּאָעזיע נישט — און אָפּגעהוסט:

— ראַבינאָוויטש, איר זייט אומגערעכט...

— ניין, פריינט זיסקינד, — האָט ראַבינאָוויטש אים איבערגע־האַקט — אַ שאָד וואָס ס׳איז איצט שפּעט, מיר וועלן נאָך רעדן דערפון,

1) צייט איז געלט.

ביי אַ געלעגנהייט, וועט איר זען, אַז איך בין גערעכט — און ער האָט זיך געווענדט צום עולם — יידן, ווער פון אייך גייט?

פרידקין און שוואַרץ האָבן זיך אויפגעשטעלט:

— אַ גוטע נאַכט!

— אַ גוטע נאַכט!

— אַ גוטע נאַכט! — האָט זיסקינד זיי באַגלייט און אָנגענומען שוואַרצן פאַר אַ האַנט. — איר דאַרפט נישט הערן, וואָס ראַבינאָוויטש זאָגט אייך, דאָס איז אַ סוחר, וואָס האָט זיין אייגענע נשמה פאַרהאַנדלט, אויב איר פילט, אַז איר האָט וואָס צו שרייבן — שרייבט.

— איר מיינט, כ׳נעם זיך צום האַרצן וואָס יעדער זאָגט? — האָט שוואַרץ האַרציק געדריקט זיסקינדס האַנט. — אויב אַזוי וואָלט איך שוין לאַנג געדאַרפט אויפהערן שרייבן! מען האָט גרעסערע פּאַ-עטן פון מיר אָרונטערגעריסן! נו, אַ גוטע נאַכט!

— אַ גוטע נאַכט! נו, קומט אָפטער!

אין אָפענעם שלאָפצימער, ווו זיי זענען פאַרבייגעגאַנגען, זענען געלעגן זיסקינדס ביידע יינגלעך אין ווייסע, לאַנגע נאַכט-העמדער, געשלאָפן מיט פאַרוואָרפענע הענטלעך, איינער אַרום דעם צוויטנס האַלז. אויף זייערע פּנימער איז געלעגן אַזאַ רויקייט, ווי זיי וואָלטן געשמייכלט, און ס׳איז שווער געווען פאַרבייצוגיין, מען זאָל זיך נישט אָפּשטעלן. צוקאָפּנס איז געזעסן די באָבע מיטן צע-עפנטן מויל, ווי אַן איינגעפאַלענער קבר, געהאַלטן אַ טלית-קטנדל, דערזאָגט די לעצטע ווערטער פון „המפיל" און זיך נישט געכאַפּט, אַז די קינדער שלאָפן שוין.

שוואַרץ איז געבליבן שטיין אַ צעשטראַלטער, אָפּגעשטעלט זיינע באַגלייטער:

— קוקט!

זיי האָבן זיך איינגעקוקט, ווי די קינדער שלאָפן, גאָרנישט געזען און געהויבן מיט די אַקסלען:

— וואָס איז דאָ נתפעל צו ווערן, — האָט ראַבינאָוויטש געעפנט די טיר — ס׳ערשטע מאָל זעט איר, ווי אַ באָבע לייענט מיט אייניקלעך קריאת-שמע?

שוואַרץ האָט נישט געענטפערט, בלויז געפילט, ווי מען וואָלט אים אָפּגעגאָסן מיט קאַלט וואַסער.

אַז קרוזע איז געבליבן מיט זיסקינדן, האָט ער אים גע-פרעגט:

— נו, ווי איז אייך געפעלן דער שיר?

— ס'איז גאָרנישט.

— טאָ פאַרוואָס האָט איר עס אים נישט געזאָגט?

— בין איך דאָס מחויב יעדן איינעם צו פאַרשאַפן עגמת-נפש? און אַז כ'וועל אים זאָגן, וועט ער אויפהערן שרייבן? אַ מענטש האָט אַ שטיקל נחת אין לעבן, דאַרף איך עס אים נישט צעשטערן!

— פון אייער שטאַנדפּונקט, — האָט קרוזע זיך געבייזערט — וואָלט מען קיין קריטיק אינגאַנצן נישט געדאַרפט.

— ס'קאָן זיין אַז נישט, — האָט זיסקינד זיך פאַרקלערט — איבעריקנס, האָב איך וועגן דעם קיינמאָל נישט געטראַכט.

— אויב איר וואָלט געווען אַ רעדאַקטאָר, — האָט קרוזע שוין געשמייכלט — וואָלט איר יעדן „קרענק" געדרוקט, האַ?

זיסקינד האָט נישט געענפערט.

— און איך, — האָט קרוזע צוגעלייגט אַ פינגער צום האַרץ — וואָלט דעם גרעסטן יידישן שרייבער נישט געדרוקט, אויב אין זיין זאַך וואָלט געפעלט דער יידישער באַגריף פון שיינקייט!

— קיין נייס, — האָט זיסקינד געשמייכלט — אחד העם האָט עס שוין געטון פאַר דיר. כ'האָב דיר שוין נישט איינמאָל געזאָגט, אַז איר האָט פאַרוואַנדלט דאָס יידנטום אין אַ דאָגמע, פון רמב"ם ביז אחד-העמן, און מערקווירדיק, אַז ס'יידישע פאָלק האָט נישט געוואָלט אייער טובה, אייך תמיד גערודפט!

— ווי איך זע רעדן פון דיר די „ספירות" אַרויס, — האָט קרוזע געקוקט אויף אים מיט אַ ביטול — וועסט שוין באַלד באַשאַפן אַ גולם אויך, האַ?

זיסקינד האָט נישט געענטפערט. עס איז געוואָרן אַזוי שטיל, אַז מען האָט געהערט, ווי די שלאָפנדע עטעמען אין צוייטן צי-

מער. זיסקינד האָט געוואָלט גיין שלאָפן, אויס לאַנגווייליקייט יעדן אָוונט געבליבן זיצן מיטן „באָרדער", געוווסט, אַז קרוזע וועט זיך קלאָגן, ער גייט שטאַרבן, ער וועט אים טרייסטן, אין האַרצן אָבער האָט ער זיך געשראָקן, פיל מאָל נישט געקאָנט איינשלאָפן, געמיינט, אַז קרוזע וועט זיך אַ וואָרף טון אויף אים מיט זיין געפאַלדעוועטן בויך, דעם טערמאָמעטער אין מויל און וועט אים דערשטיקן. פון קרוזעס פלאַן וועגן זיין העברעאישן וואָכנבלאַט, איז דער שמועס תמיד איבערגעגאַנגען אויף רעליגיע, פון רעליגיע אויף לערעריי, פון לערעריי אויף קרוזעס קרענק און אַזוי אַן אָוונט נאָך אַן אָוונט.

— כ'דאַרף אויפגעבן די „היברו", — האָט קרוזע צוריק אַריינ־גענומען דעם טערמאָמעטער אין מויל — כ'טאָר זיך נישט אויפרעגן, דאָס הרגעט מיך אַוועק!

— אַז דו טראַכסט צופיל פון מאָגן, — האָט זיסקינד זיך אַראָפּ־געלאָזט צופוסנס פון דער קאַנאַפּע — הער אויף טראַכטן, וועסטו זיין געזונט!

— אַז ס'איז נישט בלויז דער מאָגן. — האָט קרוזע זיך פאַרענט־פערט. — הערט אויף דער מאָגן, טוט מיר ווי ס'הארץ, כ'שלאָף קיין נעכט נישט, מיט איין וואָרט, כ'פיל ווי די קרענק צעוואַקסט זיך אין מיר, ווי זי וואָלט געהאַט טויזנטער לאַפּעס, יעדע לאַפּע גראָבט זיך אַריין מיט אירע נעגל אין אַן אַנדער גליד און נאַגט, נאָגט מיר אַרויס דעם מאַרך פון די ביינער! וואָס ווייסטו? כ'פיל, אַז אויב כ'וועל נישט אויפגעבן די „היברו", איז נאָך מיר! נעכטן זיצנ־דיק אין סקול האָב איך געמיינט, אַז ס'עקט זיך מיט מיר! ס'האָט מיר מיטאַמאָל גענומען שווינדלען פאַר די אויגן, און כ'האָב דערזען, ווי די קינדער אַרום מיר בלעקן אַרויס די צינגלעך. כ'ווייס נישט וואָס ס'איז געווען מיט מיר, נאָר ערן־וואָרט, כ'וועל שווערן, ווי די צינגלעך האָבן גענומען וואַקסן, געוואָרן דין ווי פלעמלעך, דורכגע־ברענט מיר די קליידער און ווי פּיאַווקעס גענומען מיר נאָגן ביים האַרצן, אַז ס'איז מיר נישט גוט געוואָרן.

די מעשה האָט זיסקינדן דורכגעשוידערט. ער האָט מורא

געהאַט צו קוקן קרוזען אין די אויגן אַריין, זיך אָבער געמאַכט קו־ראַזש:

— אַז דו רעדסט אַזעלכע מעשיות, ביסטו דאָך אַן אמתער משוגענער!

— קיינער ווייסט נישט ווען דער שוך קוועטשט! — האָט קרוזע אָפּגעזיפצט און זיך אויסגעצויגן מיט פאַרוואָרפענע הענט, ווי ער וואָלט אַוועקגעפאַלן.

עס איז געוואָרן נאָך שטילער. יעדער האָט געקוקט אין אַן אַנדערע זייט, ווי זיי וואָלטן זיך נישט געוואָלט טרעפן איינער מיטן צווייטנס בליק. קרוזע האָט זיך איינגעקוקט אין דעם ברודיקן מאַנ־זשעט, ווו די ציפערן זענען געווען אויסגעשטעלט, פאַרשנירלט דעם שטערן און איבערגעריסן די שטילקייט:

— פון בראָנשווייגער צעטעלעך האָלסטו עפּעס?

— ס'איז אַ ראַיעלע לאָטעריי.

— וועסט אפשר זיין אַ שותף צו אַ האַלבן לאָז?

— וואָס פאַר אַ נומער האָסטו?

— אַ נומער! ? דאַכט זיך, באַלד — 2223.

— אויב דו קאָנסט קריגן ביי דיין „קאָלעקטאָר" 4545, וועל איך נעמען.

— רעכנסט דער נומער איז מער מזלדיק? — האָט קרוזע גע־שמייכלט.

— כ'ווייס נישט, — האָט זיסקינד זיך פאַרלוירן — כ'ווייס נאָר, אַז אויף 4545 האָט מיין טאַטע געוווינען, דערנאָך מיינער אַ פעטער, איצט מיינער אַ ברודער, דערצו איז יוד הא ואו הא בגמטריה 45, פאַרשטייסט?

— זיסקינד! זיסקינד! — האָט זיך געהערט ווי בערטע רופט פון אַן אַנדער צימער — צייט צו מאַכן נאַכט! דער „גאַז־ביל" 1) איז שוין אַזוי אויך גרויס!

— טאַקע שפּעט, — האָט זיך זיסקינד אויפגעשטעלט — אַ גוטע נאַכט!

---

1) חשבון פון גאַז.

— אַ גוטע נאַכט! — האָט זיך קרוזע אויסגעדרייט צו דער וואַנט, געטראַכט, אַז ער וועט מאָרגן אויסטוישן ס׳צעטעלע, פּרובירן ס׳מזל. ער האָט פאַרגעסן, אַז ער איז קראַנק, געבליבן ביז אַ שטיק אין דער נאַכט נישט קיין אויסגעטונענער, געחלומט, אַז האָט געוווּנען ס׳גרויסע געווינס, און ער, קרוזע, גיט אַרויס אַ מאָדערנעם העברעישן וואָכנבלאַט.

V

גרין איז געזעסן ביי זיך אין צימער און איבערגעשריבן אַ דרשה פון „אַמעריקאַנער רעדנער" פאַר זיינעם אַ תּלמיד, וואָס האָט געדאַרפט די טעג בר־מצוה ווערן.

דאָס איבערשרייבן איז אים נמאס געוואָרן, האָט ער אַ שאַר געטון פון זיך דאָס פּאַפּיר, פאַרצויגן אַ ציגאַרעט און געהאַט פאַר־דרוס, וואָס ער פּטרט זיינע טעג אין אַ „היברו־סקול", ווען אבערן גאַנצן לאַנד האַלט מען אין איין עפענען פאָלקסשולן. ער האָט נעכטן געהערט, ווי אַ קלאַס יינגלעך מיט מיידלעך האָבן געזונגען זיינס אַ ליד, האָט ער אַזש געציטערט פון פרייד, געוועזן זיכער, אַז זיין אַרבעט איז נישט אַרויסגעוואָרפן, און די שטענדיקע ספקות, צי מען דאַרף שרייבן יידיש, זענען פאַרשוווּנדן. ער האָט אפילו געהאַט אַ פּלאַן ווי יידיש צו מאַכן פאַר אַ וועלט־שפּראַך. מען דאַרף נאָר אָנשרייבן אין יידיש אַ ווערק, וואָס זאָל מרעיש עולם זיין, וועלן שוין גוים אויך אָנהויבן צו לערנען יידיש. ווי איינפאַך!

ער האָט אַ קוק געטון אויף דער איבערגעשריבענער דרשה, צו־ריק דערפילט די וואָכעדיקייט, אַרויסגענומען דעם דינעם, שוואַרצן זייגער און זיך געחדושט, פאַרוואָס מיס שולץ קומט נישט. אים איז סתם געפעלן, וואָס אַן אַמעריקאַנער מיידל, אַ געענדיקטע פון „נאָרמאַל קאָלעדזש", דרייט זיך אַרום אים, זעצט איבער זיינע לידער אין ענגליש, רעדט אַ קאָמישן יידיש, איז פאַראינטערעסירט אין די פאָלקס־

שולן. ער איז זיכער געווען, אַז מיסטער שולץ קלויבט זיך אים מאַכן פאַר פרינסיפּאַל, און זיך שלעכט געפילט, וואָס דורך אים וועט מען צונעמען ביי פרידקינען די שטעל, כאָטש ער האָט גע־האַלטן, אַז די פרידקינס זענען אַ קללה פאַר די אַמעריקאַנער תּלמוד־תּורות.

גרין האָט גענומען שפּרייזן איבערן צימער, יעדע ווײַלע אַרויס־גענומען פון דער אויבערשטער קעשענע, פון זיין פריש געוואַשענעם „פאַלם־ביטש" אַנצוג, אַ ברייטן, ווײַבערשן קאַם, שטאָלץ פאַרריסן דעם קאָפּ, פאַרקעמט די צעוואָרפענע האָר, וואָס זענען גלייך ווידער צעפאַלן פאַסמעסווייז איבערן שטערן, און אינגאַנצן האָט ער דערמאָנט אי אַ דענדי, אי אַ פריזירער.

ער האָט זייער געוואָלט פּטור ווערן פון מאַדאַם בליאַש, אַ פרוי פון אַ יאָר פערציק, אַן אָנגעשטעלטע אין די פרויען־שוץ־געזעלשאַפט, וואָס דערגייט אים די יאָרן מיט אירע ליבע־בריוו און סטראַשונקעס פאַר לי לעצטע עטלעכע וואָכן. ער האָט היינט ווידער באַקומען פון איר אַ בריוו, ווו זי זידלט אים, רופט אים מערדער, בעט זיך, ער זאָל היינט צו איר קומען, סטראַשעט, אַז זי וועט זיך סמען.

גרין האָט געוווּסט, אַז דאָס אַלץ איז אַ ליגן, אַז זי וועט זיך נישט סמען, אַז ווען זי שרייבט די אַלע סטראַשונקעס, שמירט און פודערט זי זיך בעת־מעשה, זי זאָל אויסזען יינגער.

ער האָט אויך געטראַכט פון מאַדאַם שאַפיר, דעם יינגלס מו־טער, וועמען ער האָט צוגעגרייט צו בר־מצוה, און געפילט, אַז מען דאַרף זיך באַפרייען פון די ווייבער.

עס האָט זיך געהערט אַ קלאַפּ אין טיר.

גרין האָט אויף גיך באַהאַלטן מאַדאַם בליאַשס בריוו און צו־געגאַנגען צו דער טיר:

— ווער איז דאָס?

— איך!

— אַ, בעסי! הייסט עס, וווּ שטייסטו, וווּ? הינטער דער טיר?

און ער האָט זי געעפנט.

פאַר אים איז געשטאַנען מאַדאַם בליאַש אין אַ לייוונטענעם

„גאָרפּאָלק" אָנצוג ביז צום טריט. אויפן קאָפּ האָט זי וווּלערישׂ גע-טראָגן אַ קליינע מענערישע פּאַנאַמע, אַרומגענומען מיט אַ קרעם וואָל, ווו פון הינטן האָט זי זיך נאָכלעסיק פּאַרקניפּט, און וואָס איז אַראָפּגעפאַלן איבער די פּלייצעס ווי אַ פליגל. אַ מישמאַש פון פּאַר-פומען האָט אים אַ זעץ געטון אין פּנים אַריין.

גרין דערזעענדיק מאַדאַם בליאַש, האָט זיך עטוואָס פּאַר-לוירן. ער האָט חשק געהאַט צו פּאַרמאַכן הינטער איר די טיר, זאָגן, אַז ער וויל זי מער נישט זען, נאָר ער האָט כלומרשט אַ שמייכל געטון:

— האַלאָו, גוט וואָס איר זענט געקומען, כ'האָב זיך נאָר וואָס געקליבן גיין צו אייך.

מאַדאַם בליאַש איז אַריין, זיך אַוועקגעזעצט אויף גרינס בעטל, אַראָפּגעוואָרפן די פּאַנאַמע, זיך פּאַרריכט די האָר, איינגעצויגן די ליפּן און אַרויסגעבלעזלט:

— טאַקע — — — און ווו וואָלט איר בעסין געלאָזט?

— וואָס הייסט? — האָט גרין פון דער זייט אַ קוק געטון אויף איר און געפילט, ווי די צונג פּלאָנטערט זיך ביי אים — כ'וואָלט זי מיטגענומען.

— איר ווייסט דאָך, אַז איך האָב פיינט „בייבעס", ביי מיר איז נישט קיין קינדער-גאָרטן — האָט זי גאַליק צונויפגעדרייט די ליפּן ווי אַ שנוק, זיך אויפגעשטעלט און מיט פּאַרלייגטע הענט אויף הינטן געגומען גיין איבערן צימער.

זי האָט פונאַנדערגעקנעפּלט דעם זשאַקעט, פּאַרבייגייענדיק אַריינ-געלאָזט אַ האַנט אין זיינע פּאַסמעס האָר און ווייך גערעדט, כמעט זיך געפּיעשטשעט:

— קומט, גרין, לאָמיר צופאָרן צום ים. ס'איז אַזאַ היץ...

גרין האָט דערפילט ווי שווערע נעפּלען פּאַרפּום הילן אים איין, געשראָקן זיך, בעסי זאָל יעדע ווײַלע נישט אָנקומען, לייכט אַרויסגעדרייט דעם קאָפּ פון איר האַנט און זיך געבעטן ביי איר:

כ'קאָן איצט נישט פאָרן, כ'בין זייער פּאַרנומען. איר זעט — האָט איר געוויזן אויף דער איבערגעשריבענער דרשה — כ'מוז דאָס פּאַרטיק מאַכן אין אַ שעה אַרום.

— הייכט עס, מען דאַרף אייך לאָזן אַליין. — האָט מאַדאַם בליאַש אויסגעשטרעקט דעם קאָפּ, ווי זי וואָלט זיך איינגעהערט. געזען, אַז גרין עטנפערט נישט, האָט זי זיך אויסגעגלייכט און אַ צישע געטון מיט די ציין. — שרעקט נישט, כ׳וועל אייער בעסין נישט קאַליע מאַכן, אומשולדיקע מיידלעך שלעפּן זיך נישט אַרום ביז האַלבע נאַכט אין „טשאַיניטאַון״! וואָס איך קאָן איר יאָ זאָגן איז, אַז זי זאָל זיך אויסוואַשן דעם קאָפּ!

— אָבער צו וואָס די אַלע רייד? — האָט גרין אַ זעץ געטון מיט דער פויסט אין טיש אַריין. — איך בעט אייך, לאָזט מיך איצט אַליין!

— וואָס מיינט איר, וואָס? איר וועט דאָס מיך טרעטן מיט די פיס, מיין בלוט מיר צאַפּן לעבעדיקערהייט? — האָט מאַדאַם בליאַש פון כּעס צעשפּרייט די הענט, אויסגעבויגן די פינגער מיט די פאַר־שאַרפטע, מאַניקיורטע נעגל, וואָס האָבן געפינקלט ווי ביי אַ קאַץ. — אַזוי באַהאַנדלט מען דאָך נישט קיין... פּאָדליעץ! ניין, כ׳גיי איצט נישט אַרויס פון דאַנען! איר זענט דאָך אַ דאָן-זשואַן, אַ „יובאָטשניק״, און אייער סמאַרקאַטשקע וועל איך די אויגן אויסדראַפּען;

עס האָט זיך געהערט, ווי עמעצער לויפט איבער די טרעפּ, באַלד נאָכדעם אַ קלאַפּ אין טיר.

גרין איז איבער אַ רגע געבליבן זיצן אַ צעטומלטער, ווי ער וואָלט נישט געוווּסט וואָס צו טון, און אַ בלאַסער געעפנט די טיר. בעסי איז אַריין מיט צוויי טונקל-באָרדאָ טוליפּאַנען אין דער האַנט. די אויבערשטע ליפּ איז געווען אַזוי באַטעמט פאַרשאַרצט, די עטלעכע ציין האָבן פון צופיל ווייסקייט אַזש אַרויסגעבלענדט פון מאַטן פּנים, אַז יעדער פאַרבייגייער, ווער עס האָט זי נאָר באַמערקט, האָט איר געמוזט נאָכגעמאָל אַריינקוקן אין פּנים אַריין. זי האָט זיך געוואָלט אַרומכאַפּן מיט גרינען, נאָר דערזעענדיק מאַדאַם בליאַש, איז איר אויבערשטער טייל פון קערפּער געבליבן אין אַ פּאָזע פון נישט קיין פאַרענדיקטער באַוועגונג. מאַדאַם בליאַש האָט זיך מיט איר באַגריסט ווי מיט אַן אַלטן גוטן פריינט.

— האַללאָו, בעסי דאַרלינג (טייבעלע)! וואָס מאַכט איר? איר זעט גוט אויס! אָ, גוט וואָס איר זענט געקומען. — האָט מאַדאַם

בליאַש זיך גענומען צורעכט מאַכן די פריזורע. — כ׳אַרבעט שוין מיט גרינען איבער אַ שעה, ער זאָל קומען פאָרלעזן אויפן ליטעראַרישן אָוונט פון די שטריקנדיקע דרעס־מייקערינס 1). און עס גייט נישט. איך רעכן, אַז איר וועט געוויס ביי אים פועלן!

— מיסטער גרין, פאַרוואָס זאָלט איר טאַקע נישט גיין? — האָט בעסי זיך ביי אים געבעטן.

גרין האָט געשמייכלט, צוגעשטעקט ס׳פּנים צו די טוליפּאַנען און זיך אַ קרום געטון:

— דאַכט זיך זייער אַ שיינע בלום און שמעקט נישט.

— מען זאָגט דאָך: טוליפּאַנען זענען ווי שיינע מיידלעך, — האָט מאַדאַם בליאַש אַריינגעוואָרפן — וואָס שענער — אַלץ פּוסטער!

— מיסטער גרין, זאָגט איר מיר צו? — איז בעסי צוגעשטאַנען צו אים.

— וואָס איז שייך, — האָט גרין אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ, און די האָר זענען אים אַריין אין די אויגן — אַז מיס שולץ הייסט, מוז מען! כ׳האָב טאַקע אַ ניי ליד היינט אָנגעשריבן, כ׳האַלט עס פאַר אַ מייסטערווערק, די בעסטע זאַך, וואָס איך האָב ווען געשריבן!

— אָ, מיסטער גרין... — האָבןביידע מיטאַמאָל גענומען זיך פּיעשטשען, לעזט עס פאָר, פּליעז!

גרין האָט גענומען דעם בויגן פּאַפּיר מיט דער בר־מצוה דרשה זיך געשטעלט אין מיטן צימער און מיט פּאַטאָס געזאָגט:

— „ווערטער פאָטער, טייערע מוטער, פריינדע און געערטעס פּובליקום!

„איך האָיטע דרייצן יאָר אַלט געוואָרדן...”

מאַדאַם בליאַש האָט זיך געקייקלט פון געלעכטער. מיס שולץ האָט נישט געוווּסט, וואָס דאָ קומט פאָר, נאָר זעענדיק ווי מאַדאַם בליאַש לאַכט, האָט זי אויך געלאַכט, זיך געבעטן ביי גרינען ער זאָל איר זאָגן וואָס דאָס איז.

1) שניידערינס, מאָדיסטקעס.

דערווייל האָט זיך מאַדאַם בליאַש אַוועקגעזעצט שרייבן אַ בריוול גרינען. זי האָט געוויזן, אַז זי שטייט העכער פון אַלע קליינלעכ־קייטן, לאָז ער נישט מיינען, אַז זי איז עפּעס אַ יענטע, זי קאָן תמיד פאַרבויגן, ווען עס האַנדלט זיך וועגן איר, און אים עטלעכע מאָל געבעטן, ער זאָל למען השם נישט פאַרגעסן צו זיין היינט ביי איר.

זי איז אויפגעשפּרונגען כּלומרשט אַ צופרידענע, זיך ווילדעריש אָנגעטון די פּאַנאַמע, איבערגעבויגן די וואַל פון פאָרנט און גע־כאַפּט אַ קוק אין שפּיגל.

— איצט פּאַק איך זיך שוין! גוד־באַי, בעסי, פאַרבלאָנדזעט אַמאָל! און איר, — האָט זי זיך אויסגעדרייט צו גרינען — פאַרגעסט נישט צו זיין איבער אַכטאָג זונטיק, פּונקט אַכט אור אין אָוונט, און אייער „מייסטערווערק", — האָט זי זיך צעלאַכט — לאָזט אין דער היים!

— ווי דען, ווי דען... — האָט גרין אונטערגעברומט, זי אַרויס־באַגלייט און געדאַנקט גאָט, וואָס ער ווערט זי שוין פּטור.

ביי דער טיר האָט זי אים אַריינגעשטעקט אין דער האַנט דאָס בריוול.

---

אַז זיי זענען געבליבן אַליין, האָבן זיי זיך דערפילט פרייער און זיך צעשמייכלט. בעסי האָט זיך אַוועקגעזעצט ביים טיש, און איידער גרין האָט זיך געכאַפּט וואָס זי טוט, האָט זי שוין געהאַט איבערגעלייגט יעדעס פּאַפּירל, יעדעס בוך, און אויפן טיש איז אויס־געוואַקסן אַ באַרג שמות, ווי אָנגעגרייט אַרויסצוואַרפן.

— מיס שולץ, גאָט איז מיט אייך, — האָט גרין אַרויפגעלייגט אַ האַנט אויף די אָנגעוואָרפענע פּאַפּירן — וואָס ווילט איר פון מיינע כּתבים?

— אָ, אַנטשולדיקט, מיסטער גרין, — האָט בעסי זיך געכאַפּט, וואָס זי האָט דאָ אָפּגעטון, געהאָלפן גרינען צוריק אַריינלייגן די פּאַפּירן און גיך אַ פרעג געטון: — ווען גייען מיר אין גרינוויטש־ווי־לעדזש?

— אין אָוונט. איצט איז נאָך צו פרי.

— ווייסט איר גאָר וואָס ? — האָט בעסי אים אָנגעכאַפּט פאַר אַ האַנט, — קומט צו אונז, וועלן מיר עסן צוזאַמען אָוונט-ברויט און דערנאָך וועלן מיר צופאָרן, גוט ?

גרין האָט געקנייטשט אַ ווײַלע דעם שטערן, ווי ער וואָלט געוועז אין אַ פאַרלעגנהייט און אָנגעהויבן שטאַמלען :

— צו וואָס גייט איר איצט אַהיים ? בלייבט דאָ, און אויב ס׳הונגערט אייך, וועלן מיר צוגיין אין אַ רעסטאָראַן !

— נאָו, מיסטער גרין, — האָט בעסי פאַרשאַרצט די אויבערשטע ליפּ און געשמייכלט מיט צוויי ציין — כ׳האָב צוגעזאָגט אַהיימצוקומען ! איר האָט פאַרגעסן, אַז היינט איז פרייטאָג-צונאַכט ? קומט, מיין מוטער קאָכט אַזעלכע גוטע פיש, זיסע, ווי איר האָט ליב. קומט מיט, איך בעט אייך !

גרין האָט נישט געענטפערט. זיך געוווּנדערט, ווי ר׳נאָך איז אים מיטאַמאָל פרידקין געקומען אויפן זינען, זיך דערמאָנט אָן די זיסע פיש און זיך צעשמייכלט.

— כ׳וועל אייך זאָגן דעם אמת, מיס שולץ, כ׳האָב זיך שוין אַזוי אָפּגעוווינט פון אַ פאַמיליע, אַז כ׳פיל זיך נישט גוט צווישן עלטערע מענטשן...

— אָ, קומט, — האָט בעסי זיך געפּיעשטשעט, נישט איינגעשטאַנען אויף אַן אָרט און דערמאָנט אַ קעצל, ווען ס׳לאַשטשעט זיך — איר וועט זיך גוט פילן, איר וועט זען ! איר דאַרפט שוין קאָנען מיין פאָטער, ער איז דאָך אַזאַ גוטער, און כ׳וועל אייך פאַרטרויען אַ סוד, — האָט זי זיך צעלאַכט, געוואַרט אַ ווײַלע, אַבי אים צו פאַראינטערעסירן — מיין מוטער גלייכט (ליבט) אייך, זאָגט אַז איר מוזט זיין זייער אַ קלוגער...

— טאַקע ? — האָט זיך גרין עטוואָס פאַרלוירן.

זי האָט אַ כאַפּ געטון זיין שטרויענעם הוט, אים אָנגעטון גרינען איבער אַן אויער, אים באַטראַכט פון אַלע זייטן, ווי אַ מאָדעל, און זיך געבויגן פון געלעכטער.

גרין האָט מיטגעלאַכט, אָנגענומען מיס שולץ פאַר די הענט,

געקוקט איר אין די אויגן, האָט זי נישט אויסגעהאַלטן, זיך אַרויסגעדרייט און אַן עפן געטון די טיר:

— קומט!

---

איבער די קליינע הילצערנע הייזלעך, נישט ווייט פון באָטאַנישן גאָרטן, האָט זיך געצויגן אַ בלויער הימל, דורכגעשפּרייט מיט בלוטיקע פּאַסן. ערטערווייז זענען די פּאַסן געווען צעדריוולט, און די פעדים האָבן זיך צעצווייגט אין דער בלויקייט ווי שטיקלעך רעגנבויגן. די פּאַסן זענען געוואָרן טונקעלער, ברייטער, זיך צונויפגעגאָסן, און איבערן הימל זענען געשווומען קאָלירטע בערג, טייכן און חיות.

זיי זענען געגאַנגען געאָרעמט, געקוקט, ווי די זון פאַרגייט, און געשוויגן. פון ביידע זייטן וועג, אויף די גרינע לאָנקעס, האָבן מיידלעך געשפּילט אין טעניס, אין פּילקע, געלעגן שורות-ווייז אויפן גראָז, געזונגען, געגודערט, און מיט זייערע קאָלירטע, פליענדיקע קליידער, לייכטע טריט, האָבן זיי פול געמאַכט די לופט און אויסגעזען פון דער ווייטנס, גלייך מען וואָלט פונאַנדערגעלאָזט אַלע פייגל פון זאָאָלאָגישן גאָרטן.

גרין איז געווען גוט געשטימט, געקוקט יעדעס מיידל, וואָס איז פאַרבייגעגאַנגען, אין די אויגן, און אַלע האָבן דעמאָלט ביי אים אויסגעזען שיין.

זיי זענען אַריין אין טראַמוואַי. דער טראַמוואַי האָט זיך אויפגעהויבן באַרג-אַרויף — איז פאַר די אויגן געלעגן אַ שטיק פון באָטאַנישן גאָרטן. קליינע נאָדל-ביימלעך, ווי קאַרליקעס, זענען געווען אויסגעזעצט שורות-וויז, ווי ווייט ס'אויג האָט געקאָנט כאַפּן. צווישן די ביימלעך, אין אַ קליין שטייענדיק וואַסער, האָבן זיך געטוקט עטלעכע ווייסע קאַטשקעס און אויסגעזען ווי שטיקלעך דורכזיכטיקע וואָלקן.

גרין האָט פאַרגעסן ווו ער איז, געקוקט אויף די קאַרליקלעך-ביימלעך, אויפן וואַסערל, געפילט אין זיך די בלויע שטילקייט וואָס אַרום, און געווען זיכער, אַז באַלד וועט פון ערגעץ ווו זיך באַווייזן אַ פּרינץ מיט אַ פּרינצעסן, אויך קאַרליקלעך.

דער טראַמוואַי האָט זיך אָפּגעשטעלט. ס'איז ביי אים קיין ספק נישט געווען, אַז מיס שולץ טראַכט דאָס זעלביקע וואָס ער, ווי אַנדערש

האָט נישט געקאָנט זיין, האָט ער געוויזן מיט דער האַנט אויף די קליינע ביימלעך און זיך אַ קער געטון צו איר:

— ס׳פעלט נאָר אַ פּרינץ מיט אַ פּרינצעסן, אמת?

זי האָט צעעפנט אַ פּאָר אויגן, אים אָנגעקוקט ווי אַ חסר־דעה און זיך צעלאַכט:

— אַז כ׳וויס נישט וואָס איר מיינט? רעדט מיט מיר פּראָזע!

גרין האָט זיך עטוואָס פאַרלוירן און איר איבערגעגעבן, וואָס ער האָט געמיינט.

דער טראַמוואַי איז אַראָפּ פון באַרג און מיט אַ קלינגעריי זיך אַריינגעשניטן אין אַ שמוציקער גאַס. פון ביידע זייטן גאַס האָבן אָן אַ סוף זיך געצויגן שורות מיט וועגעלעך. צעווירענע איטאַליענערינס אין טיכלעך, ווי קליינשטעטלדיקע יודישע ווייבער, אַרומגערינגלט פאַר די קליידער מיט קליינע איטאַליענערלעך, זענען געגאַנגען פון איין וועגעלע צום צווייטן, זיך געדונגען, געאַרבעט מיט די הענט, געקויפט מציאות. זייערע געשרייען האָבן טויב געמאַכט, זיך געהויבן איבער די קעפּ, געקרעלט אין האַלז. די רויטע בייטשן קרעלן, די לאַנגע גאָלדענע אוירינגלעך, די שרייענדיקע זיידענע קליידער, די פּערסישע שאַל־טיכער, די קופּקעס ווייבער מיט קינדער אַרום יעדער טרעפּ, זייער גודערן, די וועגעלעך מיט גרינס, וואָס נאָר איטאַליענער עסן, די קופּקעס מיסט אויף טריט און שריט — אַלץ האָט עדות געזאָגט, אַז די גאַס איז אַ שטעטל פאַר זיך אין דעם גרויסן ניו־יאָרק.

— ווי געפעלט אייך עפּעס דאָס איטאַליענישע שטעטל? — האָט גרין זיך געווענדט צו מיס שולץ. — תמיד ווען כ׳בין אין די מקומות, דאַכט זיך מיר, אַז ס׳איז גאָר קיין ניו־יאָרק נישטאָ! ס׳זענען בלויז פאַראַן גאַליציאַנער שטעטלעך, אונגאַרישע, סלאַווישע, כינעזישע...

— און די פינפטע עוועניו? — האָט אים בעסי איבערגעהאַקט.

— וואָס, איר מיינט טאַקע, אַז פינפטע עוועניו האָט צו טון מיט אַמעריקע? — האָט גרין געשמייכלט. — גלויבט מיר, אַז די יודישע העסטער סטריט איז אינערלעך מער אַמעריקאַניש ווי די פינפטע עוועניו.

אַן עלטערער ייד, אַ פּעדלער, באַלאָדן מיט קאָשיקלעך ווייַן איז אַריין אין טראַמוואַי. ער איז געבליבן שטיין אָן אַ זייט, געוואָרפן מיט די אויגן, ווי אַן איבערגעשראָקענער האָז, אויסגעמיטן צו טרעפן זיך

מיט עמעצנס בליק און יעדעס מאָל, וואָס די קאַר האָט זיך אַ טרייסל געטון, האָבן די קאָשיקלעך, וואָס האָבן אַראָפּגעהאָנגען פון זיינע אַקסלען, אים אָנגעהאַקט די זייטן. די פּאַסאַזשירן האָבן געלאַכט פון דעם איינגעהויקערטן יידן, מיט דער אַריינגעמאַכטער באָרד אין וועסטל, ווי זיי באַטראַכטן אַ כינעזער, זיך געוויצלט אויף זיין חשבון, און גרין האָט געהערט ווי זיין שכן, אַ נעגער, האָט געגעבן צו פאַרשטיין דער נעגערטע, מיט וועלכער ער איז געזעסן, אַז דער פּעדלער איז אַ „קעטאָליק דזשו" (קאַטוילישער ייד), און יענע יידן, וואָס אַרבעטן שבת, גאָלן די בערד, זענען „פּראָטעסטענט-דזשוס" (פּראָטעסטאַנטישע יידן). גרין האָט פונם נעגערס אויסטייטשונג זיך אַזוי פונאַנדערגעלאַכט, אַז די גאַנצע טראַמוואַי מענטשן האָבן אים אָנגעקוקט. ער האָט זיך אויפגעשטעלט און געלאָזט דעם ייד זיך זעצן. דער פּעדלער איז געוואָרן דרייסטער, אַפּנים, זיך דערפילט זיכערער אין שכנות מיט אַ יידן און אַ שטופּ געטון גרינען אין דער קני, ווי אַן אַלטן באַקאַנטן:

– לאַנג אין לאַנד?

גרין האָט זיך איבערגעקוקט מיט מיס שולץ, געשמייכלט און געענטפערט:

– נישט לאַנג.

– ס'אַרא לאַנדסמאַן?

– אַ פּוילישער.

– כ'בין דאָך אויך אַ פּוילישער! – האָט דער פּעדלער אַרויסגעשלעפּט פאַר שמחה די באָרד פון וועסטל, געוויזן מיטן גראָבן פינגער פון דער פאַרמאַכטער האַנט אויף מיס שולץ — אייער ווייב?

ער האָט געזען, אַז מיס שולץ האַלט זיך פאַר די זייטן פון לאַכן, האָט ער פאַרשאַרצט דעם שוואַרצן, שטרויענעם קאַפּעליוש, וואָס איז אים געפאַלן איבער די אויגן, און נאַאיוו אַ פרעג געטון:

– אַוודאי אַ כלה?

ער האָט נישט געוואַרט אויף אַן ענטפער, אַרויסגענומען דעם זייגער, אַפּנים, געשראָקן ער זאָל נישט אַריינפאָרן אין שבת אַריין, געזען ווי עס ווערט טונקל, האָט ער זיך פון עגמת-נפש פאַרקוועטשט די ליפּן און גערעדט ווי צו זיך.

– ווי אויף צו להכעיס, שלעפּט זיך היינט די קאַר!

– מאַכט איר כאָטש ביזנעס? — האָט גרין אים געפרעגט.

— געלויבט השם יתברך, נישט צו פאַרזינדיקן, — איז דאָס יידל געוואָרן ערנסט — אַביסל מאַך איך, אַביסל די קינדער, מען קומט דורך!

— און אַ היים, נאָך פוילן מיין איך, בענקט זיך גאָרנישט?

— און אַז ס'בענקט זיך? איך וועל שוין אַהיים נישט פאָרן. די קינדער זענען אַלע דאָ, כ'האָב דאָרט קיינעם נישט. מען קאָן נישט זאָגן, אין דער היים איז ס'לעבן געווען באַטעמטער. צי כ'וואָלט איצט געקאָנט דאָרט זיין, ווייס איך נישט, נאָר גלויבט מיר, ווי כ'בין אַן אָרעמאַן, וואָלט איך זיך פונדעסטוועגן געלאָזט קאָסטן אַ פּופּציקער, כ'זאָל זיך איינמאָל דורכשפּאַצירן איבערן שטעטל.

דער ייד האָט אָפּגעזיפצט, זיך פאַרטראַכט אַ ווײַלע און געענדיקט:

— מען זאָגט, כ'וואָלט עס נישט דערקענט, אַזוי האָט עס זיך פאַר די לעצטע יאָרן אויסגעבויט.

דער טראַמוואַי האָט זיך אָפּגעשטעלט. מיס שולץ האָט אָנגעכאַפּט גרינען פאַר אַ האַנט און זיך געלאָזט צום אַרויסגאַנג:

— אַט זענען מיר!

זיי זענען אַריין אין שטוב. מיסטער שולץ איז זיי אַנטקעגן געקומען. ער האָט האַרציק באַגריסט גרינען, אים אַריינגעפירט אין זאַל און אַ געשריי געטון מען זאָל אַריינברענגען טיי. אַ שבתדיקער ריח פון געקאָכטע פיש האָט זיך געטראָגן פון קיך.

— פון וואַן גייט איר? — האָט דער פאָטער כּלאחר יד אַ פרעג געטון.

— כ'האָב געטראָפן מיסטער גרינען נישט ווייט פון אונזער הויז, — האָט בעסי נישט טראַכטנדיק געענטפערט — האָב איך אים אַרויפגעבעטן.

— גוט, מיין טאָכטער!

גרינען האָט בעסיס ליגן אַ גרילץ געטון אין די אויערן. ער האָט זיך דערמאָנט אָן מאַדאַם בליאַש און זיך געטראַכט, אַז אַלע פרויען זענען גלייך.

מיסטער שולץ האָט אַרויסגענומען פון אַ לעדערנעם שיידל אַ פּאָר ברילן, זיי אויסגעווישט מיט אַ פּאַפּירענעם דאָלאַר, זיי אָנגעטון, צעעפנט איבערן טיש אַ יידישע צייטונג און גענומען לייענען.

---

מיסטער שולץ איז אַריבערגעקומען נאָך אַמעריקע צו אַכצן יאָר. ער האָט מיטגעבראַכט מיט זיך אַ פּעקל מיט העבּרעאישע כּתבים, געחלומט צו ווערן אַ משורר, זיך באַלד אַרומגעזען, אַז קיינער דאַרף עס אין אַמעריקע נישט, און ווי טויזנט אַנדערע אימיגראַנטן, איז ער אַרויס אויף דער גאַס פּעדלען. צום יאָר האָט ער געעפנט מיט אַ שותף אַ קליינעם פּלאַץ „שולץ ענד קאָ". אָנגעהויבן צו אַרבעטן זייער אַ ביליקע סאָרט הויזן און דער ערשטער געגומען פונאַנדערשיקן אַרום ניו־יאָרק פּעדלערס מיט פּעק סחורה, ווו סלאַוון און איטאַליענער האָבן געאַרבעט. מיסטער שולץ האָט אָנגעהויבן זיך אַרויפצואַרבעטן, גענומען קאָנקורירן מיט אַלטע פירמעס און וואָס גרעסער די אימיגראַציע איז געוואָרן, אַלץ שנעלער איז ער געוואַקסן. גרינע יידן, וואָס האָבן נישט געוואָלט אַרבעטן אום שבת, זענען אָנגעקומען צו אים, געווען צופרידן וויפיל זיי האָבן געקראָגן, געאַרבעט אַזעלכע לאַנגע שטונדן ווי אין דער היים. דער פּלאַץ האָט דערווייל געהאַלטן אין איין פאַרגרעסערן זיך, אויס־געוואַקסן אין אַ קורצער צייט אין אַ זעקס־שטאָקיקער געביידע, וואָס איז נאָר מעגלעך געווען אַ דאַנק דער ריזיקער אימיגראַציע, און ווו יידישע פּעדלערס זענען נאָר געווען בנמצא, האָבן הונדערטער דאָלאַרן געהאַלטן אין איין שטראָמען צו שולצן.

אַז די געשעפטן האָבן זיך שוין אַליין געפירט, האָט שולץ זיך אָנגעהויבן צו פאַרזאָרגן מיט אַ ביסל עולם־הבא. ער האָט געקויפט די שול „מחזיקי־תורה", ווו ער איז געווען פּרעזידענט, געעפנט די תלמוד־תורה, זיך אָפּגעגעבן מיט קהלישע זאַכן, מקרב געווען לומדים און געהאָפט, אַז זיין הויז וועט ווערן אַ „בית ועד לחכמים".

אויסערלעך האָט ער זיך כּמעט אינגאַנצן נישט געביטן, פילע פון זיינע עלטערע אַרבעטער, צומיינסטן בן־תורהס, זענען ביי אים געווען איינגייער, געקומען אַ שבת ראש־חודש, אַ יום־טוב, טרינקען אַ גלעזל ווייַן. ער האָט פאַרנומען אַ געוויינלעכן שטאָק אין זיין אייגן הויז און האָט זיך געפירט ווי אַ היימישער רייכער בעל־הבית.

---

בעסי האָט אַריינגעבראַכט צוויי גלעזער טיי, אונטערגעטראָגן איינס דעם פאָטער, דאָס צווייטע גרינען. אַליין האָט זי זיך אַוועק־געזעצט אויבן אָן גענומען אַ יידישע צייטונג און אָנגעהויבן אַזוי קאָמיש

אַרויסצורעדן די ווערטער, אַז אַלע האָבן זיך צעלאַכט.

— אַז דאָס רעדט ווי אַ גוי יידיש! — האָט דער פּאָטער אַ זופּ געטון דעם טיי און זיך אויסגעדרייט צו גרינען. — איר ווייסט, כ'האָב באַשלאָסן צו מאַכן פרידקינען פּאַר אויס פּרינסיפּאַל, איר זענט געדעכט, דער מענטש פּאַסט לחלוטין נישט פּאַר דער שטעל!

— דאָס האָט איר שוין לאַנג געדאַרפט טון!

— ווייסט איר עפּעס פון אַ פּרינסיפּאַל?

— גראָדע איצט נישט, נאָר איר דאַרפט נישט דאַגהן, איר וועט קריגן!

— וואָלט איר אפשר געוואָלט אָננעמען די שטעל? — האָט מיסטער שולץ אַ שמייכל געטון און געקוקט, וואָס פאַר אַן איינדרוק עס וועט אויף גרינען מאַכן.

— כ'וואָלט אָנגענומען, — האָט גרין זיך געקווענקלט.

— וואָס מיינט איר — כ'וואָלט?

— כ'וועל אייך זאָגן דעם אמת, — ס'וועט אויסקומען, אַז איך האָב פרידקינען אַרויסגעשטופּט.

— פרידקין וועט בלייבן, — האָט אים שולץ באַרויקט — ער וועט אַפילו קריגן ביז סוף זמן די זעלביקע שכירות, נאָר פּרינסיפּאַל וועט ער מער נישט זיין. און אויף ווינטער וועט מען אים הייסן זוכן אַן אַנדער שטעל. נו, וואָס זאָגט איר?

גרין האָט גלייך נישט געענטפערט, ווי ער וואָלט זיך געיישובט, נישט געוואָלט אַרויסווייזן, אַז ער איז שטאַרק צופרידן און געזאָגט — כלומרשט אַ גלייכגילטיקער:

— גוט!

— מאַדאַם שולץ האָט אַריינגעשטעקט דעם קאָפּ:

— צייט ליכט בענטשן, האַ?

זי האָט דערזען גרינען, זיס אַ שמייכל געטון:

— האַללאָו מיסטער גרין, איר וועט מיטהאַלטן מיט אונז! נו, נו, קיינע תירוצים!

שולץ האָט אויסגעטון די ברילן, זיי געלאָזט ליגן אויפן טיש, אַריין אין אַ צווייטן צימער, און מען האָט געהערט ווי ער איז מקבל־שבת.

— כ'האָב מורא, — האָט גרין זיך געווענדט צו מיס שולץ, אייער

פֿאָטער וועט אייך נישט לאָזן גיין אין גרינוויטש־ווילעדזש ? 1).

— ער דאַרף נישט וויסן !

— און אַז ער וועט פֿרעגן, וווּ איר זענט אַזוי שפּעט געווען ?

— ער וועט נישט פֿרעגן, — ער גייט באַלד נאָכן עסן שלאָפֿן.

— און די מוטער ?

— די מוטער גייט אויך שלאָפֿן !

— בעסי, בעסי, — האָט זיך געהערט פֿון עס־צימער דער מוטערס קול — זיי אַזוי גוט און נעם אַרויס פֿון דער „סייף" די לייכטער !

בעסי האָט זיך גענומען פֿאָרען ביי דער אייזערנער קאַסע, גרויס ווי אַ האַלבע וואַנט, געדרייט ביים קעפּל פֿון שלאָס, צונויפֿגעשטעלט לויט אַ פֿאָרמעל די ציפֿערן און זי געעפֿנט. זי האָט אַרויסגענומען דריי פּאָר זילבערנע לייכטער, אַ זילבערנע קאַנדעליאַברע, ווי אַ מנורה, אַ שמייכל געטון צו גרינען און אַרויס פֿון צימער.

גרינען איז געוואָרן אומהיימלעך. ווען ער וואָלט נישט געווען קיין בן־בית ביי בעסיס עלטערן, וואָלט אים קיין זאַך נישט געאַרט, אַזוי אָבער האָט ער געהאַט דאָס געפֿיל, ווי ער נוצט אויס די מענטשן, באַנוצט זיך מיט זייער צוטרוי צו אים, טאָ מיט וואָס איז ער בעסער פֿאַר פֿרידקינען ?

אַז מיסטער שולץ האָט אָפּגעדאַוונט, זענען אַלע אַריין אין עס־צימער. דאָס צימער איז געווען אַזוי באַלויכטן, אַז ס'האָט אַזש געבלענדט די אויגן. ביי אַ ווייס־געדעקטן טיש איז געזעסן די גאַנצע משפּחה אויסגעזעצט לויט דער עלטער. דער באַלעבאָס האָט אָנגעגאָסן אַ גלאָז וויין, זיך אויפֿגעשטעלט מאַכן קידוש און געקוקט צו דער טיר, ווי ער וואָלט געוואַרט אויף עמעצן. אַ ייד האָט אַריינגעשטופּט אַן אויסגעבעט וועגעלע, וווּ שולצעס פֿאָטער, אַ פּאַראַליזירטער זקן, איז געלעגן. אַלע זענען אַזוי געוווינט געווען מיטן זיידן, אַז קיינער האָט זיך צומאָל אויף אים נישט אומגעקוקט. דער זיידע, אַ צעקנייטשטער, מיט אַ פּאָר אויגן, וואָס האָבן געקוקט אין איין ריכטונג, האָט געהאַלטן אין איין עפֿענען און צומאַכן דאָס איינגעפֿאַלענע מויל, ווי אַ פֿיש. ווען ער טרינקט וואַסער. גרין האָט זיך באַגעגנט מיטן אַלטנס שטאַרן בליק, דערפֿילט

---

1) גרינוויטש־דאָרף, דער באָהעמע־קוואַרטאַל פֿון קינסטלער אין ניו־יאָרק.

קאַלטע דרעשטשעס און זיך אויסגעדרייט. נאָכן קדוש האָט דער ייד אַרויסגעפירט ס׳ווענעלע, קיינער האָט וועגן זיידן אַ וואָרט נישט דער־מאָנט, ווי ער וואָלט גאָרנישט געווען אין שטוב. די באַלעבאָסטע איז געזעסן לעבן מאַן, אויסגעטיילט פאָרציעס פיש, און אַז אַ האַלבער טיש האָט שוין געהאַט אָפּגעגעסן, האָט זי זיך איצט געמאַכט פלאַץ, זיך אָנגעשפאַרט אָן טיש מיטביידע עלנבויגנס, געזעסן איבער אַ שיסל מיט פיש און גרויס הנאה געהאַט פון עסן.

— נו מיסטער גרין, ווי שמעקן אייך מיינע פיש? געגוג זיס? — האָט די באַלעבאָסטע אים געפרעגט.

— כ׳האָב שוין לאַנג אַזאַ שטיקל פיש נישט געגעסן, מיט אַן אמת! — האָט גרין געענטפערט.

— ווייסט, — האָט שולץ אַ שטופּ געטון דעם ווייב מיטן עלנבויגן — אַ לעבעדיק פישל איז טאַקע געשמאַקער!

— זיי רייסן אָבער אַ הויט, די גנבים! — האָט ס׳ווייב געענטפערט— ווייסן שוין אַליין נישט, וויפיל זיי זאָלן נעמען פאַר אַ פונט פיש, נו, איז עס נישט קיין רציחה, ביסט אַ מבין וויפיל כ׳האָב געצאָלט? זעכציק סענט אַ פונט!

שולץ האָט גענומען נאָך די פיש אַביסל בראָנפן, צוגערוקט די פלאַש צו גרינען און איינגעשטילט ס׳ווייב:

— יידן דאַרפן פרנסה, נעמען זיי, נו פטור, פטור!

— חכם, — האָט ס׳ווייב געקלאַפּט מיטן גאָפּל אָן טעלער — גוט אַז גאָט האָט דיר געהאָלפן און דו קאָנסט! וויפיל מיינסטו קאָנען צאָלן אַזאַ פרייז?

— הויבט זיך אָן! — האָט שולץ אויסגעצויגן די פיס אויף אַ שטול און זיך פאַרטיפט אין דער צייטונג.

פון איין געריכט צום צווייטן האָט אַזוי לאַנג גענומען, אַז די קלענערע קינדער זענען דערווייל אַפּערגעגאַנגען פון טיש, זיך צעלייגט אויף דער פליושענער אָטאָמאַנע, וואָס איז געשטאַנען ביים פענסטער, און איינציקווייז איינגעשלאָפן.

ס׳איז קיין חדוש נישט, — האָט די מאַדאַם זיך פאַרענטפערט פאַר גרינען, וואָס די קינדער שלאָפן איין אין מיטן עסן — וואָס זיי צעאַרבעטן אַ טאָג! אַז דאָס רוט אַ מינוט נישט!

גרינען האָט געלאַנגווײַליקט, ער האָט שוין געוואָלט זײַן אויף דער גאַס. בעסי האָט עס באַמערקט, אָנגערירט מיט איר שוך זײַן פוס, האָט ער זיך אַ כאַפּ געטון, זיך באַגעגנט מיט איר בליק און ביידע האָבן זיך צעשמייכלט.

בײַם צימעס האָט זיך מיסטער שולץ אַ פאַרשלאָפענער אויפגעהויבן פון טיש, זיך אַנטשולדיקט פאַר גרינען, אַז ער איז עפּעס נישט מיט אַלעמען און זיך געבעטן:

– קינדער, בעטס מיר!

מיסעס שולץ האָט אויסגעטרונקען אַ גלאָז טיי, זיך אַרײַנגעזעצט אין אַ ווינגשטול, זיך אַ ווײַלע אײַנגעהערט, וואָס בעסי דערציילט, ביס־לעכווײַז פאַרריסן דעם קאָפּ, געעפנט אַ מויל און זיך געלאָזט הערן איבערן צימער.

– מאַ, פּליעז, מאַ 1) – – – האָט בעסי זי אָנגענומען בײַ אַ האַנט.

זי האָט זיך אַ כאַפּ געטון, ווי מען וואָלט זי אָפּגעגאָסן מיט קאַלט וואַסער, פאַרלוירן געטענהט, אַז זי שלאָפט נישט, זיך אויפגעשטעלט און זיך פאַרענטפערט:

– די היץ מאַטערט אויס! אַ גוטע נאַכט, מיסטער גרין!

– אַ גוטע נאַכט!

בײַ דער טיר האָט זי זיך דערמאָנט אָן די קינדער, וואָס זענען געשלאָפן אויף דער אָטאָמאַנע, און זיך אַ ריס געטון:

– לאָ׳מיך, בעסי, כ׳וועל לייגן די קינדער!

– איך וועל זיי שוין לייגן, – האָט בעסי צוגעהאַלטן די מוטער – גיי שלאָפן, כ׳בעט דיך!

– אָל־רײַט!

די ליכט האָבן געהאַלטן בײַם אויסגיין, געקנאַקט, ווי מען וואָלט אויף זיי געשאָטן זאַלץ, און אָנגעפילט דאָס עס־צימער מיט אָנגעברענטס. די צערוקטע שטולן, די שיריים אויפן טיש, די אויסגעגאַנגענע ליכט, אַלץ האָט געמאַכט די לופט געדיכטער און אָנגעיאָגט אויף גרינען דאָס בענקעניש פון אַ היימישן פרײַטאָג־צו־נאַכט, ווען טאַטע מאַמע שלאָפן שוין, און אַליין דרייסטו זיך אויפן

1) כ׳בעט דיך, מאַמע.

גע̄לעגער, ווייסט נישט וואָס דו ווי̄לסט און אַ̄לץ אין דיר וויל אַ געשריי טון.

– וואָס איז? וואָס האָט איר זיך אַזוי פאַרטראַכט? – איז בעסי̄ לייכט אַריין אַ פּאַרפּוצטע – קומט, איך בין גרייט!

## VI

אין דער „גרינע לאַפּע״ האָט זיך נעטומלט. די קליינע, נידעריקע צימערלעך פון אַ שמאָלער, צוויי שטאָקיקער געביידע, וואָס האָט אויסגעזען פון דערווייטנס ווי אַ פּויעריש הייזל, זענען פול געווען מיט מענטשן, אַ הילצערנע, נישט קיין געפאַרבטע, טרעפּ, ווי אַ לייטער, מיט אַ פּאָרענטש, וואָס האָט אונטער דער קלענסטער משא זיך אָנגעהויבן צו שאָקלען און קרעכצן, ווי זי וואָלט געהאַלטן ביים איבערברעכן זיך, האָט געפירט אין דעם רעסטאָראַן. נאַפט און ליכט לאַמטערנעס האָבן קוים באַלויכטן דעם קאָרידאָר, ווו אויף די טירן זענען געווען אויסגעמאָלט גרינע לאַפּעס פון חיות און פייגל און דערמאָנט אָן כשופמאַכעריי. די צימערלאַך זענען געווען געפּאַקט מיט מענטשן, וואָס מען זעט זעלטן אין נוי-יאָרקער גאַסן. די מענער נאָכלעסיק אָנגעטון, מיט פאַרזאָרגטע פנימער אַפילו ווען זיי לאַכן; די פרויען אין האַלב-מענערישע קליידער, מיט אַרומגעשוירענע קעפּלעך האָר, ציגאַרעטן אין מויל, האָבן געמאַכט ביים ערשטן בליק דעם איינדרוק פון איבערגעטוענע ייִנגלעך. און ס'האָט זיך געדאַכט, די אַלע מענטשן שלאָפן בייטאָג, און מיט דער נאַכט, ווען דאָס גאַנצע דרעמלט איין אונטערן שלאָף פון אירע געהאָרכזאַמע קינדער, קריכן זיי אַרויס פון זייערע שלאָפצימערלעך, שאַרן זיך אומבאַמערקט אַרום די ווענט פון די פּילגאָרנדיקע הייזער און איילן זיך אין „ווילעדזש״ אַריין.

ביי גרין געפאַרבטע טישן זענען געזעסן יונגעלייט מיט מיידלעך, געטרונקען, געראויכערט, און דער טומל איז געשטאַנען איבער אַלעמענס

קעפּ, ווי אַ פּאַרע, געקרעלט אין האַלז. אויף די ווענט האָבן געהאָנגען נישט קיין אויסגעגלייזטע קריגלעך, טעפּלעך מיט לאַנגע העלזער, ליימענע טעפּ, וואָס דערמאָנען אין אויסגעגראָבענע אַנטיקן.

דער בעל־הבית פון פּלאַץ, אַ נידעריקער, אַ ברייטבייניקער, אָנגעטון אין גאָט ווייסט פּאַראָוואָס, אין אַ נאַציאָנאַלע אונגאַרישע קאַפּאָטע, אַרומגענומען אַרום בויך מיט אַ ברייטן גרינעם גאַרטל, וואָס האָט זיך אין דער רעכטער זייט פאַרבונדן אין אַ קניפּ און פון צווישן די פּראַנזן האָט אַרויסגעקוקט אַ האַלב־קיילעכדיקער ציבעק, באַצירט מיט קאָלירטע קרעלן, איז געלאָפן פון איין טיש צום צווייטן, נאָכלעסיק געהאַלטן אין עק מויל אַ קליין פּיפּקעלע, גענומען באַשטעלונגען און מיט יעדן איינעם גערעדט אויף זיין לשון.

זיין ווייב, אַן עלטערע ברונעטקע, אָנגעטון אין לויזע, שרייענדיקע קליידער, ווי גאַנצע שנורן מטבעות האָבן געלומפּערט אַרום האַלז, אַרום די בלויזע הענט, האָט אויסגעזען ווי אַ שפּאַנישע גאָסן־זינגערין. אירע שוואַרצע אַרומגעשוירענע האָר, דורכגענומען מיט אַ שוואַרץ סאַמעטל, זענען געפאַלן איבער די באַקן און זי געמאַכט יינגער. זי האָט זיך יעדע ווײַלע צוגעזעצט צו אַן אַנדער טיש, מיטגעטרונקען, גענומען געלט און עס אַריינגעשאָטן אין די פאַלדן פון איר קלייד, ווי אין אַ קעשענע.

ביי אַ לאַנגן טיש זענען געזעסן אַ חברה יונגעלייט מיט מיידלעך און געזונגען „טהע יענקס אַר קאַמינג" מיטן ניגון פון „מה קא משמע לן, דער רעגן". עטלעכע גוים, וואָס זענען געזעסן דערלעבן, האָבן מיטגעהאָלפן.

קעגנאיבער ביי אַ טישל איז געזעסן אַ יונגער גוי מיט אַ דאַמע, ביידע מיט פאַרלאָפענע אויגן. דער גוי האָט סקיצירט אויף דער וואַנט דער דאַמעס בילד. פון גרויס באַגייסטערונג האָט זי געכאַפּט זיין האַנט און אים אַ קוש געטון. דער גוי איז אויפגעשפּרונגען, קוים איינגעשטאַנען אויף די פיס, נישט געקאָנט אָבער דערלאָזן אַ דאַמע זאָל אים קושן די האַנט, צוגעפאַלן מיט די ליפּן צו אירע און געשטאַמלט:

— יו מאָס'נט... ע ליידי מאָס'נט...

— אָ, — האָט די דאַמע אַוועקגענומען די האַנט פון האַרצן, אויסגעשניטן מיט איר אַ ברייטן זשעסט און אים נאָכאַמאָל אַ קוש געטון — אַזאַ האַנט איז אַן ערע צו קושן.

דער גוי איז געפאַלן דער דאַמע צו די פיס, באַהאַלטן זיינע הענט, זי זאָל זיי נישט געפינען, און געקושט איר קלייד. די דאַמע האָט דוקא געזוכט זיינע הענט, זיך געאַמפּערט מיט אים אוןביידע זענען געבליבן ליגן איינער אין צווייטנס אָרעמס.

אין אַ ווינקל אויף אַ מאַטראַץ איז געזעסן דער רעדאַקטאָר פון „געצנדינער", אַרומגערינגלט מיט זיינע מיטאַרבעטער, און געלייענט קאָרעקטורן.

ביים אַריינקומען איז בעסי געבליבן שטיין מיט אַ צעעפנט מויל, און יעדער, ווער עס האָט זי נאָר אָנגעקוקט, ווי זי וואַרפט מיט די אויגן אין אַלע זייטן, האָט דערקענט, אַז דאָס מיידל איז דאָ צום ערשטן מאָל.

עמעצער האָט באַמערקט גרינען, דער גאַנצער טיש האָט זיך אַ הויב געטון, גענומען אַפּלאָדירן און געזונגען מיטן יידישן ניגון — טהע יענקס אַר קאַמינג, קאַמינג, קאַמינג...

אַ מאַן פון אַ יאָר עטלעכע און פערציק, מיט איינגעפאַלענע באַקן, פינקלדיקע אויגן און אַ קליין קיילעכדיק פּליכל, ווי אַ טעלערל, האָט פון דער זייט אַ וואָרף געטון אַן אויג אויף בעסין, זיך אויפגעשטעלט, געמאַכט פּלאַץ, אויסגעשטעקט אַ האַנט צו גרינען און געקוקט אויפן מיידל:

— האַללאָו, גרין! וואָס באַקענט איר מיך נישט מיט אייער לײדי?

— אַז איר גיט מיר נישט קיין געלעגנהייט, — האָט גרין זיך פאַרענטפערט און זיך אויסגעדרייט צו בעסין — באַקענט אייך: שלמה מאַנדל, מיס שולץ!

מאַנדל האָט געהאַלטן אַ ווײַלע מיס שולצס האַנט אין זיינער, דורכגענומען דאָס מיידל מיט זיינע עטוואָס שוין פאַרלאָפענע אויגן, געוואָלט וויסן, וואָס פאַר אַן איינדרוק זיין נאָמען וועט מאַכן אויף איר, און ווען חברה לצים וואָלטן נישט ביים טיש געזעסן, וואָלט ער אַליין דעם מיידל, וואָס האָט זיין נאָמען צום ערשטן מאָל געהערט, פאַרטרויט, אַז דאָס האָט מען איר פאָרגעשטעלט דעם גרעסטן יידישן ראָמאַניסט.

דער עולם אַרום טיש איז אַ ווײַלע אַנטשוויגן געוואָרן, מאַנדל איז געוואָרן אויפגערוימט, וואָס אַ מיידל זיצט לעבן אים, זיך איבערגעקוקט מיטן עולם און אַ שטופּ געטון גרינען:

— פאַרוואָס באַקענט איר זי נישט מיט די איבעריקע?

און איידער גרין האָט צייט געהאַט אים עפּעס צו ענטפערן, האָט שוין מאַנדל געהאַלטן בעסין אונטערן אָרעם און אָנגעהויבן אימיטירן אַ פּאָרזיצער:

— דאָס איז נישט קיין אַנדערער, ווי אונזער גרויסער, אפשר דער גרעסטער הומאָריסט — משה חוזק; איצט וועל איך אייך פאָרשטעלן דעם זאָגענאַנטן גרויסן יידישן ראָמאַניסט — זאַלקינד.

— פאַרוואָס נישט דער גרעסטער? — האָט זיך עמעצער אָנגערופן.

— ווייל איך בין דער גרעסטער! — האָט מאַנדל געענטפערט, זיך צעלאַכט פון דער אייגענער חכמה און ווייטער פאָרגעשטעלט — ביג, ביג — אַ מאָלער, זיינע בילדער באַצירן די ווענט פון דער „גרינער לאַפּע”; וויס — דער גרעסטער יידישער קריטיקער.

— אַז וויס איז דער גרעסטער, טו וואָס בין איך? — האָט אַ בחור מיט אַ קאָפּ בלאָנדע האָר זיך אויפגעשטעלט.

— אַז כ'וועל האַלטן ביי דיר, וועסטו זיין דער גרעסטער! — האָט מאַנדל זיך אַזוי צעלאַכט, אַז ער האָט זיך אַזש אַוועקגעזעצט.

דער עולם האָט מיטגעלאַכט. בעסי, וואָס איז צום ערשטן מאָל געווען צווישן אַזאַ עולם, האָט זיך געפילט גליקלעך, ביי יעדער געלעגנהייט אַרויסגעוויזן ווי דאַנקבאַר זי איז גרינען. זי האָט געקוקט אויף די עטלעכע דאַמען, וואָס זענען געזעסן אַרום טיש, באַטראַכט זייערע קליידער, ווי זיי האַלטן זיך, און געווען ביי זיך זיכער, אַז זי קאָן מיט זיי אַלע קאָנקורירן.

מאַנדל האָט גענומען קלימפּערן מיט די הענט אין די הויזן־קעשענעס:

— יידן, לאָמיר שטעלן אַביסל ווייַן!

באַלד האָבן אָנגעהויבן צו פליען זילבערנע מטבעות. אַ בלאַסער בחור מיט אַ שוואַרץ בערדל, ווי אַ גרימירטס, האָט צונויפגענומען דאָס געלט, און מאַנדל האָט אויפן קול גענומען רופן דעם באַלעבאָס.

— פּעטער, קומט נאָר אַהער!

דער אייגנטימער האָט זיך נישט געמאַכט הערן, אַפּנים, נישט אָנגעשטאַנען, וואָס מען רעדט צו אים יידיש, און זיך געדרייט ביי אַנדערע טישלעך. מאַנדל האָט צוגערופן די אייגנטימעריז מיט אַ פינגער:

— איר רעדט דאָך יידיש?

– כ'האָב זיך דאָ אויסגעלערנט.
– ווו, אין „ווילעדזש"?
זי האָט זיך צעלאַכט.
– אָבער איר רעדט יידיש? – האָט מאַנדל איר געגלעט די האַנט, און די אויגן זענען ביי אים געוואָרן שמאַלציק.
– יעס.
– ווי הייסט איר?
– רעגינאַ.
– כ'מיין אין יידיש?
– רעגינאַ! — האָט זי אַ ציי געטון מיט די אַקסלען, און די שנורן מטבעות האָבן זיך צעקלימפּערט.
– אין יידיש הייסט איר נישט רעגינאַ, – האָט ער זי אַרומגענומען מיט אַ האַנט – אין יידיש הייסט איר רייזל, האַ? נו, רייזעלע, וואָס הערט זיך מכּוח אַ גלעזל ווין?
זי האָט זיך אַרויסגעדרייט פון מאַנדלס הענט און צוגעלאָפן צו אַ צווייט טישל, ווו דער עולם האָט אָנגעהויבן אַרויסצוגיין.
דער אייגנטימער האָט צוגעטראָגן עטלעכע קריגלעך ווין, גלעזער, און דער עולם האָט אָנגעהויבן צו טרינקען, געוואָרן אַלץ לעבעדיקער. אין מיטן זינגען האָבן די בענקלעך זיך גערוקט און די מענער האָבן זיך געדרייט אַרום די צעשטראַלטע דאַמען, ווי פליגעלעך אַרום אַ פלאַם.
גרין האָט דערפילט, ווי בעסיס פינגער פלעכטן זיך אין זיינע, בייגן זיך, און זי רוימט אים איין אין אויער:
– ס'איז אַ יידיש פלאַץ?
– ווי דען?
– און ווער איז דער, וואָס זיצט אויפן מאַטראַץ?
– דאָס איז דער רעדאַקטאָר פון „געצנדינער".
– פון וואָס?
– ס'איז אַ מאָנאַט-זשורנאַל, ס'הייסט „געצנדינער".
– וואָס איז ער, אַן אינדיאַנער?
– וואָס פאַלט דיר איין? – האָט זיך גרין צעלאַכט.
– כ'ווייס, אינדיאַנער זענען געצנדינער – האָט זיך בעסי פאַרלוירן.

– נו, ס'איז אַ ייד, מיר יידן האַנדלען מיט אַלץ! – האָט ער איר שטאַרקער געדריקט די האַנט.

הינטער גרינען ביי אַ קליין טישל איז געזעסן אַן עלטערער מאַן, כמעט גרוי, מיט אַ לאַנגהאָריקן יידן, אַ געבוירענער באָהעם, וואָס קיינער ווייסט נישט פון וואַנען ער קומט, וואָס איז זיין שפּראַך. גרין האָט באַמערקט, ווי דער אייגנטימער פון פּלאַץ האָט זיך אויך צוגעזעצט, זיך איינגעהערט, ווי דער גרויער מאַן האָט גערעדט וועגן ענגלישן קעניג, עדוואַרדן, ווי וועגן זיינס אַ באַקאַנטן. און אַז ער האָט אַרויסגענומען אַ גאָלדן זייגערל און געוויזן, אַז דאָס איז אַ מתנה פון קעניג, האָט דער באַלעבאָס פאַרבויגן זיין נאַציאָנאַלע אונגאַרישע קאַפּאָטע, אַ ווינק געטון מיט אַן אויג צום לאַנגהאָריקן ייד און אַריינגעוואָרפן אויף יידיש:

– ער האָט געטראָפן אַ יאָלד מען זאָל אים גלייבן!

גרין האָט געוויזן בעסין אויפן גרויען מאַן:

– זעסט, דער אַלטער ביים טישל, דאָס איז דער „דזשענטלמען", וועגן וועמען אָסקאַר ווײַלד רעדט אין זיין „דע-פּראָפונדיס". אַז מען האָט ווײַלדן געפירט אַ געשמידטן אין תפיסה, און דער עולם האָט אים אויסגעפייפט און באַשפּיגן, איז דער אַלטער מאַן געווען דער איינציקער, וואָס האָט געצויגן דעם צילינדער און אים באַגריסט.

אַ מאַן איז געבליבן שטיין אין דער טיר, געזוכט מיט די אויגן, זיך אָפּגעשטעלט אויפן יונגן גוי מיט דער דאַמע, וואָס זענען געזעסן געאָרעמט. דער גוי האָט דערפילט, אַז מען קוקט אויף אים, האָט ער אַ דריי געטון מיטן קאָפּ, געוואָרן געל ווי קיט און זיך אַרויסגעדרייט פון דער דאַמעס הענט. דער מאַן האָט געמאַכט עטלעכע טריט, זיך אָפּגעשטעלט און גערעדט צו דער דאַמע:

– לוסי, כ'בעט דיך, גיי אַהיים, ס'קינד וויינט!

זי האָט נישט געענטפערט. מיט איין צי, ווי אַ חיה, איז ער געשטאַנען ביים יונגן גוי, אים אָנגעכאַפּט פאַרן האַלז, אַראָפּגעלאָזט אים אַ פּאַטש, אַז יענער האָט פאַרוואָרפן דעם קאָפּ, ווי ער וואָלט געווען פון גומע, און דורכגעזייעט דורך די ציין:

– טכויר! וואָס האָסטו מיר צוגענומען ס'ווייב.

גרין האָט געזען, ווי דער גרויער מאַן האָט זיי צענומען, געפּועלט ביי דער דאַמע זי זאָל אַהיים גיין, געטרייסט דעם יונגן גוי, וואָס איז געזעסן און געכליפּעט, צי דערפאַר וואָס מען האָט אים גע-

שלאָגן, צי דערפאַר וואָס די דאָמע איז אַוועק, און זיך דערמאָנט:
Men have gone to heaven for smaller things than that.

אַ יונג בחורל, נישט קיין ראַזירטער, איז אַריינגעקומען פון קיך. יעדער האָט גרייט געהאַט אַ שמייכל, געוואָלט כאַפּן דעם בחורלס בליק, אים באַגריסן. נישט קוקנדיק אויף קיינעם, האָט ער דורכגע־וואָרפן אַלעמען, זיך צוגעשאַרט צו מאַנדלען און זיך אַוועקגעזעצט. ביים טיש איז געוואָרן לעבעדיקער. אַלע האָבן געוווּסט, אַז איצט קאָן מען בעטן אויפן בחורלס חשבון, וואָס ס'האַרץ גלוסט. דער באַלעבאָס מיטן ווייב זענען געשטאַנען הינטער זיינע פּלייצעס, גענומען באַ־שטעלונגען און געהאַלטן אין איין מאַכן קאָמפּלימענטן. דאָס בחורל, אַ מידער, האָט קיינעם נישט באַמערקט, אָפּגעשטופּט די באַלעבאַטים פון זיך און געהאַלטן אין איין טענהן צו מאַנדלען, וועלכער האָט אים קוים פאַרשטאַנען:

— נישט גוט צו זיין אַ זון פון אַ גרויסן מענטש! נישט גוט!

— ערפינדעט מען אַליין אַ טעלעפאָן! — האָט מאַנדל אים געגעבן צו פאַרשטיין האַלב אין יידיש.

— ס'וועט נישט העלפן! — האָט דאָס בחורל אים אַריינגערעדט אין אויער אַריין. — מען וועט סיי־ווי־סיי נישט רופן ביים נאָמען, מען וועט אַלץ הייסן דעם טאַטנס אַ זון!

— איר ווילט ווערן באַרימט, — האָט מאַנדל אים אָנגענומען פאַר אַ האַנט — איך האָב פאַר אייך אַ פּלאַן!

— וואָס פאַר אַ פּלאַן?

— דאָס טעאַטער, — האָט מאַנדל אָנגעהויבן — קאָן אייך נישט מאַכן באַרימט. ס'איז קיין נייעס נישט אין אַמעריקע! איך האָב פאַר אייך עפּעס אַנדערש! פאָלגט מיך און גיט אַרויס אַ יידיש וואָכנבלאַט, איר שמייכלט?

— וועט מען זאָגן, אַז כ'פּטר דעם טאַטנס געלט! — האָט דאָס בחורל אָנגעשפּאַרט די פויסטן אָן טיש און אויף זיי אַרויפגעלייגט די געמבע.

איבער אַלעמענס קעפּ האָט זיך געטראָגן אַ וואַלס. אויפן צווייטן שטאָק האָט מען געטאַנצט. די דינע סטעליע האָט זיך אַזש געבויגן

אונטערן וואַלס און ס'האָט אויסגעזען, אַז איין גוטער שפּרונג, און די ברעטער וועלן זיך נעמען שיטן איבער אַלעמענס קעפּ. דער עולם איז נישט איינגעזעסן, זיך געהויבן צום טאַקט, און יעדער האָט געזוכט אַ דאַמע, מיט וועלכער צו כאַפּן אַ טאַנץ.

גרין האָט אַ כאַפּ געטון בעסין מיט אַ האַנט אַרום דער טאַליע. אַ צעשטראַלטע האָט זי זיך צוגעטוליעט צו אים, נישט געפרעגט וווהין ער פירט זי און אַרויפגעלאָפן מיט אים אויפן צווייטן שטאָק.

אין אַ גרויסן האַלבפינסטערן זאַל, איבער אַ גלאַנציקער פּאָדלאָגע, האָבן זיך געדרייט עטלעכע פּאָרלעך אונטערן טאַקט פון אַ וואַלס. אַ הויכער, דאַרער מאַן איז געזעסן ביי אַ פּיאַנאָ און געשפּילט מיטן גאַנצן קערפּער.

גרין איז געשווומען מיט בעסין, נישט געפילט ווי זי ליגט זיך אים אויף די הענט, אַזוי לייכט האָט זי זיך אים אויסגעדוכט. ער האָט זיך געדרייט, געלאָפן מיט איר פון איין ווינקל אין צווייטן און, ווו ער האָט דערזען אַ ליידיקע באַנק, זיך אַ לאָז געטון צו איר, איז יעדעס מאָל אויסגעוואַקסן אַ פּאָרל, פאַרנומען די באַנק און ער האָט זיך ווייטער געדרייט.

זיי זענען שטיין געבליבן, זיך אָנגעקוקט, זיך צעשמייכלט און גליקלעכע זיך צוגעזעצט. ביידע האָבן געפילט איינער דעם צווייטן עפּעס צו זאָגן, זיך פאַרשטאַנען אויפן בליק, און גרין, אַרויפלייגנדיק זיין האַנט אויף אירער, האָט סתם אַ פרעג געטון:

– נו, ווי טאַנץ איך?

– פיין, זייער פיין!

אַ יונגערמאַן מיט אַ מיידלשער טאַליע איז אונטערגעקומען מיט אַ דאַמע:

– זהאַלאָ, גרין!

– האַלאָ, ליפשיץ.

ליפשיץ האָט צוגעפירט זיין דאַמע עטוואָס נענטער און אָנגעוויזן אויף גרינען:

– באַקענט אייך, מיסטער גרין, אַ יידישער דיכטער, און דאָס איז מיס מאַער.

– זייער אַנגענעם, — האָט מיס מאַער עטלעכע מאָל איבערגעחזרט און זיך אַוועקגעזעצט נעבן גרינען – ס'ערשטע מאָל, וואָס כ'באַקען זיך מיט אַ יידישן דיכטער.

גרין איז געווען בייז אויף זיך, פֿאַרוואָס ער האָט זיך פֿאַרלויר פֿאַר דער דאַמעס נאָמען, כאָטש ער איז נישט געווען זיכער, צי דאָס איז דעם מיליאָנער מאַערס אַ טאָכטער. ער האָט זי פֿאָרגעשטעלט בעסין, באַמערקט, אַז זי האָט זיך אויך פֿאַרלוירן, חשק געהאַט עפּעס צו זאָגן מיס מאַער, אַז זי זאָל זיך באַליידיקן, און געבליבן אַנטשוויגן.

— ווי כ'זע, זענט איר דאָ ס'ערשטע מאָל. — האָט ליפּשיץ זיך וווילעריש געקלאַפּט איבער דער קני מיט אַ זיידענער הענטשקע און אויסגעזען צו זיין צופֿרידן מיט זיך.

— פֿאַרוואָס זענט איר אַזוי זיכער? — האָט בעסי אים אַ קוק אָן געטון און געפֿילט, ווי זי ווערט רויט.

— פּשוט דערפֿאַר ווייל כ'זע אייך דאָ ס'ערשטע מאָל. — האָט ער זיך צעלאַכט, און די פּולע באַקן האָבן זיך ביי אים געריטלט, ווי ביי אַן אָפּגעמאָלט מיידל.

— איר קענט דען אַלעמען, וואָס קומען דאָ אַהער? — האָט בעסי קוים געשמייכלט.

— כמעט, — האָט ער זיך איינגעקוקט אינם זייגערל, וואָס האָט ביי אים געשטעקט אין אַ לעדערנעם בראַסלעט, פֿאַרשנאַלט אַרום דער האַנט — כ'קום דאָ דריי מאָל אַ טאָג פֿאַר די לעצטע צען יאָר. פֿינף בעלי־בתים האָבן זיך שוין געטוישט דורך דער צייט, און דער עולם, פֿאַרשטייט איר מיך, איז אַ געקליבענער, וואַרפֿט זיך אַ נייער פּנים גלייך אין די אויגן! אָט ווייז איך אייך, כ'בין איצט דורכגעגאַנגען מיט מיס מאַער, — ער האָט זיך בשעת־מעשה צוגעבויגן צו בעסין, צוגעלייגט אַ האַנט צום מויל, גערעדט שטילער -- דאָס איז דעם מיליאָנער מאַערס יינגסטע טאָכטער — האָט יעדער איינער אונז נאָכגעקוקט, גלייך דערקענט, אַז זי איז נישט פֿון „ווילעדזש”. יעס, מיך קען דאָ יעדער. צומיינסטן ווייסן צומאָל נישט, אַז כ'הייס ליפּשיץ, אַלע רופֿן מיך בעטהאָווען.

— איר זענט דען אַ קאָמפּאָזיטאָר? — האָט בעסי אים געפֿרעגט.

— נו, — האָט ער געמאַכט אַ מינע, ווי אַ פֿאַרשעמט מיידל — איך בין אַ קריטיקער! אויב איר אינטערעסירט זיך מיט מוזיק און לייענט „די צייט”, דאַרף איך מיין נאָמען זיין באַקאַנט. כ'שרייב צוויי מאָל אַ וואָך אונטערן נאָמען „ליאָ”.

בעסי האָט זיך געפֿילט שולדיק, וואָס זי האָט אַזאַ נאָמען קיינ

מאָל נישט געהערט, איז זי רויט געוואָרן, זיך פאַרלוירן, וואָס זי איז רויט געוואָרן און געשטאַמלט:

— געלייענט, אַוודאי געלייענט! זענט איר דאָס? אָ, זייער אַנגענעם!

ליפשיץ, אַ צעשמאָלצענער פון נחת, האָט זיך עטוואָס אונטער־געהויבן, געגעבן בעסין די האַנט, מעשה ספּאָרט, פון אויבן אַראָפּ, און אײַנגאַנצן האָט ער אויסגעזען, ווי אַ יונג מיידל, וואָס קריגט דעם ערשטן קאָמפּלימענט. ביי אים אין מוח האָט זיך עפּעס אָנגעהויבן פּלאָנטערן פון אַ מיט, ווי ביי אַ קנויל, ווו מען קאָן קיין אָנהויב נישט געפינען, געזען, אַז דאָס שווייגן פאַרציט זיך שוין אַביסל צו לאַנג און אַז דאָס קאָן שטערן מיס מאַער דעם שמועס מיט גרינען, האָט ער אָנגעהויבן וואָס ס'איז אים געקומען אין קאָפּ אַריין:

— יעס, מיט גרינען זענען מיר אַלטע פריינט! כ'בין אויך אַמאָל מיט יאָרן צוריק געווען אַ העברעישער לערער, גוט אָבער, וואָס כ'בין עס פּטור געוואָרן! כ'פאַרשטיי טאַקע נישט, ווי ר'נאָך כ'האָב דעמאָלט געלעבט? אַז אויף ציגאַרעטן גייט מיר היינט מער אַוועק וויפיל כ'האָב דעמאָלט פאַרדינט! טענה איך מיט גרינען — וואָס דאַרפסטו עס? גרין איז אַ טאַלאַנטפולער מענטש, און איך האָב אַ גרויס באַקאַנטשאַפט, איז ווען ער וואָלט נישט געווען אַזאַ איינגעשפאַרטער וואָלט איך שוין פאַר אים עפּעס געקראָגן! דען לאָמיר זיך נישט נאַרן, ווען איך רייס זיך נישט באַצייטנס אַרויס פון דער איסט־סייד, וואָס וואָלט פון מיר געוואָרן? אַ געגנאָסע! פּונקט אַזאַ תּכלית, ווי פון טויזנט אַנדערע, וואָס גיבן אַוועק זייערע בעסטע יאָרן, פטרן קאַריערעס, אַבי אַ פּאָר דעמאַגאָגן, זייערע פאָרשטייער, זאָלן קאָנען לעבן ווי די גראַפן!

— לויט אייך, מיסטער ליפשיץ, — האָט בעסי אים איבערגעריסן — זענען קיין אָרנטלעכע מענטשן נישט פאַראַן!

— פאַראַן, אָבער נישט צווישן פירער פון פאַרטייען. יעדער פירער, כמעט אָן אויסנאַם, איז אַ דעמאַגאָג! איך בין איבערצייגט, אַז די אמתסטע, אינטערעסאַנטסטע מענטשן זענען די שלעפּער און מיליאָנערן, ביידע דאַרפן קיינעם נישט חנפענען, דאַרפן קיינעמס טובה נישט...
יעס, וואָס האָב איך געוואָלט אויספירן? — האָט ליפשיץ איינגעקנייטשט דעם שטערן. — יע, לעצטע וואָך בין איך געווען פאַרבעטן צו הילדהיימען אויף אָוונטברויט — דאָס איז דער יינגסטער ברודער פון די קופּער־מאַג־

נאַטן. ביים עסן האָט ער מיר פאָרגעלייענט לידער פון אַ יונגן סערבישן דיכטער, גאַנץ טשיקאַווע לידער, האָב איך גראַדע געהאַט ביי זיך גרינס לעצטע סעריע און זי אים פאָרגעלייענט. וואָס זאָל איך אייך זאָגן? ער וואָלט קיינמאָל נישט געגלויבט, אַז מען זאָל אין יידיש קאָנען שרייבן אַזעלכע לידער און מיך זייער געבעטן, כ'זאָל גרינען ברענגען צו אים. דאַכט זיך גוט, האַ? דאַרף מען אַ בעסערע געלעגנהייט? טענהט גרין, אַז הילדהיים וויל אים זען, לאָז ער קומען צו אים, ער האָט אויך אַן אַדרעס. זאָג איך אייך, אַז דאָס איז פון אים אַ משוגעת! איך וואָלט פאַר איין לעזער ווי הילדהיים אַוועקגעגעבן די פאָר הונדערט לעזער פון דער איסט-סייד! נאָר גאָרנישט, — האָט ליפשיץ געשמייכלט — גרינען דאַרף מען אַלץ מוחל זיין! איר ווייסט, אַז ער איז אַ גרויסער דיכטער?

— אַודאי ווייס איך! — האָט בעסי שטאָלץ געענטפערט און זיך פאַרויטלט.

— איך שרייב אויך פאָעזיע, — האָט ליפשיץ אַריינגעוואָרפן, ווי ער וואָלט גאָרנישט איסן געוועזן — אַזוי פאַר זיך, כ'דרוק אָבער נישט, יעס, האָט איר מאָרגן צייט?

— וואָס איז דען?

— מאָרגן אָוונט זינגט קאַרוזאָ אין לאַ-באָהעם.

— כ'ווייס. ער זינגט אין סטאַדיום פון סיטי קאַלעדזש. כ'האָב אָבער קיין בילעט מער נישט געקאָנט קריגן.

— אויב איר האָט נישט דאַקעגן, — האָט זיך ליפשיץ עטוואָס אונטערגעהויבן און זיך פאַרנויגט — קאָן איך אייך מיטנעמען אין מיין לאָזשע.

— אין געגנטייל, — האָט בעסי אים געדאַנקט, געוואָלט ער זאָל זיך אָפּטשעפּען פון איר, בייז געווען, וואָס גרין האָט זיך אַזוי פאַררעדט מיט דעם מיליאָנערס טאָכטער, אַז ער האָט אָן איר אינגאַנצן פאַרגעסן, און געטראַכט, ווי ר'נאָך אים געבן אָנצוהערן, אַז זי וויל גיין אַהיים.

— טאָ ווו וועל איך אייך באַגעגענען מאָרגן? — האָט ליפשיץ זי געפרעגט.

— וואָס? — האָט זיך בעסי אַ כאַפּ געטון, — ווו איר וועט מיך טרעפן? קומט אַריבער נאָך מיר אום זיבן אור, באַלד — גוט, קומט אום זיבן, וועט איר קומען?

— וואָס פאַר אַ פראַגע? — האָט ליפשיץ אַרויסגענומען אַ נאָטיץ-ביכל — וווּ וווינט איר?

— גיט ס'ביכל, וועל איך אייך פאַרשרייבן.

מיס מאַער האָט זיך דערווייל אויפגעשטעלט, זיך געזעגנט מיט גרינען און אויסגעשטעקט אַ האַנט צו בעסין:

— אייער באַקאַנטשאַפט איז מיר זייער אַנגענעם! צום ווידערזען!

אַז מיס מאַער מיט ליפשיצן זענען אַוועק, איז בעסי געבליבן זיצן אַן אָנגעצויגענע מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן. גרין האָט נישט געוווּסט, וואָס דאָס זאָל באַטייטן, און זיך צוגערוקט צו איר:

— וואָס איז בעסי? ביסט ברוגז?

— אַוודאי בין איך ברוגז!

— אויף מיר?

— אויף דיר!

— פאַרוואָס?

— פאַר... דו ווייסט...

— אסור. — האָט ער זי אָנגענומען פאַר דער געמבע.

— דו לאָזסט מיך זיצן אַזוי לאַנג, גיי!

— ביסט דאָך געזעסן מיט ליפשיצן?

— ער איז אַ נאַר!

— ביסטו טאַקע ברוגז?

— אַוודאי בין איך ברוגז! — האָט זי אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אָן אים — כ'ווייס נישט, וואָס דו האָסט געהאַט צו רעדן אַזוי פיל מיט מיס מאַער? זי איז דאָך דיר אַ ווילד-פרעמדע?

— ווייל זי איז אַ פרעמדע איז דאָ וואָס צו רעדן. — האָט גרין געשמייכלט.

— ווען זי וואָלט נישט געווען אַ מיליאָנערס אַ טאָכטער...

— וואָס? — האָט גרין איר איבערגעשלאָגן די רייד.

— גאָרנישט...

— שעם זיך, בעסי! גיי. — האָט ער אַ מאַך געטון מיט דער האַנט און זיך עטוואָס אָפּגערוקט פון איר.

ער האָט מיטאַמאָל דערפילט, אַז ער איז געפּענטעט, חשק געהאַט אין דער זעלביקער רגע אויסצורייסן אַלץ מיטן וואָרצל, קיין זאַך נישט צו דערלאָזן, אַבי ער זאָל בלייבן פריי. בעסי האָט אונטערגעשפּאַרט

דעם קאָפּ מיט אַ האַנט, פאַרשאַרצט די אויבערשטע ליפּ און געביסן מיט די צוויי ציין די אונטערשטע. די אויגן זענען ביי איר פאַרלאָפן, און טרערן האָבן זיך געקייקלט איבער די באַקן. גרין האָט נישט געקאָנט זען קיין טרערן, געפילט ווי דער כעס לאָזט נאָך, און זיך צוריק צו געררוקט צו איר.

— נו, בעסי, באַרויק זיך!

— אַז כ׳האָב דיך ליב!

— זאָג נישט, קינד מיינס!

— פאַרוואָס?

— ווייל דיין טאַטע וועט נישט נעמען אַ מלמד פאַר אַן איידעם!

— ער וועט יאָ נעמען!

— ער וועט נישט נעמען!

— וועל איך קומען צו דיר, גוט?

— גוט!

— מיין גרויס יינגל! ווייסט, ליפשיץ האָט מיך איינגעלאַדן, כ׳זאָל מאָרגן גיין מיט אים אין סטאַדיום, קאָרוזאָ זינגט, זאָל איך גיין?

— גיי, פאַרוואָס נישט?

— און דיך וועט נישט אַרן?

— פאַרוואָס זאָל מיך אַרן?

— און איך וויל ס׳זאָל דיך אַרן!

— ביסט אַ נאַרעלע!

— טאָ פאַרוואָס וואָלט מיך געאַרט, ווען דו גייסט מיט אַ צווייטער?

— ווייל ביסט אַ נאַרעלע!

— מיין יינגל! ווייסט, כ׳האָב זיך טאַקע שטענדיק פאָרגעשטעלט, אַז אַ דיכטער איז אַן אַנדער מענטש, טוט נישט די אַלע מיאוסע זאַכן, וואָס מיר טוען, אמת? הער איין, וואָס איז ליפשיץ, אַ קריטיקער?

— ער איז אַ גאָרנישט!

— וואָס מיינסטו?

— כ׳מיין, — האָט גרינען באַנק געטון, צו וואָס ער האָט זיך אַרויסגערעדט און עס געוואָלט צוריקכאַפּן — ער איז אַ גאַנץ פעיקער יונגערמאַן... שרייבט איבער מוזיק... שרייבט לידער אויך, וואָס ווילסטו נאָך?

— ניין, — האָט זי זיך געטוליעט צו גרינען — כ׳וועל נישט גיין מיט אים.

— אַז דו וועסט נישט גיין, וועל איך מיט דיר זיין ברוגז! — האָט גרין זי אַרומגענומען.

— כ׳וועל אסור גיין! — האָט זי זיך געפּיעשטשעט.

ער האָט זיך צעלאַכט, זי אַרומגעכאַפּט, געקושט, ווי ער האָט נאָר געטראָפן. גליקלעכע זענען זיי געזעסן אין דעם האַלבליידיקן זאַל, ביי אַן אָפן פענסטער, נישט באַמערקט, ווי פאָרלעך האָבן יעדע ווײַלע פאַרבייגעטאַנצט, נישט געזען, ווי די נאַכט האָט געשפּונען, געשפּונען, פאַרענדיקט דעם שוואַרצן געוועב, און דער פרימאָרגן האָט דאָ און דאָרט זיך גענומען אַרויסדריוולען אין העלע שטרייפן.

דער אייגנטימער, אַ פאַרשלאָפענער, אין אַ לויזן כאַלאַט, האָט יעדע ווײַלע אַרײַנגעשטעקט דעם קאָפּ, געקוקט, צי מען קאָן שוין פאַרמאַכן, און גערעדט עפּעס צו זיך.

מיטן טאָג זענען זיי אַרויס אויף דער גאַס. ס׳איז געווען שטיל. זיי זענען געגאַנגען געאָרעמט, מיט פאַררייסענע קעפּ. אַ מיטליעריקער איטאַליענער, וואָס האָט צוגענומען די פעסער מיסט, האָט אָפּגעשטעלט דעם וואָגן, זיי נאָכגעקוקט, געשאָקלט מיטן קאָפּ, ווי ער וואָלט זיך אָן עפּעס דערמאָנט, האַסטיק אויסגעליידיקט אַ פאַס מיסט אין וואָגן אַרײַן, אַ טרייב געטון ס׳פערד און זיך פונאַנדערגעפייפט.

## VII

פרידקין האָט געשפּרייזט איבערן חדר און זיך איינגעהערט ווי זיינע תּלמידים זאָגן עברי. און אַז די קינדער האָבן זיך צעזונגען אויף דער העכסטער אָקטאַווע, האָט זיך פרידקין אַוועקגעזעצט אויף זיין שמאָלן און הויכן בענקל און מיט הנאה באַטראַכט, ווי די חברה מאַכן „פּיסקעס". אים פלעגט זיך דאַכטן, אַז דער ברייטבייניקער דזשייקל מיט די הערלעך ביז דעם האַלבן שטערן זעט פּונקט אויס ווי אַ ביקל, און אַז ער זאָגט נישט, נאָר ער שלינגט; סעם בלאָזט זיך אָן ווי אַן אינדיק, שפּריצט, און אַז ס'קומט צו „בן בג-בג", דאַכט זיך, אַז ער שפּייט אויס די ווערטער; פיליפ האָט אַ פּנים ווי אַ פויגל מיט אַזאַ לאַנג דאַר נעזל, און דאָס ייִנגל שמייכלט תּמיד. פרידקינען פאַלט איין, אַז ס'וואָלט געווען אינטערעסאַנט צו מאַכן דעם ייִנגל וויינען — עס האָט זיך אים געוואָלט וויסן, צי זיין פּנים וועט דעמאָלט אויך שמייכלען. ער האָט גענומען שפּרייזן מיט דער ווירע אין דער האַנט און מיטאַמאָל זי אַראָפּגעלאָזט איבער פיליפּס הענטל.

פיליפ האָט אַ צאַפּל געטון, אויסגעשריען „אַאוטש", געכאַפּט זיין הענטל צום מויל און בלאָזנדיק האָט ער זיך צעוויינט. דער גאַנצער קלאַס האָט אויפגעהערט זאָגן, און אַלע האָבן מיט הנאה געקוקט, ווי דאָס ייִנגל וויינט. פרידקין איז געשטאַנען און באַטראַכט פיליפן. ער האָט געוויינט, זיך פאַרגאַנגען אַלץ העכער, און אין צווייטן צימער האָט דער לערער אויך אויפגעהערט צו זאָגן מיט די קינדער — האָט זיך פרידקין עטוואָס דערשראָקן, אַז דער פּרעזידענט, וואָס האָט זיך

געדרייט אין קאָרידאָר, זאָל נישט דערהערן — האָט ער געהייסן אַלעמען זאָגן מיטאַמאָל, אַזוי אַז מען זאָל איבערשרייען דעם קינדס שטימע. אַליין האָט ער צוגעקלאַפּט צום טאַקט מיט דער ווירע אין טיש, געגלעט פּיליפּן ביז ער איז טאַקע אַנטשוויגן געוואָרן.

פרידקינען איז מיטאַמאָל איינגעפאַלן, אַז ער איז אַ קאָמאַנדיר, און די אַלע ממזרים — זיינע זעלנער, מוזן אים פאָלגן, אָט :

— בי קוויעט ! (זייט שטיל) — און דער גאַנצער קלאַס איז געבליבן שטיל.

— גאָ אהעד ! (גייט ווייטער) — און אַלע זאָגן !

ער האָט געשפרייזט אַ צופרידענער איבערן חדר, געקלאַפּט מיט דער ווירע און געזונגען מיט אַ סקאַרבאָוון ניגון :

„— — — מאין באת ? מטפה סרוחה ! ולאָן אתה הולך ? למקום עפר, רמה ותולעה !"

און די קולות זענען געוואָרן אַלץ שטאַרקער, זיך געריסן פון די קינדערס מיילער, אָפּגעהילכט אין ענגן צימער, און אַז מען האָט זיך לאַנג איינגעקוקט, האָט זיך געדאַכט, אַז פון די געשרייען הענגט איבער די קינדערס קעפּ אַ שטויביקער נעפּל.

סידני, אַ בחורל פון אַ יאָר דרייצן, איז געזעסן מיט אַן אָפן מויל, געשאָקלט מיט די ליפּן, אַפּנים אָפּצונאַרן דעם לערער, אַז ער זאָגט, בשעת מעשה געמאַכט קייקעלעך פון פּאַפּיר, זיי גענעצט אין מויל און געשאָסן אין אַנדערע יינגלעך.

פרידקין האָט עס באַמערקט, זיך געמאַכט נישט זעענדיק און הינטערווייַלעכס אים אַראָפּגעלאָזט די ווירע איבער די פּלייצעס. דאָס יינגל איז אויפגעשפרונגען, אַ געשריי געטון צום לערער : „גראַרי-היר" ! — און זיך צעוויינט.

די חברה זענען מיטאַמאָל שטיל געוואָרן, אויפגעשפרונגען אויף זייערע פּלעצער, ברייט צעעפנט די נייגעריקע אויגעלעך און געמורמלט :

— קיס הים, טיטשער, קיס הים ! (טו אים אַ קוש, לערער).

פרידקין איז געוואָרן ווי פאַרטויבט פון דער פּלוצלינגער שטילקייט. ער האָט זיך פאַרשעמט פאַרן קלאַס און מיט כעס גענומען שלאָגן דעם יינגל. סידני האָט זיך צעקוויטשעט, אַרויס פון דער באַנק, איינגעקוועטשט די פויסטן, זיך געשטעלט אין אַ פּאָזע פון אַ „פייטער" (באָקס-קעמפער) און זיך פאַרמאָסטן אויפן לערער.

פרידקינען האָט דאָס בלוט אַ שלאָג געטון אין פּנים אַריין. ער האָט געכאַפּט דאָס בחורל, אים אויפגעהויבן, מכבד געווען מיט עטלעכע „בענקלעך" אין גענעס אַריין, געעפנט די טיר און מיט אים אַרויס אין קאָרידאָר.

דער גאַנצער קלאַס איז אַרויף אויף די בענק און מיט אַ ווילדן „הורא" באַגלייט דעם לערער מיטן תּלמיד.

פרידקין איז צוריק אַריין אַ בלאַסער. ער האָט חשק געהאַט צו־צערייסן דעם גאַנצן קלאַס, געזוכט מיט די אויגן אויף וועמען אויסצו־לאָזן זיין כּעס.

די חברה האָבן אינסטינקטיוו פאַרשטאַנען, אַז איצט איז אַ געפאַר אָנצוהויבן מיטן לערער, זענען זיי אַלע געזעסן מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן און זיך געשטיקט פון געלעכטער. פרידקין האָט אַ קלאַפּ געטון מיט דער ווירע אין טיש, און דער קלאַס האָט זיך ווידער צעשריען.

אים איז מיטאַמאָל אַלץ נמאס געוואָרן. דער ענגער קלאַס, די שמוציקע פּנימער פון די קינדער און זייערע ווילדע קולות... ער האָט זיך נישט איינגעהערט, וואָס זיי זאָגן, בלויז געפילט ווי די קולות מישן זיך אויס, ווי עס גרילצט אין די אויערן, ווי די הייטלעך ציען זיך אָן ביז צום פּלאַצן — — — און דאָס זעלביקע חזרט זיך איבער פאַר די לעצטע צוועלף יאָר. ער האָט פון כּעס אַ רוק אַרויף געטון דאָס פענסטער, דערזען עטלעכע יונגעלייט, וואָס קוקן מיט ערשטוינטע אויגן אַרויף צו אים, וווּנדערן זיך, וואָס דאָרט קומט פאָר — האָט זיך פרידקין פאַרשעמט, צוגעהאַקט דאָס פענסטער און אַוועק אין אַ ווינקל. ער האָט געפילט, ווי די קולות פאַרטויבן אים, יאָגן אָן אַ שווערע מידקייט איבער אַלע זיינע גלידער און ער האָט זיך צוגעזעצט.

אים איז מיטאַמאָל איינגעפאַלן, אַז ער איז אַ מאַראָקער רבי, טראָגט אַ טורבאַן, זיצט אויף דער ערד מיט די פיס אונטער זיך, האַלט אַ יאַמבוס אין דער האַנט און שרייט, ממיתט די תּלמידים. עס האָט זיך אים נישט געגלויבט, אַז דאָס קומט פאָר אין אַמעריקע, אַז פרידקין מאַכט דאָ אַזעלכע קולות, שלאָגט צום טויט די קינדער.

ער האָט דערפילט אין קאַרק ווי אַ פּאָר אויגן קוקן אויף אים, אַ ציטער געטון און זיך אויסגעדרייט. פאַר אים איז געשטאַנען מיסטער טורש, איינער פון די גרינדער פון דער „היברו־סקול". מיסטער טורש, אַ ייד אַ גביר, איז תּמיד געגאַנגען מיט פאַרלייגטע הענט פון הינטן,

ער איז אַריין לייכט מיט אַ פאַרריסענעם קאָפּ, אַ שאָקל געטון צום לע־
רער מיט זיין לאַנגער גרוילעכער באָרד אַזוי קונציק, אַז דאָס פּנים
האָט זיך נישט באַוויגן, און זיך איינגעהערט ווי די יינגלעך זאָגן,
פאַרקוועטשנדיק איין אויג:

— קינדער, „דאָנט קעטש" 1), — האָט ער זיך געווענדעט צום קלאַס
און אַליין גענומען מיטזינגען — טראַ — טאַ — טאַ — טאַ, טראַ — טאַ — טאַ —
טאַ! — און צוגעקנאַקט מיט אַ פינגער.

ער האָט געפרעגט אַ יינגל די ברכה פאַר „פלוימענצימעס", גע־
בעטן פרידקינען, ער זאָל יעדן טאָג זאָגן מיט די קינדער „ברכות־
הנהנין", מער אַכט'נג געבן אויף די „שוא נע און שוא נח" — און גע־
קוואָלן, ווי די חברה זאָגן עברי.

פרידקין איז געשטאַנען אין דרייען אַ געבויגענער, געהאַלטן
אויפן אויג יעדעס יינגל, זיך געווישט דעם נאַסן שטערן און געטראַכט,
אַז מען דאַרף עפּעס אַריינוואַרפן אַ וואָרט, לאָז ער נישט מיינען, אַז
פרידקין איז אַ תם. ער האָט געוואַרט, מיסטער טורש זאָל אַ קוק טון
אויף אים, האָט ער געוויזן מיט דער האַנט אויף זיין נאַסן שטערן און
הכנעהדיק אַ שמייכל געטון:

— אַ חמימה...

— האַ, האַ, האַ - האָט זיך טורש הילכיק צעלאַכט — ס'איז קיין
עין־הרע דאָ, וואָס ס'זאָל וואַרעמען! מה־דאָך — האָט ער אָנגעהויבן מיט
אַ ניגון — די גמרא זאָגט, אַז פון בלויזן הויך פון קינדער וואָס לערנען,
ווערט שוין וואַרעם, על אחת כמה וכמה...

דאָ האָט זיך טורש צעפינטלט, נישט געוווּסט ווי צו ענדיקן די
„תורה", אַ קלאַפּ געטון פרידקינען אין דער פּלייצע, זיך פונאַנדערגע־
לאַכט און גענומען אַרויסגיין. ביי דער טיר האָט ער זיך אַ כאַפּ געטון,
ווי ער וואָלט עפּעס פאַרגעסן, זיך אויסגעדרייט, געשטעלט אַ טריט און
זיך געווענדט צו פרידקינען:

— מיסטער פרידקין...

פרידקין איז אונטערגעלאָפן, מאָדנע געשמייכלט, ווי ער וואָלט
געזאָגט: — איר דאַרפט זיך נישט מטריח זיין, מיסטער טורש, אָט בין
איך!

---

1) כאַפּט נישט.

— מיר האָבן דאָך היינט עפּעס אַ שטיקל „מיטינג״. דער ועד עמי-הארצים, — האָט טורש זיך אַ כאַפּ געטון מיט דער האַנט פאַרן מויל, זיך אַרומגעקוקט און געשמייכלט פון דער אייגענער חכמה — כ׳מיין דער ועד-החנוך וויל זיך דורכרעדן מיט די לערער. איר ווייסט, — איז טורש געוואָרן מיטאַמאָל ערנסט — מיר געפעלט עס אינגאַנצן נישט! וואָס וויל ער, מיסטער שולץ? דער „סיסטעם״ געפעלט אים נישט?

— דאָס זאָג איך דאָך, — האָט פרידקין אָנגעהויבן צו שטאַמלען — אונזער „היברו״ איז פונקט אַזוי גוט, ווי יעדער סקול אין „גרייטער-ניו-יאָרק״, אלא-מה? עפּעס אַ לערער גרין, וואָס שרייבט לידלעך אין די יידישע צייטונגען — — —

— וואָס שרייבט ער? — האָט טורש צוגעלייגט אַ האַנט צום אויער ער זאָל בעסער הערן.

— לידלעך שרייבט ער, — איז פרידקין געוואָרן דרייסטער — ער שרייבט יידישע „סאָנגס״ 1), וויל ער איינפירן מען זאָל לערנען זשאַרגאָן, ווי כ׳בין אַ ייד!

— טע, טע, טע, — האָט טורש פאַרקוועטשט דאָס רעכטע אויג און געשאָקלט מיטן קאָפּ — אַזוי גאָר? נו, מיר וועלן זען!

אַז טורש איז אַרויס, האָט פרידקין לייכטער אָפּגעאָטעמט. אים האָט הנאה געטון, וואָס ער האָט גרינען אונטערגעשטעלט אַ פיסל. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט, זיך נישט איינגעהערט, וואָס די קינדער זאָגן, עטלעכע מאָל פּרובירט אַ טראַכט צו טון, וואָס גרינען צו ענטפערן, גאָרנישט געקאָנט צוטראַכטן, און אַ מידער איז אים אויפן זינען געקומען דעם סעקרעטאַרס טאָכטער, מיס קליין. ווער ווייסט, אפשר איז עס טאַקע פּאַר אים אַ שידוך? מען דאַרף געבן אָנצוהערן דעם סעקרעטאַר, אַז ער וועט זיין ביי אים אין אָוונט, זאָל ער מיינען — — — דערווייל קאָן ער ביים „מיטינג״ אַריינוואַרפן אַ וואָרט, שאָדן קאָן עס נישט;

פרידקין האָט זיך אַרומגעקוקט. דער קלאַס איז נישט געווען רויק. טייל יינגלעך זענען געשטאַנען, זיך געשפּיגן איינער דעם

1) זינג-לידער

צווייטן אין די פּנימער, אַנדערע האָבן זיך געשלאָגן. ער האָט אַ קלאַפּ געטון מיט דער ווירע און אַרויסגערופן אַ צעשראָקן, אויסגעשמירט יינגל, וואָס איז געשטאַנען אויף אַ באַנק.

— גיב אַ האַנט!

ס׳יינגל האָט געקוקט אויפן לערער, אויף די קינדער, אויסגעשטרעקט אַ טרייסלענדיקע האַנט, געצאַטעוועט, פרידקין זאָל אים נישט אַ קלאַפּ טון, און געהאַלטן אין איין כאַפּן די האַנט צו זיך.

— וויפיל ווירעס ווילסטו?

דאָס יינגל האָט צעשראָקן געשמייכלט און געענטפערט:

— גאָרנישט.

פרידקין האָט אים דערלאַנגט מיט דער ווירע איבער דער האַנט און אים אָנגענומען פאַר אַן אויער:

— וויפיל צאָלסטו אַ וואָך?

— כ׳צאָל נישט.

— ביסט אַ יתום?

— יעם-מעם!

אַלע האָבן זיך צעלאַכט.

— נו פרעג איך דיך, — האָט פרידקין אָנגענומען דעם יינגל פאַר דער געמבע — אַ יינגל, וואָס האָט נישט קיין טאַטע, אַ יתום, וואָס צאָלט נישט קיין שכר-למוד, זאָל זיין אַזוי שלעכט? ווייסטו, אַז יעדע מינוט, ווען דו ביסט נאָר שלעכט, וואַרפט מען דיין טאַטן מיט אַ שטאַפּל נידעריקער, אַז דיין טויטער טאַטע ליידט איבער דיר, קאָן נישט ליגן אין קבר, ווייסטו עס?

ס׳יינגל האָט זיך פאַרשעמט און מיט פאַרלאָפענע אויגן ווי אַ שולדיקער געענטפערט:

— איך זאָג יעדן טאָג קדיש!

— דאָס איז ווייניק, — האָט זיך פרידקין אויסגעגלייכט, הנאה געהאַט, וואָס ער האָט איבערגעשראָקן דעם יינגל — אויב דו ווילסט נישט דיין טאַטע זאָל זיין אין גיהנום, זיי גוט, טשעפּע זיך מיט קיינעם נישט, פאָלג דיין לערער, דען אַז מען האָט קיין טאַטן נישט, איז דער לערער דער טאַטע, אַז נישט וועט מען אים בראָטן און ברענען...

דער קלאַס איז געוואָרן רויק. די ייִנגלעך האָבן זיך איינגעהערט און יעדן איז אויפֿן זינען געקומען אַן אַנדער מעשה וועגן טויט, וואָס ער האָט געהערט פֿון זיין מוטער. אַלע האָבן געקוקט אויפֿן ייִנגל, רחמנות געקראָגן, וואָס ער האָט קיין טאַטן נישט, און זיך גע-שושקעט.

אַ צופֿרידענער, וואָס ער האָט אַזוי איבערגעשראָקן דעם קלאַס, האָט פֿרידקין זיך צוגעזעצט, אַרויסגענומען דאָס זייגערל — נאָך אַ פֿערטל שעה.

די טיר האָט זיך פּלוצלינג אויפֿגעפּראַלט, און אַ דאַרע, שוואַרצע ייִדענע, ווי אַ שד, איז אַריין. נאָך איר האָט זיך נאָכגעשאַרט, אונ-טערשפּרינגענדיק אויף איין פֿיסל, דער געלער סידני מיט אַ לאַכנדיק, גנבֿהש אויגל.

די ייִדענע האָט אַראָפּגערוקט דאָס טיכל פֿון קאָפּ, גענומען איר געל בחורל פֿאַר דער האַנט און זיך אַ דריי געטון צו פֿרידקינען מיט אַ מענה-לשון:

— דו ביסט דאָס זיין רבי? דו וועסט דאָס שלאָגן מיין קינד, אַזאַ שוואַך קינד, אַז דערשלאָגן זאָלסטו ווערן! זע נאַר, זע, אין אַמעריטשקע ווערט דאָס אַ מלמד?! אַזאַ יון! אַזאַ גאָלע-מאָרדע! אַ גליק, וואָס „מיינער" איז נישט אין דער היים, אַז נישט וואָלסטו זיך אַ ווייסט יאָר אויסגעריכט!

פֿרידקין איז געשטאַנען אַ צעטראָגענער, נישט געוווּסט וואָס צו טון, געקוקט אויף דער דאַרער ייִדענע, אויף איר שמדלניק סידנין, ווי ער האָט אונטערגעוווּנקען צו דער חבֿרה מיט אַן אויגל...

און די ייִדענע האָט ווייטער געשריען:

— אַ חטא, סידני האָט נישט געוווּסט ווו ער האַלט! וועט ער נישט זיין קיין רבי, בין איך ווייטער בדלות! מען שלאָגט נישט היינטיקע צייטן, ס'איז נישט יוראָפּ! 1).

פֿרידקין איז געשטאַנען ווי אויף הייסע קוילן, זיך געטרייסלט:

— אַרויס פֿון דאַנען, מכשפֿה!

באַלד איז אַריין דער סעקרעטאַר און אַלע זענען אַרויס פֿון קלאַס.

1) אייראָפּע.

אַז פרידקין איז צוריק אַריין, זענען שוין די קינדער נישט געווען. ער האָט דערזען אויפן ברעט, וואָס האָט געהאָנגען אויף דער וואַנט, אַן אויסגעמאָלטן מענטש מיט אַ שישקע אויף דער נאָז. אונטערן מענטש איז געשטאַנען אויפגעשריבן: „פּראָפעסאָר פרידקין". פרידקין האָט אַ ביטערן שמייכל געטון, אָפּגעמעקט זיין נאָמען, גענומען דעם שטעקן און איז אַראָפּ אין שול צום „מיטינג".

## VIII

אַז פרידקין איז געקומען צום מיטינג, זענען שוין אַלע געווען אין שול. די שול איז געווען קוים באַלויכטן. בלויז צוויי גאַז־רערן האָבן געברענט אויף דער מזרח־וואַנט, וווּ דער „ועד החנוך" מיט די לערערס זענען געזעסן און געוואַרט אויף פרידקינען. די קליינע שול, מיט דער ווייסער געוואַשענער פּאָדלאָגע, וואָס האָט אַזש געפינקלט פון ווייסקייט, מיט די ליידיקע, שטומע בענק, ווי אויף זיי וואָלט קיינמאָל קיינער נישט געזעסן, אַלץ האָט געווירקט, אַז יעדער איינער, ווער ס'איז אַריינגעקומען אין דער שול, האָט גענומען גיין פּאַמעלעכער, גערעדט שטילער, זיך איינגעהערט אין זיין אייגן קול, אַזוי פרעמד האָט עס אָפּגעקלונגען.

פרידקין האָט זיך פאַרלוירן, עפּעס אַ שאָקל געטון צום פּרעזידענט מיטן קאָפּ, ווי ער וואָלט אים באַגריסט, און זיך געזעצט אויפן ערשטן ליידיקן אָרט.

— אויף וואָס וואַרט איר, רבותי? — האָט טורש מיט אַ שמייכל צענומען זיין לאַנגע באָרד.

— טאַקע אויף וואָס? — האָט גאַנז, אַן עלעגאַנט יידל, געהאַלטן אין איין דרייען זיין ברילִיאַנטן פינגערל, וואָס האָט זיך געצונדן אין גרין־בלויע רויט, — מיר קאָנען דאָך אָנהויבן!

דער פּרעזידענט האָט זיך אַרומגעקוקט, געוואָלט וויסן, צי אַלע זענען שוין דאָ, זיך פאַרלוירן און געוואָרן בלאַס, ווי איינער וואָס

גייט ס׳ערשטע מאָל רעדן פאַר אַ פּובליקום. ער האָט זיך אַ וויש געטון מיט אַ טיכל דאָס מויל און אָפּגעהוסט:

— כ׳מיין — — אַלע ווייסן צו וואָס מיר זענען זיך דאָ צונויפגעקומען... מיר, דער „ועד-החנוך״ — האָט ער אַ מאַך געטון מיט דער האַנט און געוויזן אויף טורשן און גאַנזן — זעען איין, אַז אונזער סקול פירט זיך נישט ווי עס באַדאַרף צו זיין — — איך וויל דאָ חס וחלילה קיינעם נישט באַשולדיקן, איך מיין, מיר דאַרפן זיך דורכשמועסן און טאַקע פרעגן ביי די לערערס, זיי פאַרשטייען זיך אויף „חנוך״ בעסער ווי מיר, און צוזאַמען אויסאַרבעטן עפּעס אַ נייעם „סיסטעם״, וואָס זאָל בעסער אַרבעטן.

דער פּרעזידענט האָט זיך אָפּגעווישט דעם שטערן, ווי ער וואָלט אָפּגעטון אַ שווער שטיקל אַרבעט, און געוואַרט עמעצער זאָל זיך אָנרופן. עס איז געוואָרן שטיל. די לערערס זענען געזעסן ערנסטע, געטראַכט וואָס צו זאָגן. ס׳האָט זיך בלויז געהערט דאָס קלאַפּן פון וואַנטזייגער, ווו פון דער שויב האָבן אַראָפּגעקוקט גרויסע גאָלדענע אותיות: מרת חיה שולץ, נ״ע, אַ מתנה פון פּרעזידענט נאָך זיין פאַרשטאָרבענער מוטער.

— נו, מיסטער פרידקין, — האָט טורש זיך געווענדט צום פּרינציפּאַל — וואָס שווייגט איר?

— מיסטער פרידקין איז דאָ לענגער פאַר אונז אַלעמען, — האָט גרין זיך אָנגערופן — איז טאַקע אינטערעסאַנט צו הערן זיין מיינונג!

— איך, — האָט פרידקין גענומען שטאַמלען און געבלאָזן די באַקן, ווי ער וואָלט עפּעס געקייט — כ׳ווייס נישט, פאַרוואָס איר האָט אַלע מיטאַמאָל געוואָרפן אַן אומחן אויף אונזער סקול...

— הייסט עס, מיסטער פרידקין איז צופרידן מיט דער סקול ווי זי איז. — און דער פּרעזידענט האָט זיך אַ קער געטון צו וואַקסמאַנען: וואָס זאָגט איר?

וואַקסמאַן איז די גאַנצע צייט געשטאַנען ווי אַן אָנגעלאָדענער, גרייט אויסצושיסן. דער שטייפער קאַפּעלוש פאַרשאַרצט, און די קורץ-געשוירענע האָר האָבן זיך ביי אים אויפגעשטעלט, ווי זיי וואָלטן געווען עלעקטריזירט. גלייך ווי ער האָט דערהערט זיין נאָמען, האָט

ער אַ רוק געטון דעם קאַפּעלוש, אויסגעצויגן דעם דאַרן האַלז, ווי ביי אַן אָפּגעצופּטן האָן, אויסגעמיטן אַלעמענס בליקן און אַריינגע־רעדט אין פּרוכת:

— ווי די סקול פירט זיך איצט, איז זי אַ דורכפאַל, פּונקט אַזאַ דורכפאַל, ווי הונדערט אַנדערע סקולס איבערן גאַנצן לאַנד! אונזער סקול איז אַ נאָכקרימעניש נאָך די אַסימילאַטאָרישע סקולס. דאָרט לערנט מען קאַטעכיזם, ביי אונז — ברכות, אַ שטיקל חומש און אין דעם באַשטייט דאָס גאַנצע ביסל יידישקייט!

ער האָט זיך פאַרקרעקט. עס האָט אויסגעזען ווי אַלע געדאַנ־קען האָבן זיך ביי אים מיטאַמאָל אַ שפּאַר געטון אין האַלז אַריין און אים נישט געלאָזט ווייטער רעדן. ער האָט אַ פינטל געטון מיט די אויגן און פאָרטגעזעצט:

— וואָס דאַרפט איר מער? אונזער סקול עקזיסטירט שוין איבער צוואַנציק יאָר, און איך וועל גיבן פינף דאָלאַר אויפן נאַציאָנאַל־פאָנד, אויב איר וועט געפינען אַ יינגל אַ יאָר נאָכן ענדיקן, וואָס זאָל קענען, נישט קיין סך, בלויז אַ פרשה חומש! איר וועט עס נישט געפינען! טאָ צו וואָס, פרעגט זיך, דאַרפן מיר די „היברו־סקול"? עס איז דאָך אַרויסגעוואָרפן אייער צייט, אייער מי, — האָט וואַקסמאַן גע־טייטלט מיט אַ פינגער אויפן „ועד החנוך" — אַ שאָד יידיש געלט און דער עיקר, — האָט ער געקלאַפּט מיט אַ פויסט אין אַ צעעפנטער האַנט, געשנירלט דעם שטערן, אַ פּנים געזוכט אַ פּאַסיק וואָרט — איר וועט עס דאָך תמיד האָבן אויף אייער געוויסן, וואָס איר האָט געמאַכט פון יידישע קינדער גוים!

וואַקסמאַן איז געבליבן שטיין אַן אויסגעליידיקטער, ווי ער וואָלט אַלץ פון זיך אַרויסגעשאָטן, נישט געוועזן צופרידן, וואָס דער געדאַנק איז ביי אים פאַרלאָפן אויף אַ פריער, און געזוכט אים צוריק־צוכאַפּן.

בשעת וואַקסמאַן האָט זיך געקאָכט, האָט טורש צענומען די באָרד מיט די פינף פינגער פון זיין לינקער האַנט און געשמייכלט:

— טאָ וואָס איז אייער עצה?

— מיין עצה, — האָט וואַקסמאַן איבערגעחזרט די צוויי ווערטער עטלעכע מאָל — יעס, מיר דאַרפן אינגאַנצן אויפגעבן דעם אַלטן

פראָגראַם און אָנהויבן צו לערנען „עברית-בעברית״. ווען אַ יינגל וועט פאַרשטיין, וואָס ער זאָגט, וועט ער שוין במילא קענען „עברי״, וועט ליב קריגן זיין שפּראַך, וויסן וואָס אַ ייד איז, און אַז ער וועט ענדיקן די סקול, וועט ער אין אַ חודש אַרום נישט פאַרגעסן, וואָס ער האָט געלערנט. נאָך אַמאָל, מיין פּלאַן איז מען זאָל איינפירן אין אַלע קלאַסן פון ערשטן ביז דעם לעצטן „עברית-בעברית״.

ער איז אַנטשוויגן געוואָרן, געפילט, אַז ער האָט אַ הונדערטסטל נישט אַרויסגעזאָגט, אַז די געדאַנקען האָבן זיך ביי אים אויסגעמישט און דעם עיקר האָט ער דורכגעלאָזט. אַן אויסגעמאַטערטער האָט ער זיך אַוועקגעזעצט, אַ קוק געטון אויף זיינע צוויי חברים — ראָזען און מילער — געזען, ווי זיי זענען צופרידן מיט אים, האָט ער זיך אַביסל באַרויקט. בשעת וואַקסמאַן האָט גערעדט, האָבן ראָזען מיט מילערן אָנגעקוואָלן און געקוקט פון איין פּנים אויפן צווייטן צו זען, וואָס פאַר אַן איינדרוק ס׳מאַכן אַזעלכע קלאָרע, קלוגע רייד, ווי זייער חבר רעדט. זיי האָבן זיך יעדע ווײַלע אָנגעשטויסן מיט די עלנבויגנס, זיך איבערגעקוקט, און מען האָט געזען בהוש, אַז די צוויי בחורים ווערן ברייטער פון פרייד, אַזוי צופרידן זענען זיי געווען, וואָס וואַקסמאַן רעדט. און אַז ער האָט זיך אויסגערעדט פאַר עברית-בעברית, זענען זיי אַזש אונטערגעשפּרונגען:

— יאָ, יאָ, וואַקסמאַן איז גערעכט!

— הייסט עס, — האָט דער פּרעזידענט רעזומירט וואַקסמאַנס דרשה — איר זענט דערפאַר, מען זאָל לערנען „עברית בעברית״ — און ער האָט זיך געווענדט צום סעקרעטאַר, וואָס האָט די גאַנצע צייט זיך געחדושט, וואָס אַ יונגערמאַן ווי וואַקסמאַן זאָל זיין אין אַמעריקע אַזוי פאַנאַטיש און וועלן רעדן לשון קודש — מיסטער קליין, פאַרשרייבט וואָס וואַקסמאַן זאָגט!

— מיר שיינט, — האָט גאַנז זיך אָנגערופן אַן אומגעדולדיקער — אַז מילער און ראָזען זענען איינשטימיק מיט וואַקסמאַנען.

— דאָס הייסט, — האָבן זיך ביידע מיטאַמאָל אויפגעשטעלט און גענומען רעדן צוזאַמען — נישט אין אַלע פּרטים גלייכן מיר זיך אויס, נאָר ס׳מאַכט נישט, איר מעגט פאַרשרייבן, אַז מיר זענען איינשטימיק מיט אים.

— און איר, מיסטער גרין, — האָט דער פּרעזידענט ליבלעך אַ שמייכל געטון — זענט איר איינשטימיק מיט מיסטער וואַקסמאַנס פּלאַן?

גרין האָט זיך געביסן די נעגל, כמעט זיך נישט איינגעהערט, וואָס זיינע קאָלעגן רעדן, געוווּסט אַלע זייערע טענות אויף אויסווייניק און געטראַכט, ווער ס'איז שעדלעכער פֿאַר די תּלמוד־תּורות: צי די פּרידקינס, צי די וואַקסמאַנס? ער האָט זיך איינגעקוקט אין פּרעזידענט און געענטפערט:

— איך בין נישט איינשטימיק מיט וואַקסמאַנען!

— וואָס איז אייער פּלאַן? — איז גאַנץ אַריין אין דער מיט.

— כ'בין זיכער, אַז איר וועט מיין פּלאַן נישט אָננעמען, — האָט גרין געלאָסן אַנגעהויבן און פֿאַרלייגט אַ פּוס אויף אַ פּוס — פֿונדעסט־וועגן וועל איך אייך בעטן, איר זאָלט מיך אויסהערן.

— בכבוד גדול, רעדט! — האָבן זיך עטלעכע מיטאַמאָל אָנגע־רופֿן.

גרין האָט עטלעכע מאָל זיך אַ ביס געטון אין דער אויבער־שטער ליפּ, ווי ער וואָלט אַזוי ר'נאָך זיך געוואָלט דעם ענין קלאָרער מאַכן, און פֿאָרטגעזעצט:

— אַז דאָ האַנדלט זיך נישט, צי מען וועט לערנען עברית בעברית, צי עברית־באַנגלית, די צרה ליגט טיפֿער! די קינדער האָבן פֿיינט די „היבּרו סקול"! ס'איז ביי זיי אַן אָפּקומעניש! זיי גייען אַהינצו, ווייל זיי האָבן מורא פֿאַר די עלטערן. די גאַס, די פּאָבליק־סקול, אַלץ אַרום איז קעגן יידישקייט, פֿרעגט זיך, וואָס האָבן די „היבּרוס" געטון אום צו קאָנען קאָנקורירן מיט דער אַמעריקאַנער גאַס, מיט דער אַמעריקאַנער פּאָבליק־סקול? איך זע, איר שמייכלט, בו טאַקע, ס'איז דאָך אפֿילו שווער זיך פֿאָרצושטעלן, די „היבּרו" זאָל קאָנקורירן מיט דער גרויסער אַמעריקאַנער פּאָבליק־סקול, מיט דער רוישנדיקער גאַס, וואָס בלענדט, שלינגט איין פֿאַר אונזערע אויגן הונדערטער מענטשן יעדן טאָג, טוט זיי איבער, קראַצט זיי אַרום, גיט יעדן אַ שטיקל גומע צו קייען און שפּייט אויס פֿאַרטיקע אַמעריקאַנער. די זאַך איז אָבער נישט אַזוי. ווען איר וועט זיך צו־קוקן אַ ביסל טיפֿער, וועט איר באַמערקן, אַז די גאַס האָט אונז

אַלעמען פֿאַרבלענדט. איבער נאַכט קאָן מען פֿון דער אייגענער הויט נישט אַרויס. אפילו איינער, וואָס איז דאָ געבוירן געוואָרן, דורכגעמאַכט פּאָבליק-סקול, איז נאָך נישט קיין אַמעריקאַנער! ס'מוז נעמען דורות, אַז אַ ייד זאָל זיך פולשטענדיק אַמעריקאַניזירן! הייסט עס, אַז די גאַס, די פּאָבליק-סקול ווירקן אויסערלעך. ס'איז אַן אויסערלעכער דרוק, און אַ קעגנזייטיקער דרוק וואָלט אים לייכט געקאָנט באַזייטיקן. און דאָס איז די איינציקע זאַך, וואָס די „היבּרוס" דאַרפֿן אויפטון, איינפֿלאַנצן אין די קינדער ליבע צו אַלעס, וואָס איז יידיש! וואָס זאָג איך, איינפלאַנצן, דאָס האָבן שוין די מוטערס געטון. מען דאַרף די ליבע צו יידישקייט אַנטוויקלען, זען זי זאָל נישט אָפּשטאַרבן. די היבּרו-סקול האָט געדאַרפֿט זיין די קייט, וואָס פֿאַרבינדט די עלטערן מיטן קינד — דערווייטערט זי נאָך דאָס קינד פֿון די עלטערן. אין אַלע „היבּרוס", כמעט אָן אויסנאַם, שעמען זיך די קינדער מיט יידיש, מיט אַ יידישן נאָמען; הערט מען דאָס וואָרט „משה", לאַכט מען פֿונקט אַזוי אין די פֿויסטן און מען קרימט איבער, ווי פּאָליאַקן, ווען זיי דערהערן דאָס וואָרט „מאָשעק". פֿרעגט זיך, וואָס האָבן די „היבּרוס" געטון, זיי זאָלן די אַלע מכשולים אַוועקנעמען, זיי זאָלן דערנענטערן דאָס קינד צו די עלטערן? גאָרנישט! מיט זייער שלעכטן ענגליש האָבן זיי דאָס לעצטע שטריקל איבערגעריסן, אַוועקגענומען ביי די קינדער דעם רעספּעקט צו די עלטערן, וואָס רעדן נישט קיין ענגליש (און דאָס זענען דאָך כמעט אַלע טאַטעס, וואָס שיקן זייערע קינדער אין די „היבּרוס"), און דער סוף איז, אַז זיי, די קינדער, וואַקסן קיין גוים אויך נישט, ס'וואַקסט עפּעס אַ הויקער אויפֿן יידישן קערפּער, אַ קאָלטון, וואָס מיר האָבן נאָך קיינמאָל נישט געהאַט.

גרין האָט אָפּגעווישט די בלעזלעך פֿון די ליפּן און ווייטער גערעדט:

— כ'וועל אייך דערציילן אַ פֿאַל, און אַזעלכע פֿאַלן וועט איר געפֿינען יעדן טאָג אין יעדער „היבּרו-סקול", וועט איר זען, אַז אונזערע סקולס זענען קעגן יידישקייט. איך האָב עס אַליין בייגעוווינט. פֿאַר פּסח, ווען מען לערנט די פֿיר קשיות אין ענגליש, איז געקומען אַ ייִנגל צום לערער און געבעטן, ער זאָל מיט אים

לערנען די פיר קשיות אויף יידיש. זיין פאָטער, — האָט ער געטענהט — פאַרשטייט נישט קיין ענגליש. דער לערער האָט נישט געענטפערט. און אַז ס'איז געקומען דאָס יינגל זאָל זאָגן די פיר קשיות, האָט ער אַ באַליידיקטער געענטפערט, אַז ער וועט נישט זאגן. ער וויל נישט לערנען די פיר קשיות אויף ענגליש, ער וויל אויף יידיש. האָט דער לערער מיטן פרינציפּאַל דעם יינגל גוט צעשלאָגן. און וואָס מיינט איר איז געווען דער סוף? ס'יינגל האָט נישט געזאָגט, געווען זייער אַן איינגעשפּאַרטער. פרעגט זיך — וואָס טראַכט זיך אַזאַ יינגל, ווען דער כעס גייט אים איבער? אַז זיין פאָטער איז עפּעס אַ ווילדער מענש, רעדט אַ לשון, וואָס אַלע שעמען זיך דערמיט. דערצו געהאַט, מסתּמא, אַ פאַרשטערטן יום־טוב. ביים סדר האָט ער זיך געוויס דערמאָנט אָן די קלעפּ, זיין מוחל האָט נישט באַגריפן, פאַרוואָס מען האָט אים געשלאָגן, און מער ווי אַ שנאה צו דער „היברו" האָט ביי אים נישט געקאָנט בלייבן. אַזאַ זאַך, — האָט גרין זיך געקלאָגט — וואָלט נאָר געקאָנט פּאַסירן אין פּויזן, ווו דייטשן לאָזן נישט די פּוילישע קינדער אפילו דעם קאַטעכיזם לערנען אויף פּויליש!

גרין איז אַנטשוויגן געוואָרן. אַלע האָבן געמיינט, אַז ער האָט געענדיקט. וואַקסמאַן האָט געהויבן מיט די אַקסלען, אָנגעקוקט די חברים און זיך אַ פרעג געטון:

— און וואָס איז מכח העברעיש?

— איך בין קעגן עברית־בעברית, — האָט גרין געענטפערט — ווייל ס'יידיש לעבן דאָ איז קעגן דעם. אין ארץ ישראל איז אפשר אַ פּלאַץ דערפאַר, נאָר דאָ איז עס אַ דורכפאַל. דער בעסטער באַווייז, אַז אין די טעלעכע ניו־יאָרקער „עברית־בעברית" שולן ענדיקן יערלעך גאַנצע פינף קינדער, און דאָס זענען כמעט אַלע קינדער פון „כלי־קודש", וואָס וואָלטן אָן די שולן אויך געלערנט העברעיש, ווו מען לערנט נישט קיין יידיש, הערט מען במילא אויף צו לערנען העברעיש, און ווו מען האט פאַרביטן יידיש אויף דער לאַנד־שפּראַך, איז פון העברעיש און יידישקייט קיין זכר נישט געבליבן. מיר דאַרפן לערנען מיט די קינדער יידיש. יעדעס יינגל, וואָס קומט אין דער „היברו", קען יידיש, פאַרשטייט וואָס מען דערציילט אים. די מוטער האָט אים איינגעוויגט אין יידיש, אים געקושט און געשלאָגן אין יידיש, אים דערציילט פון זיידן און עלטערזיידן אין יידיש... מאָדנע,

כמעט יעדעס יידיש קינד, אַז ס׳קומט אָן אין דער „היברו", איז עס אָנגעזאַפּט מיט פאָלקלאָר, גלייך ווי ער הערט שלמהס נאָמען, ווייסט ער אַלע מעשות, וואָס זיין מוטער האָט וועגן אים געלייענט אין טייטש-חומש, און אין דער „היברו" פאַרגעסט ער עס. ווען די לע-רערס וואָלטן מיט אים געלערנט יידיש, וואָלט ער עס במילא ליב באַ-קומען, דען ס׳איז דאָך אין זיין בלוט, און ער וואָלט זיך נישט נאָר געשעמט מיט זיין טאַטע-מאַמע, נאָר...

דאָ האָט זיך גרין אָפּגעשטעלט, גלייך ער וואָלט נישט געוווּסט ווי צו ענדיקן, געקלערט אַ ווײַלע און אַ מאַך געטון מיט דער האַנט:

— אין קורצן, איך מיין מען זאָל לערנען דאַוונען, ברכות, קדיש אין העברעיש, און אויב אפילו דאָס קינד פאַרשטייט נישט, מאַכט אויך נישט אויס, דאָס איז ביי אונז אַ קולט, פונקט ווי קרבנות אַמאָל ביי יידן! מען האָט נישט געוווּסט, פאַרוואָס מען ברענגט קרבנות, דער זין איז געווען דעם עולם פרעמד, ס׳האָט אָבער גאַנץ געמאַכט דאָס יידישע לעבן, אים געגעבן אַן אינהאַלט. די איבעריקע צייט דאַרף מען אָפּגעבן אויף אַנדערע לימודים, און אַלע זאַכן ווערן געלערנט אין יידיש.

גרין האָט זיך אַוועקגעזעצט. טורש און גאַנז האָבן די אויגן נישט אַראָפּגעלאָזט פון אים, און ס׳איז שווער געווען צו זאָגן, צי זיי זײַנען איינשטימיק מיט אים, צי זיי קוקן אים אָן ווי אַ משוגענעם. וואַקסמאַן האָט אויפגעהויבן אַ האַנט — געהייסן האָט עס, ער פאַר-לאַנגט אַ וואָרט. אַז דער סעקרעטאַר האָט פאַרשריבן גרינס פאָרשלאַג, האָט דער פרעזידענט זיך אָנגערופן:

— מיסטער וואַקסמאַן האָט ס׳וואָרט!

וואַקסמאַן האָט זיך אויפגעשטעלט, קרענקלעך געשמייכלט, און ס׳האָט אויסגעזען, אַז מיטן שמייכל אַליין וויל ער מבטל מאַכן גרינס טענות. דאָס מאָל האָט ער געקוקט אויף גרינען, עטלעכע מאָל אָפּ-געהוסט און אָנגעהויבן:

— ס׳וווּנדערט מיך, ווי מיסטער גרין האָט גאָר געקאָנט מאַכן אַזאַ פאָרשלאַג? אונזער יחוס איז אַביסל עלטער פון טייטש-חומש!

צו וואָס אָנהויבן מיטן „צאינה-וראינה", אַז מען קאָן אָנהויבן מיט אברהם אבינו ?

— גוט, גוט ! — זענען מילער מיט ראָזענען אויפגעשפרונגען, שטאַרק צופרידן מיט וואַקסמאַנס פאַרגלייך און הנאה געהאַט, וואָס דער „ועד-החנוך" שמייכלט.

— מיסטער גרין טענהט, — האָט וואַקסמאַן אַ צופרידענער פאָרט־געזעצט — אַז זשאַרגאָן וועט דערנענטערן ס'קינד צום פאָטער. אויב אַזוי, איז אין לדבר סוף ! וועט שפּאַנאָליש דערנענטערן דאָס ספרדיש קינד מיט זיינע עלטערן, ענגליש — דאָס ענגלישע און אַזוי ווייטער. פרעגט זיך, פאַרוואָס זאָל עפעס זשאַרגאָן האָבן די בכורה ? מיסטער גרין ווייס פּונקט אַזוי ווי איך, דאָס צייט מיר זענען אין גלות, האָבן מיר שוין נישט אויף איין שפּראַך גערעדט, און זיי אַלע זענען פאַר־געסן געוואָרן, פּונקט אַזוי וועט מיט דער צייט פאַרגעסן ווערן זשאַר־גאָן ! וואָס רעד איך, אין אַמעריקע איז זי שוין טויט ! די גאַנצע יוגנט רעדט נישט און שעמט זיך מיט זשאַרגאָן.

— דאָס טענה איך דאָך — האָט זיך גרין אָנגערופן.

— אָט דאָס זעט איר, יאָ, — האָט וואַקסמאַן זיך נישט אָפּגע־שטעלט — די אַלע אוצרות, וואָס יידן האָבן געשאַפן אין פרעמדע שפּראַכן און דערנאָך זיי איבערגעטראָגן אין העברעיש... דאָס וועט אפשר זיין מיט זשאַרגאָן אויך, כאָטש כ'זע נישט ס'זאָל זיין וואָס איבערצוטראָגן ? — האָט ער אַ שמייכל געטון. — אָבער נעמען זשאַרגאָן פאַר אונזער נאַציאָנאַלע שפּראַך, דאָס איז אַן אומזין ! דאָס ווידער, וואָס מיסטער גרין שלאָגט פאָר, מען זאָל לערנען דאַווענען און ברכות אין העברעיש, פאַרשטיי איך נישט, וואָס ער מיינט דערמיט.

ווען וואַקסמאַן האָט זיך אַוועקגעזעצט, האָבן אַלע געקוקט אויף גרינען, געווען זיכער, אַז ער וועט אים ענטפערן. גרין איז געזעסן, די פאַרלייגטע הענט אָנגעשפּאַרט אָן די קני, כמעט זיך נישט צוגע־הערט, וואָס וואַקסמאַן האָט גערעדט, און געטראַכט אַז מען דאַרף אים נישט ענטפערן, די רייד זענען אַרויסגעוואָרפן. עס רעדט אַ מענטש, וואָס זעט לחלוטין נישט, וואָס עס טוט זיך אונטער זיין נאָז, חלומט וועגן די אַלע העברייער, וואָס האָבן איינגענומען יריחו מיט שופרות.

נישט נאָר מיר, – איז גרינען איינגעפאַלן — נאָר אפילו די חכמי התלמוד האָבן שוין מיט די אַלטע העברייער קיין שייכות נישט געהאַט. עס איז אים מיטאַמאָל שטאַרק אומעטיק געוואָרן. ער האָט זיך געוווּנדערט, ווי נאָך האָט ער אַ מינוט צוריק געקאָנט רעדן מיט אַזאַ זיכערקייט וועגן יידיש? ער האָט דאָך פונקט אַזוי פיינט געהאַט יידישיסטן, ווי ער האָט פיינט געהאַט העברייער, געוווּסט, אַז אין אַמעריקע איז עס אַ „ביזנעס". סיי דער יידישיסט, סיי דער העברייער האָבן נישט קיין ליבע צו דער זאַך, האַנדלען מיט זייערע אידעאַלן, ווי מיט צוגעלעגענע באַנאַנעס. אין אַמעריקע שפילט דער יחיד קיין ראָלע נישט. קומען זיך צונויף צען מענטשן, גרינדעט מען אַ סאָסייעטי, אַ יוניאָן, אַ פאַרטיי, מען פאַרטרעט עמעצן! פונקט אַזאַ מסחר גייט דאָ אָן מיט העברעיש און יידיש. מער נאָך מיט העברעיש. אין נאָמען פון יידנטום קאָנקורירט מען איינער מיטן צווייטן, מען שטעלט זיך נישט אָפּ פאַר קיין זאַך, אַלץ איז כשר, מעג אפילו דאָס יידנטום אונטערגיין, אַבי אַ פּאָר כלל-פאַרזאָרגערס זאָלן זיך אַרויסשטופּן אין די עפנטלעכקייט. ער האָט געקוקט אויפן „ועד החנוך". דער פּרעזידענט – אַ געוועזענער משכיל, אַליין געשריבן „שירים", איצט אַ ביזנעסמאַן, די געשעפטן גייען גוט, באַקאַנטע זענען ציוניסטן, גיבן זיך אָפּ מיט „חנוך", דאַרף מען אויך באַלאַנגען אַהין. גאַנז – אַן אַמעריקאַניזירטער, רעדט מערסטן ענגליש, ווייס, אַז מען דאַרף דאָס יידנטום רעפאָרמירן, יידיש איז עפּעס אַ פרעמדע מכה, וואָס מיר האָבן מיטגעבראַכט פון דער אַלטער היים, און כמעט אַלץ, וואָס מיר האָבן מיטגעבראַכט, טויג נישט, דאַרפן מיר זען איבערטוישן יידיש אויף ענגליש. גרין האָט געקוקט אויף גאַנזן, ווי ער איז אומגעדולדיק, האַלט אין איין דרייען דאָס בריליאַנטענע פינגערל, קוקט מיט בטול אויף די לערערס, און אים איז איינגעפאַלן, אַז אין דער היים וואַרט מען, מסתמא, אויף אים מיטן „פּאָקער". בלויז דער אַלטער טורש איז גרינען געפעלן. אַ פּשוטער ייד, איז אין כעס, וואָס יידן פאַרדרייען זייערע נעמען, באַגרייפט נישט, אַז יידיש איז אַ פרעמדע שפּראַך. וואָס הייסט זיין קעגן יידיש? אמת, העברעיש איז ביי אים הייליק, וועגן יידיש אָבער טראַכט ער נישט, פונקט ווי ער טראַכט נישט וועגן זיין געזונטן מאָגן, ס'איז אין אים, ס'איז אַ שטיק פון זיין לעבן. גרינען איז אַ רחמנות געווען אויפן גרויען ייד, וואָס איז געזעסן די גאַנצע צייט, נישט פאַרשטאַנען זיינע, גרינס, טענות און

נאָך וויניקער פאַרשטאַנען, וואָס וואַקסמאַן האָט גערעדט.

— איר ווילט אַ וואָרט? — האָט דער פּרעזידענט זיך געווענדט צו פרידקינען, וואָס האָט געהאַלטן איין פינגער אין דער לופטן.

— כ'וויל באַמערקן, — האָט פרידקין זיך פאַרלוירן — אַז אויב אַפילו מיסטער גרינס פּלאַן זאָל זיין אַ גוטער, און וואָס כ'בין איבער־צייגט, אַז נישט...

— מיט וואָס זענט איר איבערצייגט? — האָט אים גרין איבערגע־האַקט די רייד, באַלד חרטה געהאַט, קוקנדיק אויף זיין אידיאָטיש פּנים, געהאַט פאַריבל אויף זיך אַליין, צו וואָס ער האָט זיך נאַריש געמאַכט און פאַרמישט מיט זיין פּלאַן אַזאַ קאַשע.

פרידקין האָט נישט געוווסט וואָס צו ענטפערן, אים אָנגעקוקט און אָנגעהויבן צו שטאַמלען:

— וואָס האָב איך געוואָלט זאָגן? אַז מען האָט מיר איבערגעהאַקט די רייד! יאָ, כ'מיין דער פּלאַן וועט נישט קאָנען אָנגעווענדט ווערן אין דער פּראַקטיק. די קינדער וועלן די „טיטשערס" די קעפּ אַראָפּ־דרייען, ווען זיי וועלן הערן, אַז מען לערנט חומש אין זשאַרגאָן. אַזוי איז אויך שווער צו האַלטן אַ קלאַס, ווי נאָך ווען מען וועט פאַרטייטשן אין זשאַרגאָן?

— ווער איז אייך שולדיק, אַז איר קאָנט נישט האַלטן קיין קלאַס? — איז טורש אים אַריין אין די רייד. — מען האָט אונז אויך פאַר־טייטשט דעם חומש אויף יידיש, נו, דעריבער? כ'פאַרזיכער אייך, אַז מיר האָבן מער דרך ארץ געהאַט פאַרן אַלטן מלמד, ווי די קינדער דאָ האָבן דרך־ארץ פאַר אייער ענגליש.

פרידקין האָט זיך אַוועקגעזעצט. דער עולם האָט געשמייכלט.

מיסטער גאַנז האָט אַרויסגענומען דעם גאָלדענעם זייגער, אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ און אונטערגעטראָגן דעם זייגער דעם פּרעזידענט.

— טאַקע שפּעט! — האָט דער פּרעזידענט מעכאַניש אויך אַ קוק געטון אויף זיין אייגענעם זייגער און געזאָגט צו גרינען. — כ'וועל אייך זאָגן, ביי מיר האָט איר אַפילו געפועלט, מיסטער גרין. אייער פּלאַן איז נישט קרום. כ'פאַרשטיי, אַז יידיש לערנען וואָלט דערנענטערט דאָס קינד צו די עלטערן, כ'מיין אַז מען זאָל פאַרטייטשן דעם חומש אויף יידיש, נאָר איר ווייסט דאָך, אַז מיר זענען נישט די איינציקע בעלי־בתים, פאַראַן נאָך דירעקטאָרן, וואָס שטיצן די סקול, און אַז זיי וועלן

עס הערן, וועט ווערן אַ ויצעקו. פיל, בין איך זיכער, וועלן זיך אָפּזאָגן פון דער סקול. מען דאַרף אַלץ נעמען אין אָנבעטראַכט, נישט געאײַלט זיך — האָט דער פּרעזידענט געצויגן די ווערטער און זיך געווענדט צו גאַנזן : — וואָס זאָגט איר מיסטער גאַנז ?

גאַנז האָט זיך אויפגעשטעלט, ווי צום גיין, פאַרריכט דעם לאַנגן שניפּס, פאַרקנעפּלט דעם ראָק אויפן אונטערשטן קנעפּל און אים גלייך צוריק אויפגעקנעפּלט און געריידט סתּם אַזוי. — איך בין קעגן זשאַרגאָן. זעט, וואַקסמאַנס פאָרשלאַג טאָר מען נישט אָװעקמאַכן מיט דער האַנט, מען דאַרף אים אויפנעמען, ביים צווייטן „מיטינג", זונטיק אָוונט, דאַכט זיך, האָבן מיר דעם „נעקסטן מיטינג", האַ ? — האָט ער זיך אויסגעדרייט צום סעקרעטאַר, געוואַרט ביז יענער וועט אַ שאָקל טון מיטן קאָפּ אויף יאָ און ווייטער געריידט. — וועלן מיר זיך באַקענען מיט דער פראַגע גרינטלעך און באַשטימען, וואָס מיר האָבן צו טון, נישט וואַר ?

— מען דאַרף זיך נישט איינרייסן מיט מיסטער גרין, — האָט דער פּרעזידענט געשמייכלט — מאָרגן קאָן ער באַשרייבן אונזער „מיטינג" אין די „פּייפּערס" (צייטונגען).

— וואָס מיינט איר ? — האָט אים גאַנז איבערגעפרעגט.

— איר ווייסט גאָרנישט ? — האָט זיך דער פּרעזידענט געחדושט, — מיסטער גרין איז דאָך אַ שרייבער, ער האָט נעכטן אויך געהאַט אַ „שטיקל" — זיך בשעת־מעשה אויסגעדרייט צו גרינען — און אַ גוט שטיקל, כאַ, כאַ, כאַ !

גאַנז האָט אָפּגעמאָסטן גרינען פון אויבן אַראָפּ, און ס'איז שווער געווען צו זאָגן, צי דער קוק איז געווען ביטול, צי דרך־ארץ, ווייל ער שרייבט אין די „פּייפּערס".

גרין האָט זיך פאַרלוירן, זיך געפילט באַליידיקט, געזען אין גאַנזעס לייכטן שמייכל, אַז ער האַלט נישט שטאַרק פון יידישע שרייבער, טראַכט מסתמא, ווען ער וואָלט געהאַט אַ רויקן קאָפּ, וואָלט ער אויך עפּעס אָנגעשריבן. אַ קונץ צו שרייבן אין יידיש ! ער האָט נישט געקאָנט פאַרטראָגן גאַנזעס זאַטן פּנים און זיך פאַרבייגט :

— אַ גוטע נאַכט !

— מיר גייען אויך, — האָט וואַקסמאַן אים נאָכגעשריען — וואָס אײַלט איר זיך אַזוי ?

די לערערס זענען אַרויס פון שול, לייכטער אָפּגעעטעמט און געבליבן שטיין.

— ס'גייט עמעצער פון אייך אין קאַפע? — האָט גרין זיך אַ פרעג געטון.

— לאָמיר גיין. — האָט זיך עמעצער אָנגערופן.

אַלע האָבן זיך אַ שאָט געטון אין מיטן דער גאַס, געגאַנגען אין אַ ברייטע שורה און געשוויגן.

וואַקסמאַן האָט אין מיטן אַרויפגעלייגט אַ האַנט אויף גרינען:

— נו, דאַרף מען פאַר זיי שרייבן? גאַנץ, דאַכט זיך, אַ באַלעזענער ייִד, און ווייס נישט, אַז גרין איז אַ יידישער שרייבער! פאָלגט מיך און שרייבט העברעיש, דאָרט וועט איר האָבן אמתע פאַרערער און דערצו עולם-הבא!

— געוויס, געוויס, — האָט מילער מיט ראָזענען אונטערגעכאַפּט — מיט אייער אַרט שרייבן וואָלט איר אין העברעיש געמאַכט אַ „היט”! 1).

גרין האָט געפילט, אַז מען דאַרף זיי צעשלאָגן, מאַכן לעכערלעך, און דאָס איז דאָך אַזוי גרינג! ער האָט אָבער קיין חשק נישט געהאַט. אים האָט געערגערט, פאַרוואָס דאָס יידישע פאָלק האָט קיין באַדערפעניש נישט פאַר שרייבער. דער אַלטער מחבר מיטן פעקל אונטערן אָרעם, וואָס איז פאַרשוונדן פון דער יידישער גאַס, פעלט זיי נישט, און אויף אַ שרייבער קוקט מען, ווי אויף אַ הפקר-מענטש, אַ קונדס מיט אַ גרינגן קאָפּ, וואָס באַשרייבט יעדע נאַרישקייט. אים זענען אויפן זינען געקומען פיל פון זיינע באַקאַנטע. כמעט אַלע, אַז זיי רעדן מיט אים, זאָגן די זעלביקע אויסגעדראָשענע ווערטער: „אַי, מיסטער גרין, אַ שאָד וואָס איר זענט דאָרט נישט געווען, איר וואָלט געהאַט וואָס צו באַשרייבן!” די ווערטער פלעגן אים תּמיד דענערווירן, ווי זיין עובדה אין לעבן וואָלט געווען צו באַשרייבן יעדע קריגעריי און רכילות!

ראָזען מיט מילערן האָבן אַריינגענומען פרידקינען אין דער מיט.

— איר גייט דאָך מיט אונז, האַ? — האָט מילער זיך אָנגערופן.

— מען זאָגט, דאָרט זענען פאַראַן שיינע מיידלעך, כאַ כאַ, כאַ. — האָט זיך פרידקין צעלאַכט ווי אַ בהמה.

1) אַ פוראָר.

— איר זענט נאָך קיינמאָל נישט געווען אין וועקסלערס קאַפע? — האָט זיך ראָזען אָנגערופן.

— נאָ!

— גוט, מיסטער פרידקין, כ׳וועל אייך באַקענען מיט די שענסטע מיידלעך. — האָט ראָזען אים גענומען אונטערן אָרעם און אַ קיצל געטון.

— וואָס מיינט איר? — האָט פרידקין ווילדעריש אַ זאָג געטון, — ס׳פעלן מיר מיידלעך? אָט יאָגט מיך דער סעקרעטאַר אַרום שוין עטלעכע וואָכן, וויל מיר געבן זיין טאָכטער!

— נו, און וואָס גייט עס?

נישט קיין מיאוס מיידל, — האָט פרידקין ערנסט געזאָגט — מיט קאָלירן אין פנים, ווי זי וואָלט איצט געקומען פון יוראָפּ, נאָר די צרה איז, וואָס זי איז אַ גאַליציאַנערין, ס׳האַרץ לאָזט מיך עפּעס נישט!

— אויב זי געפעלט אייך, — האָט מילער זיך אָנגערופן — ווי זאָגט די גמרא: „כל הפיות שוות״, מען נעמט און מען האָט חתונה, גאַליציאַנער מוידן זענען נאָך בעסער ווי ליטוואַטשקעס, ווי כ׳בין אַ ייד. — און ער האָט אים עפּעס איינגערוימט אויפן אויער.

פרידקין האָט זיך געבויגן פון לאַכן, אָנגעכאַפּט ראָזענען, אים עס איבערדערציילט, געוויזן אויף מילערן און געשריען:

— אַי, איז דאָס אַ חזיר!

ער איז געווען גוט אויפגעלייגט, וואָס גרינס פּלאַן איז דורכגעפאַלן, זיך געפילט לייכט, און ווו די לערערס וואָלטן אים נישט גערופן, וואָלט ער מיטגעגאַנגען.

גרין האָט זיך נישט איינגעהערט, ווי די מענטשן אַרום אים וואָלטן געווען פרעמדע. ער האָט געשפּרייזט מיט פּאַרקוועטשטע פויסטן, עטלעכע מאָל זיך אָנגעשלאָגן אָן אַ דורכגייער, זיך נישט אַנטשולדיקט און געגאַנגען ווייטער. זיי זענען אַריין אין קאַנעל סטריט. עס איז שוין געווען פינסטערלעך. צוויי גרויסע פּאַסן ליכט האָבן דורכגעשניטן די פינסטערניש, געצייכנט צעשוווּמענע סילועטן איינעם העכער פונם צווייטן, און פון דער ריזיקער ווּלוּוירט געביידע האָט אַ בלאַס קיילעכדיק ליכט, ווי אַ מאַטע לבנה, געקוקט ווי פון אַ טונקעלן שלייער, אויסגעשניטן אין דער נאַכט אַריין צוויי פּאַסן, ווי פון מאַטן זילבערנעם שטויב, זיי דורכגעקרייצט ווי אַ דריי-עק, באַלויכטן די שטאָלענע

פאָרענטשעס פון דער הענגבריק, וואָס האָבן פון דערווייטנס אויסגעזען, ווי ריזיקע האַרפן. אויפן האַרצן איז מיטאַמאָל געוואָרן אַזוי שווער. אַלע האָבן זיך אָפּגעשטעלט, געקוקט אויף די גרויע פאַסן ליכט, אויף די ריזיקע האַרפן, ווי פון פיאָלעט, אויפן בלייכן שטיק פייער, וואָס האָט געהאָנגען איבער קאַנעל סטריט, ווי אַ באַהאַלטן אויג פון דעם גאָט פון שטאָל און אייזן, האָבן זיך אַלע מיטאַמאָל איבערגעקוקט, פאַרגאַפּטע אַרויסגעלאָזט אַן „אַה—ה" און שטומע זיך געשלעפּט אין קאַפּע אַריין.

## IX

דער קײלעכדיקער טיש, װוּ גרין מיט זײַנע חברים האָבן זיך אָװעקגעזעצט, איז באַלד געװאָרן פֿאַרנומען. פֿון אַלע זײַטן האָבן באַקאַנטע געשלעפּט בענקלעך און זיך אַרומגעזעצט. דער קאַפֿע איז געװען געפּאַקט. מענטשן אָן רעק זענען געזעסן איבער גלעזער טײ, איבער קאַװע, הױך געשמועסט, כּמעט געשריען, און װען אַ פֿרעמדער װאָלט אַרײַנגעקומען, װאָלט אים אױסגעדאַכט, אַז מען קריגט זיך.

גרין האָט געזופּט אַ גלאָז קאַװע און געמיטלעך זיך אײַנגעהערט, װי זײַן קאָלעגע קאַץ, אַ פֿאַרזעעניש מיט אַ משופּעדיק פּנים, װאָס מאַכט דעם אײַנדרוק, אַז אָט־אָט צעװײנט ער זיך, האָט אים דערצײלט זײַן בקיאות אין „הלכות־נשים". גרין האָט געװוּסט, אַז קאַץ זאָגט קײן אמת װאָרט נישט, אַז דער בחור פֿאַרלירט זיך אינגאַנצן אין געגנװאַרט פֿון אַ פֿרױ, װערט שטום, די אױערן צעפֿלאַמען זיך בײַ אים, און אינגאַנצן זעט ער אױס, װי אַ צעמעקעט קאַלב. ער האָט זיך מער נישט אײַנגעהערט, װאָס קאַץ האָט דערצײלט, דערזופּט די קאַװע און זיך געװוּנדערט, װי מענטשן װערט נישט דערעסן צו רעדן אַלץ דאָס זעלביקע.

װאַקסמאַן האָט צוריק אַרױסגעבראַכט די פֿראַגע װעגן ייִדיש און העברעיִש. דער עולם אַרום טיש האָט זיך געהיצט, זיך געריסן און ס'האָט אױסגעזען, אַז די מענטשן באַלאַנגען צו צװײ פֿאַרשידענע ראַסן. דאָ האָט מען קײן זאַך נישט געשױנט. טאַטע־מאַמע, אַלץ איז פֿאַרשװוּנדן, און מיט שױם אױף די ליפּן, מיט פֿאַרקװעטשטע פֿױסטן

האָבן די העבֿרער געוואָלט מאַכן צונישט די יידישע ליטעראַטור, און פֿאַרקערט – די יידישיסטן האָבן דאָס זעלביקע געטון מיט דער העברעישער.

– און מענדעלע? — איז אַ בחור אויפֿגעשפּרונגען און ס'האָט אויסגעזען, אַז ער פֿליט וואַקסמאַנען אין די אויגן אַריין. – די העבֿרער האָבן נישט אַזאַ ריז, ווי מענדעלע!

קרוזע, וואָס איז די גאַנצע צייט געזעסן אָן אַ זייט איבער אַ צעריבענעם, טאָמייטאָ־הערינג מיט ציבעלעס, ווי די דעבאַטע וואָלט אים נישט אָנגעגאַנגען, געקייט דעם הערינג און שטיל אַריינגעטענהט אין אַ יונגנמאַן די נויטווענדיקייט דאָ אין אַמעריקע פֿון אַ גוט העברעיש וואָכנבלאַט, איז מיטאַמאָל אַריין דעם בחור אין די רייד:

– מענדעלע האָט דאָך געשאַפֿן אַ נייעם סטיל אין העברעיש! ער האָט נישט איבערגעזעצט, ער האָט איבערגעשריבן אַלע זיינע ווערק אויף דאָס ניי, און יעדער מיט אַ ביסל געשמאַק וועט זאָגן, אַז אין העברעיש זענען זיי פֿיל בעסער!

– פּונקט מענדעלע? – איז ראָזען מיט אָפּגעגעסענע ציין אַריין קרוזען אין דער מיט. – די בעסערע שרייבער האָבן דאָך אַלע געשריבן העברעיש! נעמט פּרצן, נאָמבערגן, כ'וויס – נאָר די, וואָס קענען נישט העברעיש זענען קעגן! האָבן זיי אַ שניאור, אַ טשערניכאָווסקין? כ'רעד שוין נישט פֿון קיין ביאַליק!

– זע נאָר, ווי זיי נעמען זיך איבער מיטן העברעיש? — האָט אַ יונגערמאַן מיט עפּעס פֿויגלשעס אין פּנים אַרויסגענומען די פּיפּקע פֿון מויל און אויסגעשפּיגן. – און ווי מיינט איר איז באַשאַפֿן געוואָרן די פּוילישע ליטעראַטור? זיי האָבן אויך געהאַט זייער „העברעיש" – געשריבן אין לאַטיין. און דער ערשטער פּוילישער שרייבער, וואָס האָט נישט געקענט קיין לאַטיין און געשריבן אין פּויליש, איז געווען דער פֿאָטער פֿון דער פּוילישער ליטעראַטור.

– אַז כ'וויס? – האָט זיך עמעצער אָנגערופֿן. – האָבן זיי אַ שלום־עליכם? איין אַש שאָקלט אַלעמען אויס פֿון אַרבל! אַז העברעיש איז גאָרנישט מסוגל צו האָבן אַזעלכע, העברעיש איז קעגן לעבן! אויף העברעיש קאָנט איר האָבן אַזעלכע „בלאָפֿערס" ווי שניאור, קינה־זאָגערס, ווי ביאַליק, אָבער אַ שרייבער, וואָס זאָל זיך ביי אים אָפּשפּיגלען דאָס אמתע יידישע לעבן, דאָס וועט איר נישט האָבן!

די טענות האָבן גרינען געגרילצט אין די אויערן. ער האָט אַוועק־געדרייט דעם קאָפּ, געזוכט אַן אַנדער טישל, ווו זיך אַוועקצוזעצן. פון דער קיך האָט זיך געהערט אַ ריח פון געפּרעגלטע פיש, וואָס האָט געאיבּלט און געקרעלט אין האַלז. גרינען זענען מיטאַמאָל נמאס געוואָרן אַלע אַרום טיש, דער גאַנצער קאַפּע. ער האָט זיך איינגעקוקט אין סאָניען, אַן עלטער מיידל, וואָס זיצט תּמיד אין קאַפּע, טראָגט פּאַרזיכטיק צו דאָס סיגאַרעטל צו די ליפּן, איז אים איינגעפאַלן, אַז זי האָט, מסתּמא, קיין הנאה נישט פונם רויכערן, ס'איז בּיי איר אַן אָפּקומעניש, טוט עס בּלויז, מען זאָל זי האַלטן פאַר אַ פאָרטגעשריטענע.

ער האָט געזען, ווי סאָניע האָט אויסגעצויגן דאָס דאַרע העלדזל, ווי בּיי אַ יונג הענדל, געהאַלטן דאָס רויכנדיקע סיגאַרעטל צווישן צוויי פינגער און איינגעטענהט אין שושנהן, אַן ארץ־ישראל מיידל מיט אַ מאַנסבּילש פּנים, אַז העבּרער זענען די אמתע אַסימילאַטאָרן. שושנה האָט סאָניען נישט געלאָזט ענדיקן, זיך איבּערגעבּויגן צו איר, און וואָס סאָניע האָט זיך אַלץ ווייטער אָפּגערוקט, אַלץ מער האָט זי זיך גערוקט צו איר, בּיסלעכווייז אויסגעשטרעקט אַ האַנט, דעם גאַנצן קערפּער, זיך געצאַטעוועט ווי אַ קאַץ, ווען זי גייט כאַפּן אַ מויז. זי האָט מיטאַמאָל אָנגעכאַפּט סאָניען פאַר בּיידע הענט, אָפּגעטעמט און מיט אַ הייזעריקן באַס זי געגומען איבּערצייגן, אַז די יידישיסטן זענען מה־יפית יידן.

גרין האָט זיך אויסגעבּויגן מיטן בּענקל און געוועזן זיכער, אַז ערגעץ אין אַ ווינקל זיצן בּלויזע יידישיסטן אַרום אַ טישל און מיט דער זעלבּער התפּעלות, מיט דער זעלביקער שנאה קריגט מען זיך, ווער עס האָט מער בּייגעטראָגן צו דער יידישער ליטעראַטור — ליט־ווישע, פּוילישע, צי גאַליציאַנער יידן. און ווער ווייס ? מעגלעך, אַז צווישן ליטווישע און גאַליציאַנער יידישיסטן איז די שנאה אפשר גרעסער, ווי צווישן העבּרער און יידישיסטן ? און צו וואָס דאַרף מען דאָ די אויסגעדאַרטע סאָניע מיט די סיגאַרעטלעך ? די צעיורענע מוידן פון „שרון", וואָס גיבּן אין נדן אַריין דעם „ש ל ו ם" ?

אַן אַלטער בּחור אין פענסנע אויף אַ דין שטאָלן קייטעלע, איז אונטערגעקומען מיט קאָרעקטורן אין די קעשענעס און מיט אַ פּעקל כּתבים אונטערן אָרעם. ער איז געגאַנגען פון איינעם צום צווייטן מיט אַ „שלום", אונטערגעטראָגן עטלעכע יונגעלייט דעם לעצטן „השלח", געפירט חשבּונות. ער האָט געזען, ווי קרוזע עסט „טאָמייטאָ־הערינג",

איז ער געוואָרן אַ צעשטראָלטער און גענומען דערציילן דעם עולם, אַז פּאַר „טאָמייטאָ־הערינג״ איז צוגעקומען אין העברעיש אַ ניי וואָרט און ווי דאָס קלינגט עכט ביבליש!

גרין האָט דעם בחור ליב געהאַט, זיך בלויז געוווּנדערט, ווי אַ מענטש קאָן אַלץ מקריב זיין צוליב אַ שפּראַך, גייט שוין אַזוי אַרום יאָרן איבער ניו־יאָרקער גאַסן און קומט אומעטום אויס מיט דער „הברה הספרדית״, שטעלט יעדן שבת אָפּ דעם רב־הכולל, מוסרט אים, פאַרוואָס ער רעדט נישט קיין העברעיש, און דער רב, אַן אַלטער, קלוגער ייד, טרייבט אים נישט פון זיך, ענטפערט אויפן „שבתא טבא״ מיט אַ ברייטן „גוט שבת, מיסטער ראַפּסקי״! גרין האָט געוווּסט, אַז ראַפּסקי גיט אַוועק זיין גאַנצן פאַרדינסט אויף העברעישע אויסגאַבן, זאַמלט, גייט תּמיד אַרום מיט אַ פּושקע, רייסט פון טויטע און לעבעדיקע און שיקט דאָס געלט נאָך פּאַלעסטינע, נאָך רוסלאַנד, שטיצט העברעישע אויסגאַבן, פלאַנעוועט דאָ מיט קרוזן אַרויסצוגעבן אַ וואָכנבלאַט, און געטראַכט, פאַרוואָס האָט יידיש נישט אַזעלכע „פּאַולס״.

— שלום, מר ראַפּסקי. — האָט גרין אַ זאָג געטון אויף העברעיש.

— שלום, שלום, — האָט ראַפּסקי אים אַריינגעשטעקט צוויי פינגער, אַראָפּגענומען דעם הוט, ווו דער קאָפּ איז געווען אָפּגעגאָלט, און דערמאָנט אָן „עלה קרח״ — האָט איר שוין געזען דעם לעצטן „השלח״? איר מעגט לייענען, שניאור האָט דאָ אַ וווּנדערבאַר ליד!

גרין האָט ביי אים גענומען דעם „השלח״, איבערגעקוקט דעם אינהאַלט, געוויזן מיט דער האַנט, ראַפּסקי זאָל זיך זעצן און שטיל געזאָגט:

— בלויז מיר ביידע זענען אויף צרות!

— וואָס מיינט איר?

— כ'מיין, דער עולם האָט חתונה!

— יע, דער עולם האָט חתונה. — האָט ראַפּסקי איבערגעחזרט גרינס ווערטער.

— נו?

— וואָס נו?

— און איר ראַפּסקי?

— איך וועל אויך חתונה האָבן, — האָט ראַפּסקי גוטמוטיק געענט־פערט — קאַרג מיידלעך זענען פאַראַן? מען דאַרף זיך נאָר פריער

איינאָרדנען, איצט גראַדע בין איך אַ ביסל פאַרדרייט, מען דאַרף אַוועקשיקן נאָך ירושלים אַ צוויי הונדערט דאָלאַר, מען דאַרף האָבן טויזנט דאָלאַר דאָ אַרויסצוגעבן אַ וואָכנבלאַט...

— האַללאָ, מיסטער גרין, — איז מאַדאַם בליאַש אונטערגעקומען פון אַ זייט און אים אַריינגערוקט אַ האַנט — ווי גייטס ? קומט צו אונזער טישל !

— כ׳דאַרף דאָ זען עמעצן, — האָט גרין זיך געוואָלט אַרויס-דרייען פון איר און זיך אומגעקוקט, צי ראַפּסקי שטייט נאָך.

ראַפּסקי איז שוין נישט געווען, בלויז זיין „שלום" האָט זיך געהערט פון אַן אַנדער טישל.

— ווער איר צוקומען ? — האָט זי אים אַ דריק געטון די האַנט.

— יע.

אין טיר פון קאַפע האָט זיך באַוויזן דער ראָמאַנען שרייבער, העלד. ער איז אַריין ווי אַ רוח, מיט צעפלויגענע פאָלעס פון צע-קנעפלטן ראָק, מיט ברייט צעעפנטע אויגן, געלאָפן פון איין טישל צום צווייטן און עפעס געזוכט. ער איז צו צו גרינס טישל, עפעס אַ ברום געטון, דערזען מאַדאַם בליאַש, אַ שווים געטון צו איר, זיך וואַרעם באַגריסט. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט דערלעבן, אַראָפּגעוואָרפן דעם קאַפּעליוש, און אַ קוטשמע שוואַרצע האָר ווי דראַטפּעס האָבן זיך צעשאָטן ביז איבער די אויגן.

ער האָט גענומען רופן מיטאַמאָל אַלע קעלנערס, באַשטעלט וועגעטאַריאַנער מאכלים, זיך געזידלט.

גרין האָט אים נישט געקאָנט פאַרטראָגן און בייז געווען אויף זיך, פאַרוואָס ער פאַרגינט אים נישט מאַדאַם בליאַש.

מיט אַ ווילדן „האַללאָ, גרויסע מענטשן" איז אַריין אין קאַפע דער דיכטער קליין, אַ ברייטביייניקער בחור מיט אַ פול מויל צונג. ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט אין מיטן שמאָלן דורכגאַנג פון קאַפע, זיך נישט איינגעהערט וואָס די חברה רעדן, גענומען שלעפן פון די קעשענעס פראָגראַמען פון פאַרשידענע קאָנצערטן, געזונגען שטיקער פון שטראוסעס אָפּערע.

העלד, אַן אויפגעקאָכטער, וואָס קליין לאָזט אים נישט רעדן, האָט אים אַ שטופּ געטון פון זיך, און ער איז געפאַלן אויפן קעלנער.

וואָס איז דורכגעגאַנגען מיט אַ שיסל זופּ. דער קעלנער האָט געוואָלט דערכאַפּן די שיסל, נאָר עס האָט זיך באַלד דערהערט אַ מזל־טוב פון די אַרומיקע טישלעך.

קליין האָט זיך דערשראָקן, צונויפגעשאַרט די פּראָגראַמען, אַ קלאַפּ געטון ווייסן איבער די פּלייצעס און געמאַכט פּליטה.

אַ ספּרדיש מיידל פון אַ יאָר דרייצן איז צו צום טישל מיט אַ פּאַק צייטונגען.

— האַלאָ, קיידי, שלום, — האָט אַ קאַרטוניסט מיט אַ פּיפּקע אין מויל אַ ווונק געטון צום מיידל — טאַנץ אַ „דזשיג", קויף איך ביי דיר צוויי „פּייפּערס".

דאָס מיידל האָט גערעדט ענגליש, האַלב העברעיש, געקענט אַלעמען ביי די נעמען, געוווּנקען פאַרשייט מיט אַן אויגל:

— מיסטער העלד, קויפט אַ „טאָג", מיסטער קאַץ — אַ „פאָרווערטס".

העלד האָט גענומען אַ צייטונג, איר צוגעוואָרפן אַ ניקל און זיך געווענדט צו מאַדאַם בליאַש, אַז אַלע אַרום האָבן געהערט:

— נו, זאָגט אַליין, וואָס טויגן אייערע אַנשטאַלטן? איר האָט געזען דאָס ספּרדישע מיידל, ווי זי שענקט שוין באַצייטנס אַ צוזאָג צו דער צייטונג? וואָס טוט איר פאַר זיי?

גרין האָט נישט געקאָנט הערן, ווי העלד פּרעדיקט מאָראַל, געוואָלט אַרויס אויף דער גאַס, געפילט ווי טיף אין אים זיצט עפּעס אַ מענטשל, לאָזט אים נישט גיין, וויל נישט, אַז ווייס זאָל בלייבן מיט מאַדאַם בליאַש. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז מאָרגן קומט צו אים בעסי, נישט געוואָלט טראַכטן דערפון, נישט ווילנדיק זיך אַ רוק געטון מיט דעם שטול און זיך איינגעהערט, ווי פרידקין רעדט מיט שושנהן:

— אין ארץ ישראל, זאָגן אַלע, זענען פאַראַן שיינע מיידלעך, — האָט פרידקין אָנגעבלאָזן אַ פּאָר באַקן, און מען האָט דערקענט, אַז ערגעץ דאָרט טיף אין בויך שמייכלט ער — איר זענט אויך פון ארץ־ישראל?

— איך בין אָבער נישט שיין, — האָט שושנה קאָקעטיש געענטפערט און געמאַכט בשעת מעשה אַזאַ מינע, ווי זי וואָלט זיך מיט אַן אמת געהאַלטן פאַר אַ שיינע.

— און ליפּן קאָנט איר? — האָט פרידקין געשמייכלט.

— וואָס מיינט איר? — האָט דאָס מיידל אים אָנגעקוקט, נישט

פֿאַרשטאַנען, וואָס ער פֿרעגט זי. — וואָס פֿעלט אייך איין, צי איך קאָן לויפֿן?

— איך מיין, — האָט פֿרידקין איינגעצויגן די געמבע — איך מיין, אַז ארץ-ישׂראל-מיידלעך דאַרפֿן קאָנען רייטן, לויפֿן. איר האָט אַמאָל געלייענט „אשמת-שומרון“?

— מאַפּוס, מיינט איר?

— יע.

— געלייענט.

— דאָרט, געדענק איך, — האָט פֿרידקין געלאַכט אין זיך — האָב איך געלייענט, ווי אַ מיידל איז געריטן אויף אַ פֿערד. איך געדענק נאָך ס'לשון — „סוס דוהר“. ער, מאַפּו מיין איך, האָט געקענט לשון-קודש, כאַ, כאַ!

גרין האָט זיך צעלאַכט. ס'איז אים געפֿעלן געוואָרן, ווי פֿרידקין טענהט איין מיט אַ מיידל. אַנשטאָט צו מאַכן איר אַ קאָמפּלימענט, פֿרעגט ער זי, צי זי קאָן לויפֿן. ער האָט געקוקט אויף די בחורים מיט די בלייכע פּנימער, וואָס זענען מיטאַמאָל אַנטשוויגן געוואָרן, געבליבן זיצן איבער די אויסגעטרונקענע גלעזער טיי און קאַוועס. דער שווייס איז גערונען איבער די שטערנס. דער פֿאַרדומפּעסטער ריח פֿון געפּרעגלטע פֿיש האָט געקרעלט אין האַלז און אין די אויגן. אין די אַראָפּגעלאָזענע קעפּ איז געלעגן אַזאַ טיפֿע גלייכגילטיקייט, אַז ס'איז שווער געווען צו גלויבן, צי די מענטשן האָבן עפּעס אַן אינטערעס אין לעבן.

אַ בלאַסער יונגערמאַן מיט אַ געפֿלאָכטן קעסטעלע אויף דער האַנט איז צוגעקומען צום טיש. ער האָט אַרויסגענומען אַ קליין קישעלע, עס אַ קוועטש געטון, האָט עס זיך צעמיאַוקעט ווי אַ קעצל.

— קויפֿט יידן, קויפֿט! פֿינף סענט אַ שטיק!

קיינער האָט זיך צומאָל נישט אומגעקוקט. דער יונגערמאַן האָט שוין געוואָלט גיין ווייטער, האָט קרוזע פּונקט אויפֿגעהויבן די אויגן און אים באַגריסט:

— האַלאָ, שוואַרץ! וואָס מאַכט איר?

שוואַרץ האָט זיך פֿאַררויטלט, נישט געחלומט דאָ צו טרעפֿן באַ-קאַנטע, און געטראַכט ווי ר'נאָך זיך אַרויסצוכאַפּן פֿון דאַנען. קרוזע האָט עס באַמערקט, אים פֿריינטלעך אַוועקגעזעצט לעבן זיך:

— וואָס מאַכט איר?
— ווי איר זעט, מיסטער קרוזע.
— אויס מלמד?
— יעס.
— נו, ביים „פעדלען” מאַכט איר בעסער אויס?
— פאַרדינען פאַרדינט מען מער, — האָט שוואַרץ געוואָרפן די אויגן אין אַלע זייטן — נאָר „פעדלעריי” איז נישט פאַר מיר! ס'איז אַ מיאוסע באַשעפטיקונג!
— איר וועט אפשר טרינקען אַ קאַווע?
— נאָ, כ'דאַנק!
— און וואָס הערט זיך מכח שרייבן?
— מ'שרייבט צוביסלעך, — האָט שוואַרץ זיך פאַרלוירן ווי אַ מיידל, אָוועקגעשטעלט דאָס קעסטל מיט שפּילצייג, זיך אַרומגעקוקט, פּאַמעלעך אַרויסגעשלעפּט אַ מאַנוסקריפּט — כ'האָב אָנגעהויבן אַ גרעסערע זאַך, פון אַמעריקאַנער לעבן... כ'ווייס... איר האַלט נישט פון מיין שרייבן, פונדעסטוועגן, — האָט זיך שוואַרץ פאַרהוסט, און קרוזע האָט געזען, ווי הענט און פיס ציטערן ביי אים, ווי ער וואָלט זיך געבעטן ביי אַ מערדער, ער זאָל אים שענקען ס'לעבן — פונדעסטוועגן, וואָלט איך אייך געבעטן, אויב איר האָט אַ מינוט צייט, אַזוי גוט צו זיין, כ'מיין...

קרוזע האָט נישט געקאָנט צוקוקן דעם צער פון דעם יונגנמאַן, גענומען ביי אים דעם מאַנוסקריפּט, געוועגן ביים אויף זיך, פאַרוואָס ער זאָגט אים נישט, אַז ער טאָר נישט שרייבן, אַז דער מאַנוסקריפּט איז גאָרנישט ווערט, אַז... אַז...

שוואַרץ האָט אים אַריבערגעקוקט איבערן אַקסל, נאָכגעפאָלגט יעדע באַוועגונג, געוואָלט וויסן, וואָס פאַר אַן איינדרוק עס מאַכט אויף קרוזען, און מיטגעלייענט מיט די אויגן, מיטן גאַנצן גוף. ער האָט פאַרגעסן, אַז ער איז אַ „פעדלער”, אַז היינט איז דער לעצטער טאָג פאַר די מיאוקנדיקע קישעלעך, מאָרגן וועט זיין אין „מאַרקעט” אַ נעגערל מיט אַ קעפּל פון אַ מאַלפּע, און אויב ער פאַרקויפט נישט היינט דאָס קעסטל שפּילצייג, מעג ער עס מאָרגן אַרויסוואַרפן.

אַרום טיש איז געוועזן שטיל. סאָניע האָט דורך די פאַרמאַכטע צוויין פאַרצויגן עפּעס אַ פאָלקס־לידל. די בחורים האָבן געוואָרפן

קרענקלעכע בליקן אויף איר, אַפּנים זי, געהאַלטן פאַר אַ שיינע, מקנא געווען יענע אין שכנות, וואָס האָבן איר בשעתן זינגען געגלעט די הענט. שושנה האָט פון אומעט פאַרביסן די אויבערשטע ליפּ, געוואָלט איבערגיוואַלט פאַרטרייבן די מרה־שחורה פון אַלעמענס פנימער און אָנגעהויבן ווילעריש:

– שירו, שיר, שיר, שיר!

– גילו, גיל, גיל, גיל!

סאָניע האָט זיך אויפגעשטעלט. אַ הויכע, אַ דאַרע, מיט אַריינגע־זעצטע אויגן, מיט צו לאַנגע הענט, האָט זי אָנגענומען מיט די שפּיץ־פינגער איר קלייד, געמאַכט מיט די איינגעפאַלענע אַקסלען צום טאַקט, געדרייט מיטן אויסגעדאַרטן האַלז, און ס'האָט אויסגעזען, ווי דער טויט וואָלט געטאַנצט איבערן טישל.

קיינער האָט נישט מיטגעהאָלפן. די בחורים האָבן אַפּגעוואָרפן די פּיס, איינגעגראָבן די קעפּ אין די אַקסלען, אויסגעמיטן צו קוקן אויף סאָניען, וועמעס באַוועגונגען זענען געוואָרן אַלץ פאַרשייטער, ווי זיי וואָלטן זיך געטראַכט — נו, אַז מען וועט שוין זינגען אַ פריילעכס, וועט לייכטער ווערן?

– לאָמיר ערגעץ גיין, האָט זיך איינער אָנגערופן.

– וווהין? — האָט אַ צווייטער געפרעגט.

– אומעטיק.

– טאַקע אומעטיק.

– זאָל איך אַהיימפאָרן? — האָט קאָץ אַ צו געטון מיט די אַקס־לען.

– פאָר, פאָר! — האָט גרין אים געטריבן מיט דער האַנט. — דיין ווייב וואַרט דאָך מסתמא אויף דיר!

– אַז דאָרט איז נאָך אומעטיקער, ברודער! — האָט קאָץ אַ מאַך געטון מיט דער האַנט און טיפער זיך אַריינגעזעצט אין בענקל.

גרין האָט נישט געקאָנט הערן, ווי העלד לאַכט, פאַרברענגט מיט מאַדאַם בליאַש. ער האָט זיך אויפגעשטעלט, געוואָלט אַרויסגיין, דערזען פאַר זיך העלדן, האָט ער אָן אַלעם פאַרגעסן און זיך אַ ווענד געטון צו מאַדאַם בליאַש:

– איר גייט?

– כ'גיי!

עס איז געוואָרן שטיל. דער עולם איז געבליבן זיצן מיט אַראָפּ־געלאָזטע קעפּ, ווי יעדער וואָלט זיך אַריינגעקוקט אין זיין אייגן האַרץ. פון דער קיך האָט זיך געטראָגן דעם ריח פון געפּרעגלטע פיש מיט אַ קנאַקעריי, גלייך ווי מען וואָלט געשאָטן אין פייער צריין זאַלץ.

X

פרייטיק, ווען פרידקין איז אַהיים געקומען עסן אָונטבערויט, איז אים די באַלעבאָסטע אַנטקעגן געקומען:

— אַ מיידל האָט דאָ געפרעגט אויף אייך, מיסטער פרידקין. אַ חידוש, איר האָט זי נישט באַגעגנט? זי איז נאָר וואָס אַרויס פון שטוב.

— איר האָט דאָך איר געקאָנט הייסן וואַרטן! — האָט פרידקין אָנגעבלאָזן אַ געמבע.

— אוודאי האָב איך איר געהייסן, — האָט זיך די באַלעבאָסטע פאַרענטפערט — כ'האָב איר געזאָגט, אַז איר דאַרפט יעדע מינוט אָנקומען, איז זי געבליבן זיצן אַ ווײַלע, דערנאָך האָט זי מיר איבערגעלאָזט פאַר אייך אַ בריוו, געזאָגט, אַז זי וועט דאָ זיין אין אָוונט.

פרידקין האָט געעפנט דעם בריוו, דערקענט אַז עס איז פון שושנהן, און זיין אָנגעבלאָזענע געמבע האָט אָנגעהויבן שמייכלען. ער האָט באַטראַכט דעם בריוו, אַ שמעק געטון און גענומען לייענען מיט די אויגן:

„...קיינמאָל טרעפט מען אייך נישט! און צו וואָס האָט איר זיך פאַרקליבן אַזוי הויך? און אייער באַלעבאָסטע געפעלט מיר אויך נישט! וואָס האָט זי אַזוי געקוקט אויף מיר, ווי איך וואָלט געקומען עמעצן ביי איר צונעמען. וואַרט אויף מיר, כ'וועל זיין פונקט ניין אין אָוונט. קומט אַנטקעגן, כ'וויל קיינעם נישט באַגעגענען

אייער שושנה".

פרידקין איז געווען גליקלעך. אַ מיידל האָט נאָך קיינמאָל צו אים אַזוי נישט געשריבן. ער האָט עטלעכע מאָל איבערגעלייענט דאָס בריוול, חשק געהאַט עס צו ווייזן דער באַלעבאָסטע, זיך געקווענקלט, געקוקט אויפן בריוול, אויף איר, מיטאַמאָל זיך פונאַנדערגעלאַכט און אַריין צו זיך אין צימער. אַ באַליידיקטע האָט אים וויערע אָנגעקוקט, אינסטינקטיוו דערפילט, אַז אין בריוו איז עפּעס געווען וועגן איר, נישט ווילנדיק אַ קוק געטון אין שפּיגל, וואָס איז געהאָנגען קעגנאיבער, און זיך געטרייסט, אַז זי איז פיל שענער פאַרן שוואַרצן מיידל, וואָס איז דאָ געווען.

פרידקין האָט באַטראַכט זיין צימער, אַוועקגערוימט אַלע נישט נויטיקע זאַכן, איבערגעשטעלט דאָס טישל, געקלערט וואָס נאָך צו טון, אַ קליינינקייט, ס'ערשטע מאָל וואָס אַ מיידל דאַרף צו אים קומען! ער האָט אויפגעזוכט עטלעכע שווערע ביכער, זיי אָפּגעשטויבט, אַרויפגעלייגט אויפן טיש, אַרויסגענומען פון זיין קאָפער אַ פאָטאָגראַפיע פון אַ שיין מיידל, וואָס ער האָט אַליין נישט געקענט — זי געהאַט צוגענומען ביי אַ באַקאַנטן פאָטאָגראַפיסט — און אָנגעשטאָכן דאָס בילד מיט שפּילקעס איבער זיין בעט. לאָז שושנה נישט מיינען, אַז זי איז איין-און-איינציק, אַז זי דאַרף זיך צופיל איבערנעמען, נישקשה, ס'זענען פאַראַן שענערע מיידלעך פון איר!

פרידקין איז געבליבן שטיין פאַרן שפּיגל. ער האָט לאַנג געדרייט דאָס אָפּגעבליאַקעווטע פּנים, געמאַכט גרימאַסן, באַטראַכט זיין הויט, די נאָז, די אויגן און געקומען צום באַשלוס, אַז כאָטש ער איז שוין נישט יונג, איז ער אָבער ווייט נישט קיין מיאוסער, והא ראיה — שלאָגט זיך אַ מיידל אַליין אָן צו קומען צו אים.

אַן אויפגערוימטער האָט ער זיך גענומען איבערטון, געזוכט אַ ריין העמד, האָט זיך פונקט געמאַכט, אַז אַלע זיינע העמדער זענען געווען אין דער וועש. ער איז געבליבן שטיין אין פאַרלעגנהייט, געשאָלטן די באַלעבאָסטע, צו וואָס זי האָט אַוועקגעגעבן וואַשן די העמדער, און געטראַכט, אַז איצט אַראָפּצוגיין קויפן אַ העמד איז נישט פּאַסיק. יידן האָבן שוין, מסתּמא, מקבל-שבת געווען, גייען פון די שולן, און ער, פרידקין, איז גוט באַקאַנט אין דער געגנט, זעט מען אים קויפן אום שבת, זאָגט מען אים גלייך אָפּ פון דער שטעל. ער האָט זיך געשובט אַ ווײַלע, גענומען זיך אַליין באַרויקן, אַז דאָרט, ווו ער וועט קויפן, איז אַ קריסטלעכע

געגנט, און באַשלאָסן, אַז נאָכן עסן וועט ער אַראָפּגיין און זיך קויפן אַ ספּאָרטיש העמד.

אַן אויפגעלייגטער האָט ער זיך גענומען ראַזירן, דערנאָך האָט ער זיך איינגעוואַשן, אָנגעריבן די באַקן ביז צום בלוט, און מיטן האַנ־טוך אַריבערגעוואָרפן איבערן אַקסל, איז ער אַריין אין קיך און גע־וואָרן רעדעוודיקער.

— קאָן איך אפשר היינט פריער אָפּעסן ?

— איר דאַרפט אַוועקגיין ? — האָט די באַלעבאָסטע פאַרזוכט די זופּ און אַ פרעג געטון.

— היינט אָוונט קומט צו מיר אַ גאַסט. — האָט פרידקין זיך איינגעע־האַלטן, ער זאָל נישט שמייכלען.

— דאָס מיידל קומט צו אייך ? — איז די באַלעבאָסטע געוואָרן נייגעריקער.

— יעס, זי איז אַ פּאַלעסטינער, רעדט העברעיש, ווי מיר — יידיש. מיר קענען זיך שוין יאָרן. — האָט פרידקין אַ מאַך געטון מיט דער האַנט און געמאַכט בשעת מעשה אַזאַ מינע, ווי דאָס מיידל וואָלט געווען זיינס אַן אַלטע געליבטע, פון וועלכער ער וואָלט שוין לאַנג געוואָלט פטור ווערן.

— פאַרוואָס איז זי ביז איצט נישט געקומען צו אייך ? — האָט די באַלעבאָסטע געפרעגט און איז רויט געוואָרן.

— זי איז נישט געווען אין ניו־יאָרק. — האָט פרידקין אָפּגעהוסט.

— צייט, צייט, מיסטער פרידקין. — איז זי נאָך רויטער געוואָרן — לאָמיר האָבן נחת, איר זענט דאָך שוין נישט קיין בחורל.

פרידקין האָט געפילט, אַז ער איז היינט דער העלד, ווי די גאַנצע וועלט וואָלט זיך אינטערעסירט מיט אים, און פונקט ווי יעדער מאַנס־ביל האָט ליב צו רעדן מיט אַ פרוי וועגן זיינס אַ באַקאַנטע, אַזוי האָט פרידקין גרויס חשק געהאַט צו פרעגן די באַלעבאָסטע, ווי שושנה איז איר געפעלן.

ער האָט מיט איין האַנט אַרומגענומען די באַלעבאָסטע פאַר דער טאַליע, זי אַ דריק געטון צו זיך, עטוואָס איבערגעבויגן און געפילט, ווי די קיך, די פּאָדלאָגע הויבן אָן אַוועקצושווימען פון אונטער זיינע פיס. ביידע האָבן זיך איבערגעקוקט, דערנאָך האָט זיך די באַלעבאָסטע

אַרויסגעדרייט פון אים, זיך אָפּגעשאָקלט, זיך גענומען פּאָרען ביי די טעפּלעך און געזאָגט צו פרידקינען:

— זעצט אייך אַוועק, גיב איך אייך עסן!

פרידקין האָט זיך געדרייט, געשמעקט, נישט חשק געהאַט אַרויס-צוגיין פון קיך און זיך געשראָקן נישט אָנצוטרעטן דעם קינד, וואָס האָט זיך געשלעפּט אויף אַלע פיר, די הענטלעך. ווו ער האָט זיך אַ דריי געטון, איז אים דאָס קליינע מיידעלע מיט די קלוגע אויגעלעך געווען אין וועג, און ער האָט געהאַט ס'געפיל, אַז ס'וועט זיך וואַרפן אויף אים ווי אַ הינטל.

ער האָט גיך געגעסן, כמעט נישט געקייט, און די געדאַנקען זענען געלאָפן פון שושנה צו דער באַלעבאָסטע. ער האָט אַליין נישט געוווּסט, וואָס פאַראַ ס'געפעלט אים בעסער. ער האָט נאָך איצט געפילט אַן אָנ-גענעמע וואַרעמקייט פון דער באַלעבאָסטעס ווייכן קערפּער.

נאָכן עסן האָט פרידקין אָנגעטון דעם ראָק מיטן קאַפּעליוש און איז אַרויס פון שטוב. אויף די טרעפּ איז אים עמעצער אַנטקעגן גע-קומען, זיך נישט איינגעקוקט ווער דאָס איז, און אַז ער איז שוין געווען אין קאָרידאָר, האָט ער זיך דערמאָנט, אַז ס'איז געווען זיין באַלעבאָס, סאַשע. אים האָט באַנג געטון, פאַרוואָס ער האָט אים נישט באַגריסט, געוואָלט היינט מיט אַלעמען זיין גוט, מורא געהאַט, אַז עמעצער זאָל אים נישט באַליידיקן אין שושנהס געגנוואַרט.

אַרויסקומענדיק אויף דער גאַס, האָט ער באַלד וועגן אַלעם פאַרגעסן. עס איז שוין געווען טונקל. כמעט אַלע יידישע שפּייז-געוועלבן זענען שוין לאַנג געווען פאַרמאַכט. עלטערע יידן זענען געגאַנגען פון שול. פרידקין האָט זיך געהיט, געשפּרייזט דורך הינטערשטע געסלעך, נישט געוואָלט מען זאָל אים באַמערקן, ווי ער גייט אַריין אין אַ גאַלאַנטערי-געוועלב. ער האָט זיך אַריינגעגנבעט, געבעטן דעם קרעמער, מען זאָל אים ווייזן העמדער. דער קרעמער האָט אָנגעהויבן אָנצוּוואַרפן אויף דער צאָלבאַנק קעסטלעך, שאַכטלעך. פרידקין האָט געזוכט, אונטער-געטראָגן יעדעס העמד צום ליכט, פּרובירט מיט די פינגער די סחורה, באַטראַכט דעם קאָליר.

עטלעכע יינגלעך האָבן אים דערזען, ווי ער שטייט און קויפט אום שבת, האָבן זיי גענומען אַריינשרייען אין געוועלב:

— האַלאָ, רבי! האַלאָ, רבי!

דער קרעמער האָט זיי געגומען טרייבן פון דער טיר, איז באַלד די קופּקע גרעסער געוואָרן. צווישן די קינדער זענען געווען פיל פון זיינע תּלמידים. די קינדער האָבן זיך געשושקעט, באַלד האָבן זיי אויפגעזוכט אַן אַלטע בלעך, זיך אויסגעשטעלט אַרום געוועלב, ווי אַ קאַפּעליע, און אָנגעהויבן צו זינגען מיט אַ סקאַרבאָוון נגון:

— טאַ-טאַ, טאַ-טאַ, טראַ-טאַ, טאַ-טאַ! האַללאָו, רבי! האַללאָו, מיס-טער פרידקין!

פרידקין האָט געפילט, ווען אַ גרוב עפּנט זיך פאַר אים, וואָלט ער אַריינגעשפּרונגען. ער האָט נישט געוווּסט, וואָס ער זאָל טון, געפרעגט דעם קרעמער, צי ס׳איז נישטאָ עפּעס אַ הינטערטיר. ס׳איז נישט גע-ווען. דערווייל זענען די געשרייען געוואָרן גרעסער. פאַרבייגייענדיק האָט דער עולם גענומען קוקן אין געוועלב אַריין, גאָרנישט געזען און זיך אויך אָפּגעשטעלט.

דער קרעמער האָט זיך נישט געקאָנט אָפּיאָגן פון די יינגלעך, געשראָקן זיי זאָלן נישט אויסברעכן דאָס פענסטער, נישט פאַרשטאַנען, וואָס דאָ קומט פאָר, געזען, אַז דער קונה שטייט אַן איינגעקאָרטשעטער מיט אַ פּאָר צעשראָקענע אויגן, איז אים איינגעפאַלן, אַז טאָמער איז עס אַ משוגענער. זייערע בליקן האָבן זיך באַגעגנט. דער קרעמער האָט קיין אויג נישט אַראָפּגענומען פון פרידקינען, זיך געוואָלט איבערצייגן, צי איז עס טאַקע אַ משוגענער, און פרידקין האָט פון גרויס שרעק נישט געקאָנט איבערטראָגן דעם קרעמערס בליק, האָט ער נאָך ברייטער צעעפנט די אויגן, נישט קיין ריר געטון מיט זיי און געקוקט אין דערזעלביקער ריכטונג. דער קרעמער האָט נישט אויסגעהאַלטן, אַראָפּ-געלאָזט די אויגן, אַ צעשראָקענער זיך אַהינטערגעשאַרט הינטער דער צאָלבאַנק, פון זיכערקייט וועגן געכאַפּט די אייזערנע מאָס אין דער האַנט און זיך געבעטן ביי פרידקינען:

— אויב איר וועט נישט אַרויסגיין, וועלן די „באַמס״ די „ווינ-דע״ 1) מיר אויסהאַקן!

פרידקין האָט אַראָפּגערוקט דעם שטייפן קאַפּעליוש איבער די אויגן, אויפגעשטעלט דעם קאָלנער פון רעקל, פעסט געהאַלטן דאָס העמד אונטערן אָרעם און איז אַרויס פון קראָם. די קינדער האָבן זיך

---

1) פענסטער.

צעשאָטן, געזען אַז ער ציט אָפּ, האָבן זיי צוריק זיך אַ לאָז געטין נאָך אים מיט אַ הוראַ, און וואָס איינער האָט נאָר געכאַפּט אין דער האַנט אַריין, האָט ער אים נאָכגעוואָרפן. זיי האָבן אים אַרומגערינגלט, פאַרלאָפן אין פּנים אַריין, און אַ קאַצנמוזיק האָט אים באַגלייט

– האַללאָו, מיסטער פרידקין! אַי, וואַי!

– האַללאָו, רבי:

– רבי, רבי, רבי! אַי, וואַי, וואַי!

– שבת-גוי!

– שבת-גוי!

– אַ בראָך צו דיין קאָפּ, מיסטער!

– אַי, וואַי, וואַי, געפילטע פיש!

פרידקין איז געלאָפן. ער האָט זיך עטלעכע מאָל אַ שטעל אָפּגעטון, געפילט, אַז אויב ער וועט כאַפּן אַ יינגל, רייסט ער אים אויס אַ האַנט, וועט אים אָנכאַפּן פאַר ביידע אויערן, דרייען אַזוי לאַנג, ביז ער וועט אים ס'קעפל אַראָפּדרייען, וועט אים אַ שטיק באַק אויסרייסן, וועט אים צעפּאַטשן, צעשניידן אויף שטיקער. יעדעס מאָל ווען ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, האָבן די חברה זיך צעשאָטן, און ווי ער האָט זיך נאָר אויסגעדרייט, זענען זיי שוין ווידער געווען אַרום אים. אין מיטן לויפן איז אים איינגעפאַלן, אַז מענטשן מיינען, אַז אַ משוגענער טראָגט זיך איבער די גאַסן, און אַ באַנדע יינגלעך לויפן אים נאָך. ער האָט געזען, ווי מען שטעלט זיך אָפּ קוקן, מורא געהאַט, אַז אַ באַקאַנטער פון „היברו-סקול" זאָל אים נישט אַנטקעגן קומען, איז ער אַריין אין ערשטן פּילגאָרנדיקן הויז, וואָס ער איז פאַרבייגעלאָפן. ער איז אַרויף אויפן העכסטן שטאָק, געשטאַנען דאָרט נישט טויט, נישט לעבעדיק, גלייך אַראָפּצוגיין אויף דער גאַס וואָלט געהייסן געהרגעט צו ווערן. ער האָט געהעשעט, ווי אַן אויסגעמאַטערטער הונט, געפילט אַ ווייטיק אין דער זייט פון צופיל לויפן, און מיטאַמאָל האָט ער זיך געכאַפּט, אַז דאָ צו שטיין איז נישט קיין פּלאַן – ס'קאָן נאָך אַרויסקומען אַ פרוי און אים אָננעמען פאַר אַ גנב. ביים קלענסטן שאָרך האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז מען עפנט אַ טיר, מען באַפאַלט אים, און ס'ערשטע מאָל אין לעבן האָט ער דערפילט, אַז מלמדות איז אַ מיאוסע פּרנסה, ערגער ווי צו זיין אַ שינדער. אים האָבן זיך געפּלאָנטערט אין קאָפּ עטלעכע יינגלעך, און ער האָט געשווירן, אַז זונטיק וועט ער זיך

מיט זיי אָפּרעכענען, פֿאַמעלעך גענומען גיין אַראָפּ פון איין שטאָק אויפֿן צווייטן, געציילט די טרעפּ און זיך געשראָקן, די קינדער זאָלן אים ווידער נישט אָפּהאַלטן.

דעם קאָרידאָר איז ער דורכגעגאַנגען אויף די נעגל, קוים געעפֿנט די טיר און אַרויסגעקוקט. די קינדער זענען זיך שוין געהאַט צעגאַנגען. ער האָט זיך גיך אַרויסגעכאַפּט און גענומען שפּרייזן אַהיים. איצט ערשט האָט ער זיך דערפֿילט מיד. אַז ער איז אַהיים געקומען, האָט ער מיט קיינעם קיין וואָרט נישט אויסגערעדט, זיך פֿאַרמאַכט ביי זיך אין צימער און געבליבן זיצן אין דער פינסטער אָן כחות. ס'לעבן איז אים נישט געווען ניחא. ער האָט געטראַכט, אַז גוט וואָס ער איז געגאַנגען אַליין. וואָס וואָלט ער אָבער געטון, ווען ער גייט מיט שושנהן, צי מיט אַן אַנדער מיידל? פינסטערע מחשבות האָבן זיך געלייגט איבער פרידקינען, געטענהט צו אים, אַז אויב ער בלייבט אַ מלמד, בלייבט ער אַן אייביקער בחור. נו, טאַקע, ווי וועט ער זיך ווייזן מיט דעם ווייב אויף דער גאַס? ער דאַרף זען וואָס גיכער פּטור צו ווערן פון דער פּרנסה, זיך איין מאָל פֿאַר אַלע מאָל צושלאָגן צו עפּעס. דורך פּראָטעקציע קאָן מען אַלץ דערגרייכן! ער האָט זיך דערמאָנט אָן סעקרעטאַר, אָן זיין מיידל, נישט געזען קיין בייז, וואָס זי איז אַ גאַליציאַנער, אַז ווען ער וואָלט גענומען דעם שידוך ערנסט, וואָלט ער אפשר שוין היינט געהאַט אַ „קאָנגרעגיישאָן", פון דעם, וואָס ער פֿאַרדרייט זיך אַ קאָפּ מיט שושנהן, וועט קיין פּרנסה נישט זיין!

אַ מידער און אויסגעמאַטערטער האָט פרידקין זייער געוואָלט שושנה זאָל היינט נישט קומען, איר געווונשן, זי זאָל ברעכן הענט און פיס, ווו זי איז, דען ווען נישט זי, וואָלטן די אַלע צרות נישט געווען.

ער האָט אַ ציטער געטון — מען האָט אָנגעקלונגען. דאָס האַרץ האָט אים געזאָגט, אַז שושנה קומט. ער האָט נישט געוווסט, וואָס צו טון מיטן העמד, פֿאַר כעס, וואָס ער קאָן עס נישט אָנטון, האָט ער עס צעקנייטשט, אַריינגעוואָרפן אין דער מלבושים שאַנק און זי פֿאַרהאַקט. ער האָט אינסטינקטיוו זיך פֿאַרקעמט מיט די פינף פינגער די האָר, זיך אָפּגעפּוצט מיט די הענט דאָס רעקל און איר אַנטקעגן געגאַנגען. ער האָט באַמערקט, ווי סאַשע זיצט אין עסצימער אַן אָנגעבלאָזענער, זיך דערמאָנט, [?]אַז אויף די שטיגן האָט ער אים נישט באַגריסט, האָט ער איצט אַ שאָקל געטון צו אים מיטן קאָפּ. סאַשע האָט עס נישט באַמערקט,

געהאַלטן די פיס אויף אַ שטול, און אַז פרידקין איז דורך, האָט ער זיך אויפגעשטעלט, אים נאָכגעקרימט דעם גאַנג, געשטעלט די פיס ווי אַ צעעפנטע שער און געדעדט צו זיך:

— אַ נו יעוואָ ק'טשאָרטו!

פרידקין איז געשטאַנען אין דער צעעפנטער טיר, געוואַרט מען זאָל אַרויפקומען. סאַשע איז אויך צוגעקומען, גערעכנט, אפשר קומט מען צו אים, עטלעכע מאָל אַראָפגעשריען, ווער עס גייט, און אַז פרידקין האָט אים פאַרזיכערט, אַז דאָס גייט מען צו אים, איז סאַשע נאָך אַלץ געבליבן שטיין.

שושנה האָט זיך מיט פרידקינען באַגריסט און אָפגעעטעמט:

— איר ווינט אַזוי הויך!

פרידקין האָט געשמייכלט און געוויזן אויף דער אָפענער טיר:

— קומט אַריין!

סאַשע איז זיי נאָכגעגאַנגען, די הענט אין די הויזן-קעשענעס, געפילט ווי די נכפה עסט אים, און זיך געטראַכט, ס'זאָל אים גיין אין לעבן, וועט ער זיי אָפשפּילן אַ חתונה. ער האָט געשליידערט מיט די פיס, וואָס ס'איז אים געשטאַנען אין וועג, אַריין אין קיך, וווּ ס'ווייב איז געזעסן איבער אַ בוך, און אויסגעשאָסן:

— כ'מאַך דעם אינטעליגענט נאָך היינט צו „מופן"! 1).

— וואָס שוין ווידער?

— כ'וויל נישט אין שטוב ביי מיר קיין מוידן! — האָט סאַשע אַרויסגעבאַפּט די הענט און זיך געהיצט, — פאַר זעקס נישטיקע דאָלאַר אַ חודש זאָל יעדער מעגן קומען צו מיר אין הויז אַריין?! ווי כ'בין אַ ייד, וויערע, אַז פונקט צען אַ זייגער פאַרשליס איך דעם געז-מי-טער 2) און כ'מאַך נאַכט! און אויב דעם אינטעליגענט געפעלט נישט, קאָן ער מאָרגן „מופן"!

— סאַשע, — האָט ס'ווייב אים געוואָלט באַרויקן — גיי שלאָפן און מאַך נישט קיין לייטישע געלעכטער!

— איך גיי נישט שלאָפן, ביז די מויד וועט נישט אַרויס פון

1) ארויסציען זיך פון דירה.

2) אפאראט, וואס באווייזט, וויפיל מען פארברויכט גאז.

מיין שטוב! איך דערלייג נאָך צו אים! מיר קאָסט אַליין דער צימער זעקס דאָלאַר, און איצט ווי איז וועש און ווער איז דאָס מחויב אים צו באַדינען, וועט ער מיר נאָך ברענגען גאַז אויך? אַ וויטיק אים אין די זייטן!

— סאַשע, אויב דו גייסט נישט שלאָפן, גיי איך אַרויס פון שטוב! — האָט וויערע צוגעמאַכט דאָס בוך און אַריין אין צווייטן צימער זיך בעטן דאָס בעט.

פרידקין האָט לייכט געעפנט די טיר, דערזען די באַלעבאָסטע און זי געפרעגט:

— האָט איר אפשר אַ גלאָז טיי?

— אפילו צען. — האָט די באַלעבאָסטע אַ שמייכל געטון, אויפגעהערט בעטן און אַריין מיט אים אין קיך.

סאַשע האָט זיך פאַרשעמט פאַר פרידקינען און זיך גענומען פאָרען ביים האַנט-פאַס. אים האָט געקרענקט, פאַרוואָס פרידקין באַמערקט אים נישט, געוועז בייז אויפן ווייב, פאַרוואָס זי שמייכלט, זייער געוואָלט ווייזן פרידקינען, אַז ער, סאַשע, איז דאָ דער באַלעבאָס, און ווען וויערע האָט געהאַלטן אין אָנגיסן דעם טיי, האָט ער זי מיטאַמאָל אַ פרעג געטון:

— ווו האָלטסטו די „ריסיטס" 1) פון דער מאַשין?

— גייסט דאָך שלאָפן, וואָס דאַרפסטו די „ריסיטס"?

ער האָט נישט געענטפערט, אַן עפן געטון דעם בופעט און גענומען וואַרפן אויף דער פאַדלאָגע, וואָס ס'איז אים געקומען אין דער האַנט אַריין. ער האָט די קוויטאַנציעס נישט געפונען, האָט ער זיך אַ דריי אויס געטון צום ווייב מיט פאַרקוועטשטע פויסטן:

— איך רעד און אַ הונט בילט איז ביי דיר אַלץ איינס! ווי כ'בין אַ ייד, כ'גיי היינט אַוועק פון שטוב! וואָס מיינסטו, כ'וועל אַרבעטן פאַרן טייוול, און דו וועסט לייענען ביכער? איצט, אַז דו האָסט נישט די „ריסיטס", גיי און באַצאָל זינגערן נאָך אַמאָל פאַר דער מאַשין! אַז נאָך פאַר דער חתונה האָב איך געוווּסט, אַז ס'איז נישט קיין שידוך פאַר מיר!

---

1) קבלה, חשבון.

— משוגענער, — האָט ס'ווייב כלומרשט געלאַכט, זיך געשעמט פאַר פרידקינען און געוואָלט פאַרגלעטן, ס'זאָל אויסקומען ווי אַ שפּאַס — וואָס וואַרפסטו אָלץ אַרויס? ס'ליגט נישט דאָרט!

— ווו דען ליגן זיי? — האָט ער אַ געשריי געטון, אַז ס'ווייב האָט זיך אַזש אָפּגערוקט.

— ביסט טאַקע דער באַלעבאָס, — האָט זי מער זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן — נאָר ווייז נישט דיינע היגטישע שטיק! מען ווייס אַזוי אויך ווער דו ביסט!

— כ'געפעל דיר נישט, מיין געלערנטע דאַמע? האָסט אַ ברירה! אָפּילו יעצט! — איז סאַשע אונטערגעגאַנגען נענטער צום ווייב.

פרידקין האָט זיך דערשראָקן, מורא געהאַט, סאַשע זאָל אים אַמאָל נישט אָפּשפּילן אַ חתונה, האָט ער געכאַפּט די צוויי גלעזער טיי און מיט אַ נעבעך־פּנים אַריין צו זיך אין צימער.

שושנה איז געשטאַנען ביים שפּיגל, זיך איבערגעקעמט די האָר, זיי אַריבערגעוואָרפן אין צוויי פּאַסמעס איבער די אַקסלען, געקוקט פונם שפּיגל אויף פרידקינען, געזען, אַז ער איז גלייכגילטיק, האָט זי פאַרדרייט די פּאַסמעס אין אַ קנופּ, אים פאַרשטאָכן מיט האָר־נאָדלען, זיך אַוועקגעזעצט אויפן בעטל און אַ הויב געטון מיט די אַקסלען:

— טיי.

זי האָט עטלעכע זופּ געטון, איבערגעוואָרפן אַלע ביכער, וואָס זענען געלעגן אויפן טיש, באַקוקט די רעפּראָדוקציעס, וואָס זענען געהאָנגען אויף דער וואַנט, אַריינגעקוקט אין דעם קליידערשראַנק, איז פרידקינען איינגעפאַלן, אַז זי קאָן נאָך אויפרוקן דעם שופלאָד מיט די ברודיקע וועש. ער האָט זיך אַזוי אַוועקגעשטעלט, ער זאָל פאַרשטעלן דעם שופלאָד, געוואָלט פאַרפירן אַ שמועס, נישט געוווסט ווי, און סתם אַ זאָג געטון:

— פאַרוואָס טרינקט איר נישט, דער טיי ווערט דאָך קאַלט?

— איר ווייסט, מיסטער פרידקין, — האָט שושנה זיך צוריק אַוועקגעזעצט אויפן בעטל — כ'דאַרף זיך לערנען ענגליש!

— איר קענט דען נישט?

זי האָט אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ אויף ניין און זיך אָנגערופן מיט אַ שולדיקער מינע:

— קריגט מיר עפּעס אַ לערער?

— פּאַר פּערציק סענט אַ לעסאָן קאָנט איר קריגן אַ גוטן לערער!

— כ׳האָב קיין געלט נישט. — האָט שושנה אַ הויב געטון מיט די אַקסלען.

— ר׳ווייסט, ווען ס׳מאַכט זיך מיר, כ׳זאָל אייגעם לערנען העברעיש, און דערפאַר זאָל מען מיך לערנען ענגליש...

— אַז איר ווילט, וועל איך אייך לערנען. — האָט פרידקין איר פאָרגעשלאָגן, און געטראַכט, אַז אַזוי ר׳נאָך הויבן זיך אָן אַלע ליבעס.

— איר קענט דאָך בעסער העברעיש פון מיר! — האָט שושנה נישט ווילנדיק אָנגערירט מיט די שפּיץ פינגער זיין האַנט.

— רעדן קען איך נישט!

— גוט, נו, — האָט שושנה אַ פּאַטש געטון איין האַנט אָן דער צווייטער און איז אויפגעשפּרונגען — ווען פאַנגען מיר אָן?

— אַפילו איצט!

זי האָט געטון עטלעכע זופּ, אָוועקגערוקט דאָס גלאָז טיי, גענומען פון טיש אַ ליידיק זייטל פּאַפּיר און עס געגומען רייסן אין שטיקלעך, די שטיקלעך אין נאָך קלענערע און באַשאָטן מיט זיי דעם טיש.

פרידקין האָט דערווייל גענומען זוכן צווישן זיינע ביכער און זי אַ פרעג געטון:

— איר קענט גאָר קיין ענגליש נישט?

— אַביסל פאַרשטיי איך!

אין אַ ווײַלע אַרום זענען זיי ביידע געזעסן ביי אַ קיילעכדיקן טישל, און ווו זיי האָבן זיך נישט געזעצט, געוואָלט ס׳זאָל אויסקומען באַקוועמער, האָבן זייערע פיס זיך אַלץ צוזאַמענגעטראָפן. שושנה האָט געלייענט אַ מעשה וועגן אַ שלאָפעדיקער פּרינצעסין, הנאה געהאַט פון אַרויסרעדן די ווערטער, און ס׳האָט אויסגעזען, אַז דער בלויזער פּראָצעס פון לייענען באַפרידיקט זי. פרידקין איז געזעסן ווי אין פיבער, געפילט, ווי זיינע פיס ציטערן, און עס ווערט אים אַלץ ווארעמער.

ער האָט געקוקט פון דער זייט, באַטראַכט איר ברוינעם האַלז, דעם קאָפּ האָר, געזען ווי פון דער אָפּשטייענדיקער בלוזע קוקט אַרויס אַ בלוי שלייפל, און די ברוסטן, צוויי קליינע, שטייפע עפּעלעך זעען זיך אַרויס ביז אין דער העלפט. ער האָט נאָך אַזעלכע קליינע ברוסטן קיינמאָל נישט געהאַט געזען. ער האָט געלייענט, געהערט פון חברים, אַז מיינסטן ראָמאַנען הויבן זיך אָן פון אַ לעקציע, עפּעס נישט געגלויבט, און אין דער זעלביקער צייט האָט אים דער בלויזער געדאַנק, אַז ס'קען עפּעס ווערן, געלאַשטשעט און גערעגט. ער האָט געפילט, ווי זיינע פיס וויגן זיך אין אַן אַנגענעמענע וואַרעמקייט, עפּעס פלאָנטערט זיך אַרום אים, געוועזן אין אַ פאַרלעגנהייט, ווי ר'נאָך מען קריכט אַרויס פון דעם פלאָנטער, און פיל מאָל נישט געכאַפּט, וואָס שושנה רעדט צו אים. מיטן שכל האָט ער פאַרשטאַנען, אַז אַ צווייטער אויף זיין פּלאַץ וואָלט אין מיטן לייענען זי אַרומגענומען אַרום דער טאַליע, גאָרנישט מאַכנדיק זיך דערפון, וואָלט זיך נענטער צוגערוקט, און דער געדאַנק האָט זיך ביי אים אַזוי אויסגעשפּיצט, אַז פון בלויזן רוקן זיך נענטער וואָלט איינער אַריין אינם צווייטן. זי וואָלט אַלץ געהאַלטן אין איין לייענען, וואָלט געוועזן אַזוי פאַרטון אין דער שלאָפנדיקער פּרינצעסין, אַז זי וואָלט קיין זאַך נישט באַמערקט. דערנאָך, אַז מען האַלט זי שוין פעסט, פאַרוואַרפט מען איר קאָפּ צו זיך אויף דער ברוסט, דאָס ביכל פאַרמאַכט מען, צי מען וואַרפט עס אַרונטער אויף דער פּאָדלאָגע און... דאָס אַלץ האָט פרידקין פאַרשטאַנען מיטן שכל, געפילט ווי די הענט רירן זיך נישט פון אָרט, ווי זיי וואָלטן געוועזן געליימט. אים איז מיטאַמאָל אויפן זינען געקומען, ווי די קינדער האָבן אים געיאָגט, ווי ער איז געלאָפן ווי אַ משוגענער איבערן גאַס, מענטשן האָבן נאָכגעקוקט, און איצט זיצט ער מיט אַ מיידל, איז אים אַלץ אויסגעקומען אַזוי וואָכעדיק, און ער איז נאָך מער ביי זיך געפאַלן.

— איר שלאָפט? — האָט זי אים אָנגענומען פאַר אַ האַנט. — ווי לייענט מען דאָס וואָרט?

פרידקין האָט זיך פאַרלוירן, נישט געקאָנט איר קוקן אין פּנים אַריין, ווי זי וואָלט געוווּסט זיינע רעיונות, איבערגעלייענט דאָס וואָרט און אין געדאַנק זיך גענומען זידלען. ער האָט באַמערקט, ווי שושנה

לייענט אַלץ פּאַמעלעכער, ווי זי וואָלט זיך געקליבן איינשלאָפֿן, אירע פּיס ליגן כמעט אויף זיינע, אירע שפּיץ פינגער בריען אים, און אין צימער איז מיטאַמאָל געוואָרן אַזוי הייס, דאָס טישל האָט זיך געלייגט אויף אים, ווי אַ שווערע משא, האָט פרידקין אַליין נישט וויסנדיק ווי ר׳נאָך, דערפילט שושנהס קאָפּ אויף זיך. דאָס ביכל איז טאַקע אַראָפּגעפאַלן, געלעגן אונטער זייערע פּיס. די שווערע, פליישיקע שושנה איז געזעסן אויף זיינע קני, און האָט זיך געחדושט, ווי לייכט זי איז.

שושנה האָט זיך מיטאַמאָל אַרויסגעריסן פון זיינע הענט:

— מען גייט?!

פרידקין האָט זיך איינגעהערט און זי גענומען בּאַרויקן:

— וואָס פאַלט אייך איין, ס׳גייט קיינער נישט!

זי איז געבליבן זיצן אויף אַ ווינקל פון בעט, די האָר צעשאָטן, געקוקט אַזוי ווילד און אומבּאַהאָלפן אויף פרידקינען, ווי ער וואָלט זי אומגליקלעך געמאַכט.

פרידקין האָט נישט געקאָנט אויסהאַלטן איר קוק, פון זיכערקייט וועגן גענומען פאַרשליסן די טיר.

שושנה האָט זיך אַ וואָרף געטון צו אים:

— כ׳בעט אייך, דאָס טוט נישט, פאַרשליסט נישט...

ער האָט זי אַרומגענומען, אָנגעהויבן בּאַרויקן, געפילט אויף זיינע הענט אירע טרערן, געוואָלט זי צוריק אַוועקזעצן, האָט זיך שושנה צוהעשעט.

פרידקין האָט נישט געוווסט וואָס צו טון, מורא געהאַט מען זאָל נישט דערהערן אין צווייטן צימער, ווי זי וויינט, און געשטאַמלט:

— וואָס איז, שושנה, ס׳איז אייך נישט גוט? איר ווילט אפשר אַביסל וואַסער?

זי האָט נישט געענטפערט, געבליבן מיטן פּנים אויף זיינע הענט, געוויינט און געציטערט ווי אַ פיש. פרידקין האָט נישט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס זי וויינט. ער האָט דאָך איר גאָרנישט געטון? נו, אַז מען טוט אַ מיידל אַ קוש, דאַרף מען מאַכן אַזאַ חתונה? און ווען נישט זי, וואָלט ער איר אפשר קיינמאָל קיין קוש נישט געטון! פון פאַרדרוס האָט ער איר געגלעט דעם קאָפּ און זיך געבעטן:

— שושנה, נו, באַרויקט אייך, שושנה... מען קאָן נאָך אַריינ־קומען...

זי האָט זיך געווישט מיט אַ טיכל די אויגן, דערנאָך גענומען זיין האַנט אין אירע און אים געפרעגט:

— האָסט מיך ליב?

פרידקין האָט זיך צעפינטלט, נישט געוווּסט וואָס צו ענטפערן, און געשטאַמלט:

— כ׳מיין... כ׳ווייס... ווי דען...

— איר דאַרפט וויסן, — איז שושנה געוואָרן דרייסטער און זיך גענומען שפּילן מיט זיינע פינגער — אַז מיך האָט נאָך קיינער נישט געקושט, אַז איר ווילט נישט, גלויבט נישט, נאָר כ׳פאַרזיכער אייך, אַז איר זענט דער ערשטער!

פון צווייטן צימער האָבן זיך געהערט גוואַלדן, ווי מענטשן וואָלטן זיך געאַמפּערט. פרידקין מיט שושנהן האָבן זיך אַ ווײַלע איינגעהערט און געבליבן זיצן אַרומגענומענע אויפן בעטל. זי האָט אים געגלעט דאָס פּנים:

— כ׳וועל אייך זאָגן דעם אמת, פון ערשטן מאָל, ווען כ׳האָב מיט אייך גערעדט, זענט איר מיר געפעלן געוואָרן... אַן איינזאַמער, עלנטער בחור, און אַז מען איז נישט שיין, טאָ וואָס? דאָס איז נישט אַלץ! איך בין אויך עלנט, האָב איך געטראַכט, אַז מיר וואָלטן געווען אַ גוט פּאָרל! נו טאַקע, איר וואָלט נישט געדאַרפט נעמען אויף זיך אַן איבעריקן עול! מיר וואָלטן געלעבט ווי איצט, איך פאַרדין פאַר מיר! איבעריקנס, אַז כ׳וועל זיך אַביסל „אויסגרינען״, רעכן איך אַליין צו עפענען אַ פלאַץ.

— וואָס, איר זענט אַ גוטע שניידערן?

— כ׳מאַך אַליין אַ גוט שטיקל אַרבעט! ויען כ׳וואָלט נישט גע־קענט, וואָלט איך נישט געאַרבעט אין אַזאַ רייכן פלאַץ!

די קולות אין צווייטן צימער זענען געוואָרן העכער. זיי האָבן זיך איבערגעקוקט, געהויבן מיט די אַקסלען.

— מען קריגט זיך? — האָט שושנה געפרעגט.

— מיין באַלעבאָס איז אַ משוגענער!

דער גאַז־פלאַם האָט זיך אָנגעהויבן צו זעצן, און אין צימער איז געוואָרן טונקל.

— די גאַז גייט אויס. — האָט שושנה זיך אויפגעשטעלט.

פרידקין האָט גאָרנישט געענטפערט, אַ צעטראָגענער געקוקט, ווי דאָס פלעמל ווערט אַלץ קלענער, געוווּסט, אַז דער גאַז קאָן נישט אויסגיין, ס'איז נישט קיין „קוואָדער־מיטער", און זיך געישובט, צי ער זאָל אַריין צו סאַשן, צי נישט. מיטאַמאָל איז געוואָרן שטאָק־פינסטער. פרידקין האָט אַן עפן געטון די טיר. נישט געוווּסט, וואָס ס'איז מיט־אַמאָל געוואָרן, געבליבן שטיין אין דער טיר און זיך איינגעהערט.

— איך דאַרף נישט מען זאָל ברענגען מיין גאַז! — האָט זיך געהערט סאַשעס קול, — איך דערלייג צום באָרדער! מיך קאָסט מער ווי זעקס דאָלאַר דאָס צימער! לאָז ער „אַרויסמופן"! איך וועל יעדן אָוונט אָפּשליסן די גאַז!

— ביסט אַ גראָבער יונג, — האָט וויערע וויינענדיק געענטפערט — ווי באַליידיקט מען אַזוי מענטשן? מען לאָזט זיי זיצן אין דער פינ־סטער? ווילסט טייערער פאַרן צימער, זאָג, נישט פאַרדרייען די גאַז, ווען אַ פרעמדער מענטש איז אין הויז!

פרידקין האָט זיך געכאַפּט, אַז סאַשע האָט אָפּגעשלאָסן דעם גאַז, און אַ באַליידיקטער צוריק אַריין צו זיך. ער האָט נישט געוווּסט, וואָס צו טון פון פאַרדרוס, אַ לענגערע צייט געשטאַנען מיט שושנהן ביי דער טיר, געוואַרט און זיך איינגעהערט, ווי זיי וואָלטן מורא געהאַט, מען זאָל זיך נישט וואַרפן אויף זיי. פּאַמעלעך האָט ער געעפנט די טיר, געשטאַנען אַ ווײַלע מיט אַן אָנגעשפּיצט אויער, און אַז ער האָט גאָרנישט מער געהערט, האָט ער מיט שושנהן זיך גענומען גנבענען אויף די שפּיץ נעגל, געטאַפּט אין דער פינסטער, און ביז ער האָט געעפנט די טיר און אַרויס אין קאָרידאָר אַריין, איז אים עטלעכע מאָל הויל געוואָרן ביים האַרצן, יעדעס מאָל געמיינט, אַז סאַשע באַ־פאַלט אים.

XI

צומאָרגנס איז פרידקין געלעגן ביז אַ שטיק אויפן טאָג אין בעטל און אַלץ געטראַכט, אַז ער וועט מוזן זיך גיין זוכן אַן אַנדער צימער. ער וועט זיך ניט לאָזן באַליידיקן פון אַזאַ גראָבן יונג, ווי סאַשע! דערצו האָט ער צוגעזאָגט שושנהן, אַז נאָך היינט גייט ער זוכן אַ דירה. נו טאַקע, ס׳קומט צו אים אַ מיידל צו גאַסט, שליסט מען אָפּ דעם גאַז און מען לאָזט אים זיצן אין דער פינסטער! וואָס, ער צאָלט ניט? אַ שווינעריי! וואָלט לאַנג זיך שוין אויפגעהויבן, האָט ער אָבער אָפּגעמאַכט מער ניט אַריינצוגיין צו די באַלעבאַטים, געלעגן אַביסל לענגער, ער זאָל זיך איינשפּאָרן דעם אָנבייסן און קאָנען גלייך גיין עסן מיטאָג. נאָך היינט לאָזט ער זיי וויסן, אַז ער ציט זיך אַרויס. טיף אין האַרצן האָט אים באַנג געטון, נאָך וואָס ער האָט פאַרפירט אַן עסק מיט שושנהן, און צומיינסטן האָט ער זיך געערגערט, צו וואָס ער האָט זיך געאיילט איר געבן אַ וואָרט.

איז עס טאַקע אמת, אַז אַ בחור זאָל זי קיינמאָל ניט האָבן געקושט? אַ מיידל וואָס דרייט זיך תמיד צווישן בחורים און אַ גוואַלטיק שיינע איז זי אויך נישט? דערצו, אויב ער פאַרבינדט זיך מיט איר, מוז ער אויפגעבן אַלע פלענער, וועט בלייבן אויפן גאַנצן לעבן אַ מלמד... ער וואָלט זייער גערן זיך געוואָלט אַרויסדרייען פון איר, געפילט, אַז ער קריכט אַריין אין אַ פלאָנטער. צו אַלע צרות איז נאָך איצט צוגעקומען אַ נייע — גיי און זוך אַ צימער. און דו ווייסט שוין, ווו דו פאַלסט אַריין? דאָ איז ער שוין צוגעוווינט, זיך איינגעלעבט מיט דער באַלעבאָסטע,

און מיטאַמאָל נעם אַראָפּ די בילדער פון די ווענט, די ביכער פון טיש, פּאַק אַלץ איין, און דער איטאַליענער, וואָס פירט אייז, וועט דיך אויף זיין נאָס וועגעלע איבערציען. פרידקין האָט פון יעדער קלייניקייט געמאַכט אַ ווענט, געמאַכט אַ וועזן, גענומען יעדע זאַך אַזוי שווער, אַז ער האָט זיך געהאַלטן פאַר אַן אומגליקלעכן מענטשן.

שפּעט אויפן טאָג איז ער אַרויס פון בעטל, זיך געשעמט צו גיין זיך אַרומוואַשן, לאַנג געשטאַנען הינטער דער טיר און זיך איינ־געהערט. ס'איז געווען שטיל. ער האָט לייכט געעפנט די טיר, זיך ווידער איינגעהערט און זיך גענומען גנבענען אין באָד־צימער אַריין. אַן אַרומגעוואַשענער האָט ער דערפילט, אַז ס'הונגערט אים, באַמערקט, אַז אין שטוב איז קיינער נישטאָ און געכאַפּט אַ קוק אין קיך. אויפן טיש איז געשטאַנען אָנגעגרייט דער אָנבייסן פאַר אים. ער האָט אים כמעט שטייענדיקערהייט אַריינגעכאַפּט, זיך עטוואָס באַרויקט און ווי אַ יינגל, ווען ער וויל נישט גיין אין חדר, נעמט זוכן תירוצים, אַבי נישט צו האָבן קיין געוויסנסביסע, אַזוי האָט פרידקין איצט גענומען אויסזוכן בלויז מעלות און שבחים אויף זיין באַלעבאָסטע, אַבי נישט צו דאַרפן גיין זוכן אַן אַנדער צימער.

ער האָט געהערט, ווי זיין באַלעבאָסטע מיטן קינד זענען אָנ־געקומען פון דער גאַס, איז ער צוריק אַריין צו זיך. ער האָט חשק געהאַט אַרויסצוגיין צו איר, זיך מיט איר אויסשמועסן, פאַרוואָס ס'איז אים געקומען אַזוי גראָב צו באַהאַנדלען, געהאַט די גאַנצע דרשה אויף דער שפּיץ צונג, זיך עטלעכע מאָל אָפּגעשטעלט און געבליבן יעדעס מאָל שטיין ביי דער טיר. ער האָט געהערט, ווי זי שלעפּערט איין דאָס קינד, נישט געהאַט קיין מוט אַרויסצוגיין און זיך צוריק אַוועקגעזעצט. ער האָט זיך געוויגט אויף דעם שטול, זיך צוגעהאַלטן מיט איין פינגער אָן טיש, ער זאָל נישט אָנווערן דעם גלייכגעוויכט, און זיך געפּלאָנטערט ווי אין אַ שפּינוועבס. ער האָט אָפּגעפּטרט מער ווי אַ האַלבן לעבן, גאָרנישט געטון פאַר זיך און איצט איז אים נאָך ערגער, ווי מיט פופצן יאָר צוריק, ווען ער איז נאָר אַריבערגעקומען. ער האָט זיך מיטאַמאָל דערפילט אַלט, צעבראָכן מיט אַ צעקנייטשט פּנים, און אַ שרעק, אַז ער וועט שוין אַזוי ס'גאַנצע לעבן אָפּפינסטערן אין אַזאַ צימערל, האָט אים אַרומגענומען. ער האָט פאַרמאַכט די אויגן, גע־

זען, ווי די פליגן וואָס אויף דער וואַנט, אויף דער סטעליע, צע־וואַקסן זיך, ווערן פאַרוואַנדלט אין שפּינען. די שפּינען רעדלען זיך אַרויף, אַראָפּ, ציען אָן פעדים פון אַלע ווינקלען, פלעכטן זיך אַרום אים.

די באַלעבאָסטע איז אַריין אַ בלאַסע, געוואָלט אַ שמייכל טון, געזען פרידקינס צערודערט און ערנסט פּנים, איז דער שמייכל ערגעץ אינווייניק ביי איר געבליבן שטעקן, און אַן איבערגעשראָקענע האָט זי געשטעלט אַ טריט אויף צוריק, ווי זי וואָלט געוואָלט צוריקגיין, און אָנגעהויבן צו שטאַמלען:

— מיסטער פרידקין... איר דאַרפט זיך גאָרנישט מאַכן דערפון... ער איז משוגע...

— דאַרף מען מיך אַזוי באַליידיקן און אויסלעשן דעם גאַז?

— אַז ער פאַרשוואַרצט מיר תּמיד ס׳פּנים, — האָט די באַלעבאָסטע זיך גענומען ווישן די אויגן — וואָס האָב איך ביי אים? איר זעט דאָך! כ׳וואָלט געגאַנגען פאַר אַ קעכין, וואָלט איך מער געהאַט! כ׳טענה מיט אים, משוגענער, מיסטער פרידקין ברענט אויס צופיל גאַז, בעט נאָך אַ האַלבן דאָלאַר אַ חודש, נישט — גייסט אָפּשליסן דעם גאַז? פאָלגט ער מיך? ער האָט דאָך שיר מיך נישט געוואָלט אויפעסן!...

די באַלעבאָסטע האָט געווישט די רויטע אויגן, געשטאַנען אין דער טיר און לייכט געהעשעט. פרידקין האָט זיך איינגעקוקט, זי גע־וואָלט באַרויקן און אַ זאָג געטון:

— ווינט מען נישט מיט אים!

— דער סוף וועט זיין, אַז מיר וועלן זיך צעגיין, — האָט די באַלעבאָסטע אַרויסגעוויינט — איר זענט גאָר אַ מבין, וואָס דער מענטש טיילט מיר אויס? ווו כ׳גיי מיט אים, האָב איך חרפּות און בושות! מער ווי ס׳לעפל עסן ביי אים האָב איך נישט, דאַרף מען שטיין מיט אַזאַ נישט?

פרידקין האָט זיך גענומען דרייען אַרום איר, ווי אַן אַלטער קאָטער אַרום אַ הייסע שיסל מילך. ער האָט געפּריסקעט, געשמעקט, זי באַרויקט און נאָך אַ לענגערן ישוב-הדעת זי אָנגענומען פאַר די הענט:

— נעמען זיך שטאַרק צום האַרצן דאַרף מען אויך נישט!

— אַז איר ווייסט נישט, מיסטער פרידקין, — האָט זי לייכט זיך אַרויסגעדרייט פון זיינע הענט און אָנגעשטעלט אַ שנעבעלע — וואָס איך האָב איבערגעלעבט פון נעכטן אָן! כ׳בין דאָך שיר נישט משוגע געוואָרן!

פרידקין איז געוואָרן גערירט און איר גענומען גלעטן די האָר. זי האָט עטוואָס איינגעבויגן דעם קאָפּ, געגלעט מיט אירע אויסגע-אַרבעטע פינגער זיינע הענט. זייערע פינגער האָבן זיך איינגעפלאָכטן, געציטערט, און ביידע האָבן זיך מיט גלאַנציקע פאַרלאָפענע אויגן אָנגעקוקט איבער אַ מינוט. אַ כוואַליע היץ האָט מיטאַמאָל אַ שלאָג גע-טון איבער זייערע קעפּ, זיי צוגעפירט צום נישט אויפגעבעטן בעטל. זי האָט אויף שטום-לשון זיך עפּעס געבעטן ביי אים מיט די אויגן, זיך לייכט געוועדט, אים אַ קוש געטון. ער האָט קיין זאַך נישט גע-זען, געפילט בלויז, ווי די כוואַליע היץ פאַראַליזירט אים.

אין אַ ווײַלע אַרום האָבן זיי האַלב-פאַרשעמטע זיך אָנגעקוקט. יעדער פון זיי האָט געוואָלט וואָס גיכער פּטור ווערן פון צווייטן, בלייבן מיט זיך. סיי פרידקין, סיי וויערע האָבן נישט געגלויבט, וואָס דאָ איז פאָרגעקומען. יעדער פון זיי האָט געפילט פון זיינע אייגענע הענט דאָס לייב פון צווייטן.

וויערע האָט איינגעגראָבן דאָס פּנים אין קישן און אַזוי געבליבן ליגן. פרידקין האָט זיך געפילט שולדיק, אויפגעהויבן איר קאָפּ און זיך געבעטן:

— וויערע, ביסט בייז? זיי נישט בייז!

— כ׳בין נישט, — האָט זי אַ פאַרשעמטע געענטפערט און אים נישט געקאָנט קוקן אין די אויגן אַריין — קוקט נישט אויף מיר אַזוי. איר זעט אויס, ווי איר וואָלט געטרונקען אָפּיום.

— דו ווייסט, — האָט זי פרידקין אַרומגענומען — כ׳האָב שוין לאַנג געבענקט נאָך דיר.

— האָב איך אייך די ערשטע צייט פיינט געהאַט! — האָט וויע-רע געשמייכלט און נישט אויפגעהויבן די אויגן.

— פאַרוואָס?

ביידע האָבן זיך מיטאַמאָל אָנגעקוקט, ווי איינער וואָלט גע-

ליגט די שולד אויפן צווייטן און זיך אויפגעשטעלט. מען האָט אָנגעקלונגען.

— עפּנט נישט. — האָט ווירע אָפּגעשטעלט פרידקינען.

— אפשר איז עס צו מיר?

— אָל־רייט, כ׳עפן גלייך. — האָט ווירע זיך צורעכט געמאַכט די האָר און אַרויס פון צימער.

פרידקין איז געבליבן אין דער טיר, געווען נייגעריק, ווער עס קאָן איצט צו אים קומען. אָן די טריט האָט ער דערקענט סאַשען, עפּעס נישט געגלויבט און אַ פאַרציטערטער זיך איינגעהערט. ס׳איז געווען סאַשע. פרידקין האָט אויף גיך צוגעמאַכט די טיר, זי פאַמעלעך צוגעשלאָסן, קוועטשנדיק דעם שליסל, מען זאָל נישט הערן, און געווען זיכער, אַז ער איז אַ פאַרפאַלענער. סאַשע וועט געוויס דערקענען, וואָס דאָ איז געווען, וועט באַלד אויפברעכן די טיר, אים פרעגן אַ „פּרעטענזיע". ער האָט אָנגעשפּיצט די אויערן, געהערט טעמפּע קולות, באַלד אַ פאַרשטיקט געוויין, און אַ בלאַסער, מיט אַ הוילקייט ביים האַרצן, ווי עס וואָלט זיך דאָרט עפּעס אָפּגעריסן, האָט ער געוואָרט מען זאָל אָנקלאַפּן אין טיר. ער האָט אַ קוק געטון דורכן פענסטער. געקלערט צי מען קאָן זיך נישט אָפּטראָגן. די הויך האָט אים אַ שווינדל געטון פאַר די אויגן, און ער האָט זיך אָפּגערוקט. פון זיכערהייט וועגן האָט ער געעפנט זיין קליין מעסערל, אַז אפשר וואָס ווען, זאָל ער האָבן מיט וואָס זיך צו פאַרטיידיקן, און געבליבן שטיין ביי דער טיר. קאַלטע טראָפּנס שווייס האָבן אַרויס־געשלאָגן ביי אים אויפן שטערן, און ער האָט זיך דערמאָנט, אַז ער האָט ערגעץ געלייענט פונקט אַזאַ מעשה, ווי ס׳האָט מיט אים דאָ פּאַסירט, דער אונטערשייד איז, וואָס דאָרט רופט מען זיך אַרויס אויף אַ דועל.

— מיסטער פרידקין... פּליעז, מיסטער פרידקין...

פרידקין האָט געפילט, ווי די כוחות גייען אים אויס, ווי סאַשע וואַרפט זיך אויף אים. ער האָט קוים געעפנט די טיר, פעסט געהאַלטן דאָס צעעפנטע מעסערל און געוואַרט.

— איר וועט מיר אַנטשולדיקן, מיסטער פרידקין, — האָט סאַשע פאַרלוירן געשמייכלט — כ׳מיין, איר דאַרפט זיך דערפון גאָרנישט מאַכן, וואָס ס׳איז נעכטן געווען... — ס׳טרעפט אַמאָל, כ׳האָב נעכטן אין אַ רומענישן קעלער איבערגעכאַפּט די מאָס, איר ווייסט דאָך, האַ, האַ, האַ!

מען האָט אָנגעקלונגען. סאַשע איז געלאָפן עפענען די טיר. אַ קרענקלעך צעפּלאַמטער, מיט אַ פּאָר פאַרלאָפענע אויגן, איז ער געבליבן שטיין. ער האָט אינסטינקטיוו דורכגענומען זיינע פינף פינגער איבערן צעשויבערטן קאָפּ האָר, ווו פון פּאָרנט זענען זיי געווען שיטער און אויפן סאַמע פראָנט זיך אַוועקגעשטעלט אין צוויי צונויפגעפּלאָנטערטע שפּיצן, ווי מען מאָלט געוויינלעך די הערנער ביים טייוול.

פון זיינע אייגענע פינגער האָט אים אַ שלאָג געטון אין פּנים אַריין דער ריח פון וויערעס לייב, און ווו ער האָט זיך נישט אַ דריי געטון, האָט ער געפילט דעם ריח פון פודער און שווייצער קעז. ער האָט באַמערקט אַרום איינעם פון זיינע קנעפּלעך אַ לאַנגע שוואַרצע האָר, זי אַוועקגענומען און איבער אַ רגע נישט געקאָנט פּטור ווערן פון איר. ווי ער האט זי נישט געוואָרפן, האָט זיך די האָר ווי אַ דין שלענגל געדרייט, זיך נישט געוואָלט אָפּוויקלען, ביז ער האָט פון כּעס זי נישט צעריסן אויף שטיקלעך.

– האַלאָ, פרידקין. — איז קרוזע אַריין.

פרידקין איז אַזוי איבערראַשט געוואָרן, זעענדיק פאַר זיך קרוזען, אַז ער האָט אַפילו פאַרגעסן אים צו באַגריסן.

דער דיקער קרוזע האָט זיך אַוועקגעזעצט, געפּרייכט ווי אַ גאַנז, און איידער פרידקין האָט צייט געהאַט עפּעס צו זאָגן, האָט ער אים געפרעגט:

– וואָס איז דער מער, פרידקין? ביזט נישט געזונט? זע נאָר ווי דו זעסט אויס? ווי אַ האָן נאָך תּשמיש!

פרידקין האָט זיך פאַרלוירן, צוגעגאַנגען צום שפּיגל, זיך כּלומרשט געחדושט, צי ער זעט טאַקע שלעכט אויס, און אַ הויב געטון מיט אַן אַקסל:

– כ'בין עפּעס נישט מיט אַלעמען!

קרוזע איז נישט איינגעזעסן, זיך איבערגעגאַנגען איבערן צימער און זיך צוגעזעצט אויפן בעט. ער האָט גענומען אין דער האַנט אַריין אַ האָרנאָדל, וואָס איז דאָרט געלעגן, זי געבויגן, דערנאָך זי באַטראַכט, זיך אַ כאַפּ געטון און עס אונטערגעטראָגן פרידקינען מיט אַ שמייכל:

– פון וואַן קומט עס צו דיר?

פרידקין איז בלאַס געוואָרן, גענומען פון אים די האָרנאָדל, ווי

ער וואָלט צום ערשטן מאָל געזען, און זיך מיטאַמאָל איינגעקאָרטשעט ווי אַן אַלטער, ערטערווייז אויסגעצופּטער האָן:

— כ׳ווייס טאַקע נישט!

— ע, זיי זיך מודה, — האָט קרוזע אים אַ קיצל געטון אונטערן אָרעם.

— האָסט נישט פאַרגעסן דיינע אַלטע שטיק! — האָט פרידקין אים אַ קלאַפּ געטון איבער די פּלייצעס און זיך פּלומרשט אויך צעלאַכט — נו, וואָס הערט זיך?

— ווייסט, זיסקינד לערנט שון נישט אין דער תּלמוד־תּורה!

פרידקין האָט אַן אַלעם פאַרגעסן און אויסגעגלאָצט אַ פּאָר אויגן:

— מען האָט אים אָפּגעזאָגט?

— ער האָט זיך אַליין אָפּגעזאָגט!

— וואָס הייסט, ער האָט אַן אַנדער שטעל?

— יאָ!

— וווּ?

קרוזע האָט זיך אויפגעשטעלט, זיך דורכגעגאַנגען עטלעכע מאָל איבערן צימער, זיך צוריק אַוועקגעזעצט, זיך פאַרטראַכט, אַפּנים, פאַרגעסן, אַז פרידקין וואַרט אויף אַן ענטפער.

— וואָס, ס׳איז עפּעס געשען מיט זיסקינדן?

— אָ, — האָט קרוזע זיך אַ כאַפּ געטון — ברעכט ער דעם קאָפּ, כ׳פאַרגין זיי נאָך אַ משומד. אַז אַ צווייג, פאַרשטייסטו מיך, נעמט איינדאַרן, איז וואָס גיכער זי ברעכט זיך אָפּ, פאַלט אַרונטער, אַלץ געזונטער פאַרן בוים... ווען נישט דאָס ווייבל, וואָלט איך אַ שפּיי געטון און פּטור! זאָגסטו, ער איז נישט געווען דאָ?

— מיינסט עס מיט אַן אמת? — האָט פרידקין אַן איבערראַשטער אָנגעכאַפּט קרוזען פאַר אַ האַנט. — ער האָט מיר געזאָגט, אַז ער האָט אַרבעט פאַר אַ „מישאָן״־הויז [1], זעצט פאַר זיי עפּעס איבער אין יידיש, נאָר ס׳זאָל האַלטן אַזוי ווייט...

— האָסט גערעכנט, אַז אַזאַ אַרבעט גיט מען רבנים? — האָט קרוזע מאָדנע געשמייכלט. — דער, וואָס גלויבט נישט אין יעזוסן, אָדער אַמווייניגסטנס מאַכט נישט דעם אָנשטעל, אַז ער גלויבט, ווער אַזאַ אַרבעט נישט קריגן!

1) מיסיאָנערן־הויז.

— ווער זאָל זיך ריכטן אויף אַזאַ משוגעת? — האָט פרידקין אַ הויב געטון מיט די אַקסלען. — כ׳בין אָבער זיכער, אַז ער גלויבט נישט!

בשעת זיי האָבן גערעדט, איז זיסקינד שטיל אַריין, געבליבן שטיין אין דער טיר, זיך איינגעהערט, און ביי די לעצטע ווערטער האָט זיין בלאַס פנים אַ צוק געטון, ווי ער וואָלט איבערגעטראָגן אַ ווייטיק.

— דאַרפסט נישט זיין אַזוי זיכער, — איז זיסקינד צוגעגאַנגען צום טיש — כ׳וואָלט נישט געגלויבט, וואָלט איך אַהין נישט אָנגעקומען.

דערזעענדיק זיסקינדן, האָבןביידע געעפנט אַזעלכע אויגן, ווי מען זעט ביי אַ מענטשן, ווען ער קריגט אַ שטאַרקן קלאַפּ איבערן קאָפּ.

קרוזע האָט געהאַלטן, אַז פאַר אַ ייד דאַרף זיין אַ פחיתת-הכבוד אַפילו אָנצוקוקן אַ משומד, און ער האָט זיך אַוועקגעדרייט, ער האָט איינגערוימט פרידקינען, ער זאָל אים דאָ פאַרהאַלטן ביז בערטע וועט קומען, און איז אַרויס פון צימער.

פרידקין האָט זיך געוווּנדערט, פאַרוואָס זיסקינד, פאַר וועמען ער האָט שטענדיק דרך-ארץ געהאַט, איז אים געוואָרן פרעמד און דערווידער. ער האָט מער אין אים נישט געזען קיין חבר. דער אַלטער האַס און פאַראַכטונג, וואָס ליגט אומבאַוווּסט אין יעדן ייד צו אַ משומד, האָט זיך איצט דערוועקט ביי פרידקינען און ער האָט געפילט, אַז ער וועט אים באַלד באַליידיקן, מיאוס באַליידיקן. דאָס קליינע מענטשל, ביי וועמען אַלץ איז געווען איינגעטיילט אין העכערע און נידעריקע ראַנגען, ווו דער מיטל-פונקט איז ער, פרידקין, דאָס מענטשל האָט ביים וואָרט „משומד" צעמישט די ראַנגען, זיך אויפגעהויבן העכער און זיך דערפילט בכוח אָנצושפייען זיסקינדן אַ פול פנים, נישט קוקנדיק אויב ער איז אַפילו גערעכט. דאָס ערשטע מאָל אין יאָרן האָט זיין פאַרזשאַווערטער מוח געאַרבעט שנעל, ספּאַזמענהאַפט. ער האָט חשק געהאַט צו פאַרפירן מיט זיסקינדן אַ ויכּוח, געליטן, וואָס ער ווייסט נישט „מה להשיב לאפּיקורס" און זיך געהאַלטן אין איין חזרן — נו, אַז ס׳וועט זיין ס׳גרעסטע געפאַר פאַר מיינס אַ קינד, כ׳מיין, אַז מל צו זיין מיינס אַ קינד וועט שמעקן מיט סכנות-נפשות, וועל איך עס נישט מל זיין?

ער האָט געקוקט אויף זיסקינדן, ווי ער איז געזעסן אַ פאַרלוירענער,

נערוועז געמישט דאָס קליינע תּכ׳ל, וואָס איז געלעגן אויפן טיש, און ס׳האָט אויסגעזען, אַז ער קלויבט זיך צו פאַרטיידיקן.

שפּרייזנדיק האָט זיך פרידקינען געדאַכט, אַז מען האָט אָנגעקלונגען. ער איז נישט געגאַנגען עפענען. אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער זיך עס נאָכאַמאָל דערמאָנט, געטראַכט, אַז מען איז שוין, מסתמא, אַוועקגעגאַנגען, האָט מען פּונקט דעמאָלט אָנגעקלאַפּט אין טיר.

בערטע איז אַריין. זיסקינד האָט זיך אויפגעשטעלט, געמאַכט צוויי טריט, זיך פאַרלוירן און זיך צוריק אַוועקגעזעצט.

— אויף אַזאַ גאַסט האָב איך זיך גאָרנישט געריכט. — האָט פרידקין אַ שמייכל געטון און איר געשטעלט אַ שטול.

זי האָט גאָרנישט געענטפערט, — זיך אַוועקגעזעצט, פאַרבראָכן די הענט, ווי זי וואָלט געהאַט אַ מסוכנדיקן חולה אין שטוב, און זיך געווענדט צו פרידקינען:

— נו, מיסטער פרידקין, וואָס זאָגט איר צו מיין אומגליק?

— ס׳אַרא אומגליק? — האָט פרידקין זיך געמאַכט תּמעוואַטע.

דאָס ווייבל האָט אים אַ קוק אָן געטון מיט אַזאַ בטול, אַז פרידקין האָט זיך פאַרלוירן, געפילט ווי ס׳פּנים ווערט ביי אים נאַריש, און ער האָט אָנגעהויבן שטאַמלען:

— גלויבט מיר, מיסעס זיסקינד, אַז ער מיינט עס אַליין נישט! איר קענט אים נישט?

— וואָס מיינט איר? — האָט דאָס ווייבל זיך אָנגעהויבן קאָכן. — אַ מענטש ליגט גאַנצע טעג אין „טשוירטש״ (קלויסטער), וועט איר מיר איינרעדן, אַז ער מיינט גאָרנישט דערמיט? אַז די חברים נעמען זיך נאָך אָן פאַר אים, וואָס קאָן איך מיר, אָרעמע, העלפן? ווען אַזאַ אומגליק פּאַסירט צווישן פראָסטע יידן, וואָלט מען אים די ביינער צעבראָכן! און דאָ, „היברו טיטשערס״... כ׳ווייס, מען פאַרליבט זיך אין אַ שיקסע, אָבער צו ווערן מיטאַמאָל אַזוי משוגע...

זי האָט זיך אָנגעהויבן ווישן מיט אַ טאַשנטיכל די נאָז און זיך שטיל פונאַנדערגעוויינט. עס איז מיטאַמאָל שטיל געוואָרן. דאָס אָפּגעהאַקטע העשען האָט זיך געלייגט ווי אַ משא, פול געמאַכט דעם צימער, איז פרידקינען ענג געוואָרן, זיך נישט געקאָנט קיין ריר טון, ווי דער צימער וואָלט געווען אָנגעפּאַקט מיט מענטשן. פרידקין, ביי-

וועמען ס׳גרעסטע פֿאַרגעניגן איז געווען צו מאַכן וויינען אין קלאַס אַ יינגל, האָט זיך איצט אַליין געחדושט, פֿאַרוואָס ביי זיך אין צימער קאָן ער קיינמאָל נישט הערן, ווי מען וויינט. ס׳איז אים איינגעפֿאַלן, אַז די באַלעבאָסטע שטייט הינטער דער טיר, הערט זיך איין, וואָס דאָ קומט פֿאָר, האָט ער זי אַן עפּן געטון, קיינעם נישט געזען און ס׳האָט אים פֿאַרדראָסן, פֿאַרוואָס אַזעלכע נאַרישקייטן קומען אים איצט אין קאָפּ אַריין. ער האָט געטראַכט, אַז ס׳ווייבל איז גערעכט, מען דאַרף זיסקינדן גוט אָנזידלען און געפֿילט, אַז דער חוב ליגט איצט אויף אים.

זיסקינד איז געזעסן אַ בלאַסער, געפּינטלט מיט די אויגן, געהויבן מיט די אַקסלען, ווי ער וואָלט נישט געוווסט, וואָס מען וויל פֿון אים, און זיך אויסגעדרייט צום ווייב:

— כ׳ווייס נישט, וואָס דו וויינסט? אַז מיט דיר קאָן מען נישט רעדן! דו ביזט נישט פֿאַראַנטוואָרטלעך פֿאַר מיר! וואָס אַרט מיך נישט, סאַרע איבערצייגונגען דו האָסט?

— איבערצייגונגען? — האָט ס׳ווייבל אים איבערגעריסן, צענומען די הענט און אויפֿגעשפּרונגען מיט אַ וויינענדיק געלעכטער. — אַ מענטש גייט זיך שמדן און רעדט וועגן איבערצייגונגען! נו, וואָס שווייגט איר? — האָט זי זיך אויסגעדרייט און אַ געשריי געטון אויף פֿרידקינען. — וואָס זאָגט איר אים גאָרנישט?

פֿרידקין האָט זיך פֿאַרלוירן, גענומען גיין צו זיסקינדן, געבליבן אין מיטן צימער, פֿאַרוואָרפֿן נאַריש דעם קאָפּ און בשעת־מעשה זיך געטראַכט, וואָס וויל מען פֿון אים, וואָס איז ער דאָ שולדיק? ער איז געווען בייז אויף זיך, פֿאַרוואָס ער איז אַזאַ בטלן, געווען זיכער, אַז ביי אַ צווייטן וואָלט עס אַרויסגעקומען אַזוי נאַטירלעך און, ווי איינער וואָס וויל נישט טראַכטן, פֿאַרקוועטשט די אויגן און שלינגט אַראָפּ אַ לעפֿל ריצנאייל, פּונקט אַזוי האָט זיך פֿרידקין אַ לאָז געטון צו זיסקינדן, אים אָנגעכאַפּט פֿאַר אַ לאַץ פֿון ראָק, אַז יענער האָט זיך אַזש פֿון שרעק אונטערגעהויבן, און ווילד אים אויסגעשריען אין פּנים אַריין:

— ווילסט מיר טאַקע איינרעדן, אַז דו טוסט עס אויס איבערצייגונג?

— אויב דו קאָכסט זיך ווי מיין ווייב, וויל איך דיר נישט ענטפֿערן!

— ווער קאָכט זיך ? — איז פרידקין רויט געוואָרן און געשריען נאָך העכער. — כ׳לייד נאָר נישט קיין עוולות ! וואָס לייגסטו אַריין די יראה אין דער טומאה ? ווילסט זיך שמדן, שמד זיך ! ברעך דעם קאָפּ ! געדענקסט, דו האָסט מיר אַליין אָנומלט געזאָגט, אַז דו ליידסט דערפון, וואָס דו מוזסט לערנען מיט די קינדער דינים פון שולחן ערוך, און זיך געוווּנדערט, פאַרוואָס מען פאַלט אָן אויף אַ מיסיאָנער ? אַז דו ביסט נישט בעסער !

— אמת, — האָט זיסקינד געלאַסן געענטפערט — כ׳האָב אין קיין זאַך נישט געגלויבט, תּמיד אָבער געפילט, אַז מיר פעלט אַ גלויבן... מיין פרוי ווייסט עס, נישט איין מאָל האָב איך מיט איר וועגן דעם גערעדט...

— און דאָס יידישע גלויבן, — האָט פרידקין אָנגעהויבן.

— דאָס יידישע גלויבן האָט מיך נישט באַפרידיקט, — האָט זיסקינד אים נישט געלאָזט ענדיקן — כ׳האָב דאָרט גאָרנישט געפונען... ווייניקסטנס, גאָרנישט פאַר מיר...

— אָבער „יאָסעלע פאַנדריק״ ? — האָט ס׳ווייב זיך היסטעריש צעלאַכט. — דאָרט האָסטו געפונען די ישועה, האַ ? אַ קלאָג, וואָס פון דיר איז געוואָרן, מיין מאַן !

זיסקינד האָט גאָרנישט געענטפערט, געזעסן אַ בלאַסער, און מען האָט געקאָנט זען, אַז ער ליידט זייער.

— און דאָס קריסטלעכע גלויבן האָט דיך באַפרידיקט ? — האָט פרידקין ווידער געפרעגט.

— יאָ. איר מעגט לאַכן, שפייען מיר אין פנים אַריין, נאָר גלויבט מיר, ווען נישט דאָס קריסטנטום, וואָלט איך שוין היינט געווען אויפן עולם-האמת !

— הלואי, רבונו של עולם ! — האָט ס׳ווייבל צעשפּרייט די הענט.

— פאַר די לעצטע צוויי חדשים, — האָט זיסקינד ווייטער גערעדט — בין איך אַרומגעגאַנגען, ווי אין אַ הינערפּלעט, מיינע ליידן זענען געווען שרעקלעך, כ׳האָב געמיינט, אַז כ׳וועל פון זינען קומען, און מיטאַמאָל, ווי פון זיך, האָט אַ געהיימע האַנט אַראָפּגענומען פון מיינע אויגן אַ הייטל, און ס׳איז מיר ליכטיק געוואָרן. איך האָב פון זיך אַליין א י ם דערקענט, דערפילט אין זיך ד ע ם, וואָס האָט געליטן פאַר די מענטשנס זינד. מיינע ליידן האָבן אויפגעהערט, די נשמה

האָט זיך באַרויקט, און איר, – האָט ער מיט די הענט געוויזן אויפֿן ווייב און פרידקינען – איר איינגעעקשנטע, בלינדע, קאָנט עס נישט באַגרייפֿן!

– משוגע! – האָט ס׳ווייבל פאַרבראָכן די הענט. – ער איז מיט אַן אמת משוגע!

– כ׳פאַרשטיי נישט, — איז פרידקין געוואָרן ערנסטער – אום ס׳זאָל דיר לייכטער ווערן, האָסטו באַדאַרפֿט דוקא דעם קריסטלעכן גאָט, האָסט דאָך געקאָנט זיך ווענדן צום יידישן?

– ער איז צו ווייט... צו ווייט פון אונז... – האָט זיסקינד אויפֿגעהויבן די אויגן.

– און דער קריסטלעכער?

– ער איז צווישן אונז, – האָט זיסקינד אַ צעשטראָלטער געענטפֿערט – אין מיר, אין דיר, דאַרפֿסט נאָר וועלן, דאַרפֿסט נאָר תשובה טון...

– רעדסט דאָך טאַקע ווי אַ מיסיאָנער! — האָט זיך פרידקין צעלאַכט.

– נו, וואָס זאָגט איר צו מיין אומגליק? – האָט ס׳ווייבל זיך אויפֿגעשטעלט, איז צוגעגאַנגען צום מאַן, אַרויפֿגעלייגט אויף אים ביידע הענט און זיך געבעטן מיט טרערן אין די אויגן. — אויב דו האָסט נישט רחמנות אויף מיר און אויף דיר אַליין, האָב רחמנות אויף דיינע צוויי קינדער! יידן וועלן דאָך אונז אויסמיידן ווי אַ פּעסט, כ׳בעט דיך, ווי לאַנג ס׳איז נישט שפּעט, באַרעכן וואָס דו טוסט...

זיסקינד האָט אַרומגענומען מיט איין האַנט דאָס ווייב, איר אַ קוש געטון אין שטערן און גאָרנישט געענטפֿערט.

– נו, כ׳בעט דיך...

– זינדיק נישט, מיין ווייב!

זי האָט זיך אַ ריס געטון פון אים, פאַרוואָרפֿן דעם קאָפּ מיט די גרינלעכע אויגן, ווי אַ שלאַנג, ווען זי גייט אַ ביס טון, און אים אַ שפּיי געטון אין פּנים אַריין:

– משומד!

ער האָט געמאַכט צוויי טריט אויף צוריק, זיך גענומען ווישן דאָס פּנים, איז זי אַ צערייצטע מיטן פאַרריסענעם קאָפּ צוגעלאָפֿן און אים גענומען שלאָגן, ווו זי האָט נאָר געטראָפֿן, וואָס זי האָט אַראָפּגע-

געלאָזט אַ פּאַטש, איז די האַנט בײַ איר װי לײַכטער געװאָרן, און ס׳האָט אױסגעזען, אַז זי װעט אים דערהרגענען. ער האָט זיך נישט געװערט, געשטאַנען מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און געפּינטלט מיט די אױגן.

פֿון די קולות האָט װיערע געעפֿנט די טיר און אַן איבערגע־שראָקענע אַרײַנגעקוקט. איר קינד איז געקראָכן אױף אַלע פֿיר, געזען װי מען שלאָגט זיך, האָט עס זיך פֿונאַנדערגעװײנט.

— װאָס שטײט איר װי אַ גולם? — האָט װיערע זיך געװענדט צו פֿרידקינען. — זי װעט דאָך אים דערהרגענען!

פֿרידקין האָט זי קוים אָפּגעריסן פֿון מאַן. זי האָט עפּעס גע־נומען זוכן אין אַלע װינקעלעך, מיטאַמאָל זיך געכאַפּט, אַז איר קאַ־פּעליוש זיצט בײַ איר אױפֿן קאָפּ, און גענומען אַרױסגײן. אין דער טיר האָט זי זיך צוריק אױסגעדרײט און גענומען גראַזשען דעם מאַן!

— צװישן אונז איז אַלץ געענדיקט! זאָלסט נישט דערװעגן אַריבערטרעטן מײַן שװעל, כ׳װעל דיך אַרױסבריען, משומד דו!

זיסקינד האָט זיך מיטאַמאָל אױסגעגלײַכט און מיט צער אין פּנים האָט ער אָפּגעשטעלט דאָס װײַב מיט אַ פֿינגער:

— פֿאַרװאָס שלאָגסטו מיך? װאָס האָב איך דיר געטון?

דאָס װײַבל איז אַרױס מיט װיערען. זיסקינד האָט זיך אַראָפּ־געלאָזט אױפֿן בעטל, אָנגעשפּאַרט דאָס פּנים אָן די הענט און אַזױ געבליבן זיצן.

פֿון צװײטן צימער האָט זיך געהערט, װי דאָס װײַבל אַ פֿאַר־װײנטע קלאָגט זיך פֿאַר װיערען, װאָס פֿאַראַ אומגליק ס׳איז איר גע־שען.

דעם לעצטן טאָג פון „שבעה" איז שולץ אָפּגעזעסן אַ גאַנצן אָוונט ביז שפּעט אין דער נאַכט און געוואָלט אָנשרייבן אַ שיר פּאַר דער מצבה פון זיין פאָטער. עס האָט זיך אָבער נישט געשריבן. די ווערטער זענען אַרויס פון קאָפּ, ווי ער וואָלט קיינמאָל קיין העברעיש נישט געקענט. אַ דענערווירטער האָט ער אָוועקגעלייגט די פעדער, גענומען שפּרייזן פון איין צימער אין צווייטן, געזען, ווי בעסי איז געלעגן ביי זיך אין שלאָפצימער אין די קליידער, האָט ער אויסגעשטרעקט אַ האַנט, געוואָלט זאָגן, אַז ס'איז צייט זי זאָל זיך לייגן, זיך דערמאָנט, אַז ער רעדט נישט מיט איר, און אויף די נעגל איז ער צוריק אַרויס פון צימער.

ווען ס'ווייב האָט אים איבערגעגעבן, אַז בעסי איז פאַרליבט אין גרינען און מיינט מיט אַן אמת מיט אים חתונה צו האָבן, האָט שולץ זיך אַ הויב געטון, אַוועק פון טיש, ווו ער האָט געגעסן מיטאָג, דורכגעגאַנגען עטלעכע מאָל דעם עסצימער און זיך געווענדט צו בעסין, אַרויפלייגנדיק זיין האַנט אויף איר אַקסל:

— ס'איז טאַקע אַן אמת, וואָס די מאַמע דערציילט?

— און אַז ס' איז אַן אמת? — האָט בעסי זיך אַ רוק געטון, זי זאָל קאָנען קוקן דעם פאָטער אין די אויגן.

— וויל איך טאַקע, אַז דו זאָלסט זיך מיט אים מער נישט זען.

— נישט געפונען קיין אַנדער צייט זיך אויסצושמועסן, ווי ביים עסן! — האָט ס'ווייב זיך אַריינגעמישט.

— וואָס הייסט? — האָט בעסי זיך נישט צוגעהערט צו דער מו-טער.

— דערווייל בין איך נאָך דיין פּאָטער, — האָט שולץ נישט גע-לאָזט דער טאָכטער ענדיקן — און דו דאַרפסט מיך פּאָלגן.

— אַז דו דאַרפסט עס גאָר נישט פאַרלאַנגען פון מיר.

— כ'פרעג דיך נישט! — האָט שולץ אַ געשריי געטון, זי אָנגענומען פאַר אַ האַנט און גערעדט ווייכער. — זאָגסטו מיר צו, אַז דו וועסט זיך מיט אים מער נישט זען?

— משוגענער, הערסט אויף, אַז נישט גיי איך אַוועק פון טיש!

— גיי, גיי, ביסט נישט בעסער פון איר! — און ער האָט זיך צוגעבויגן צו דער טאָכטער. — זאָגסטו מיר צו?

— ניין!

— אויב אַזוי, גיי שוין אַוועק פון טיש, — האָט ער זי אַ שלעפּ געטון — אויב דו ווילסט מיך נישט פאָלגן, ווייז זיך נישט פאַר מיינע אויגן!

גלייך ווי בעסי איז אַוועק פון טיש, איז אים דער כעס אַריבער, געוווסט אַז מיט בייזן וועט ער גאָרנישט מאַכן און באַשלאָסן מיט איר זיך דורכצושמועסן. די זעלבע נאַכט איז זיין פּאָטער געשטאָרבן. דער סעקרעטאַר פון דער „היברו" האָט אים אַפילו געהאַט אָנגעזאָגט, אַז גרין האָט רעזיגנירט, ער איז אָבער געווען אַזוי דערשלאָגן, אַז קיין זאַך איז אים נישט געגאַנגען אין קאָפּ אַריין. איצט זעענדיק בעסין, ווי זי איז געלעגן אַ נישט אויסגעטונענע, האָט ער רחמנות געקראָגן אויפן מיידל, זיך אַליין געחדושט, פאַרוואָס ער האָט אַזוי אָנגעשריען אויף איר, נישט געוווסט, פאַרוואָס ער איז קעגן גריבען... די שטילקייט פון דער נאַכט, דעם פּאָטערס טויט, די טאָכטער אין די קליידער, אַלץ האָט אויף אים געווירקט, און ער האָט באַשלאָסן זיך נישט צו מישן, און אויב בעסי וויל דוקא גרינען, לאָז זיין גרין. ער איז צוריק אַריין אין דער טאָכטערס שלאָפצימער און זי לייכט אַ צי געטון פאַר אַן אַרבל. בעסי האָט זיך אויפגעכאַפּט, דערזען דעם פּאָטער, האָט זי צעעפנט די אויגן און אַרויסגעשטאַמלט:

— אַ? וואָס איז, טאַטע?

— באַרויק זיך, ס'איז גאָרנישט, טאָכטער, — האָט דער פּאָטער געגלעט איבערן קאָפּ — טו זיך אויס, ס'איז שפּעט!

ער האָט געפילט, ווי עפּעס שטיקט אים, נישט געקאָנט זען, ווי בעסי שטייט אַ פאַרלוירענע, מורא געהאַט, ס'זאָל זיך באַלד נישט אָפּ־שפּילן אַ חתונה, האָט ער אַ קוש געטון בעסין אין קאָפּ:

– אַ גוטע נאַכט, טאָכטער! אַ גוטע נאַכט...

ער האָט אויפגעזוכט אין אַ קופער זיינס אַ פּעקל מיט אַלטע כתבים, גענומען לייענען שירים געשריבן לכבוד יום־טוב, לכבוד אַלעק־סאַנדער דעם צווייטן, דעם „מלך־חסד", זיך געוואונדערט, וואָס פאַר אַ לשון ער האָט אַמאָל געהאַט, אָפּט געזיפצט – שוין אפילו געהאַט פאַרגעסן דעם טייטש פון אַ סך ווערטער – און ביסלעכווייז האָט ער כמעט גענומען צווייפלען, צי ער האָט עס געשריבן, אַזוי פרעמד האָט עס אים אויסגעזען. צום סוף האָט זיך שולץ מיאש געווען עפּעס אַליין אָנצושרייבן און באַשלאָסן צו קריגן עמעצן, מעג עס קאָסטן וויפיל עס איז.

דער שוין כמעט גרויער שולץ איז געזעסן איבער די כתבים, געשריבענע מיט עטלעכע און צוואַנציק יאָר צוריק, פאַרגעסן אַז ער איז אַ פאַבריקאַנט, אַז ביי אים אין „שאַפּ" „לויפן" הונדערט מאַשינעס, אַריינגעטעטעמט דעם אַלטן ריח פון די האַלב־אויסגעריבענע פּאַפּירלעך, וואָס ער האָט געשריבן בחורוויז ביי זיין טאַטן אין שטוב, און אַן אָנגענעמער ריח פון דער היים האָט אַ בלאָז געטון אויף אים. געווען אַמאָל אַ חלום – ער האָט געהאָפט צו ווערן אַ יידישער משורר. די בלויזע ערינערונג האָט אים צענומען. ס'איז אים מיטאַמאָל שטאַרק באַנג גע־וואָרן, ווי די בענקשאַפט וואָלט דורכגעדרונגען זיין פאַרוואַקסן מיט שמאַלץ האַלז, און אַ צעפליגלטער איז שולץ ס'ערשטע מאָל אין יאָרן געוואָרן פאַרביטערט אויף אַמעריקע, געפילט, אַז ער האָט צו טייער באַצאָלט פאַר די מאַשינעס.

צומאָרגנס איז ער אַריינגעקומען צו זילבערמאַנען, דעם מצבה־קריצער, אין „אָפּיס" (ביוראָ) אַריין.

– האַללאָ!

– האַללאָ!

דער אייגנטימער, אַ קיילעכדיק יידל מיט קורצע הענט און פיס, וואָס איז געזעסן ביים שרייבטיש, האָט זיך אַ דריי געטון צוזאַמען מיט דער שטול, געבליבן זיצן מיטן פּנים צו שולצן, און זיינע קורצע פיס האָבן זיך געוואַקלט, נישט אָנגערירט די פּאָדלאָגע:

— וועל, מיסטער?

— כ׳וואָלט געוואָלט באַשטעלן אַ מצבה.

— זיצט, — האָט זילבערמאַן געוויזן אויף אַ שטול לעבן זיך — וואָס פאַר אַ מצבה וואָלט איר געוואָלט? כ׳מיין... פאַר אַן עלטערן?... ס׳ווענדט זיך, וואָס פאַר אַ שטיין איר ווילט.

— פאַר מיינעם אַ פאָטער.

דער אייגנטימער האָט אַרויסגענומען אַ קאַטאַלאָג און געוויזן שולצן פאַרשידענע מצבות. זיי זענען מושוה געוואָרן. שולץ האָט אים געגעבן צוואַנציק דאָלאַר האַנטגעלט. זילבערמאַן האָט אַרויסגענומען פון אַ הינטער־קעשענע אַ קנויל מיט פאַפּיר־געלט, צוגעוויקלט דאָס האַנט־געלט, און זיך געווענדט צו שולצן:

— זייט אַזוי גוט, מיסטער שולץ, און לאָזט איבער דעם נאָמען פון אייער פאָטער און ווען ער איז נפטר געוואָרן.

— ווער וועט דען מאַכן דעם אויפשריפט? — האָט שולץ גע־פרעגט.

— וואָס הייסט ווער? — האָט דער אייגנטימער צופרידן גע־שמייכלט — מיר דאַרפן נאָר וויסן דעם נאָמען און דעם „דייט״ (דאַטום), דאַט׳ס אָל? דעם נוסח האָבן מיר אַ פאַרטיקן! אייער פאָטער אַ כוהן געווען?

— יעס. אָבער איר פאַרשטייט, — האָט שולץ געשטאַמלט — איך וויל, עס זאָל זיין אַ שיר אויף דער מצבה...

— דאָס קענען מיר אויך, — האָט דאָס יידל נאָכלעסיק געשמייכלט — נאָר איר וועט מוזן מושוה ווערן מיט מיינעם אַ מענטשן, דאָס באַ־לאַנגט צו אים. ער איז אַ בריה אויף די זאַכן, זאָג איך אייך. ער פאַרפאַסט שירים מיטן נאָמען פון פאַרנט, אין דער מיט, ווו איר ווילט נאָר אַליין?

דער אייגנטימער האָט זיך געווענדט צו אַ מיידל, וואָס איז גע־זעסן ביי אַ שרייבמאַשין און געקלאַפּט מיט די פינגער.

— סיידע, פיר אַריין דעם דזשענטלמען צו שמחהן, האַרי אַפּ!

דער „שאַפּ״, ווו מען האָט געקריצט די מצבות, איז געווען שמאָל און לאַנג, ווי אַ קאָרידאָר אָן פענסטער. עטלעכע גוים זענען געזעסן אין די בלויזע קעפּ ביי צאַפּלדיקע גאַז־פלעמלעך און געאַרבעט. אין דער לופט איז געשטאַנען אַ ווייסער שטויב, וואָס האָט געקרעלט אין

דער נאָז און אין האַלז. די גוים האָבן יעדע ווײַלע געקוקט אויף די געפּתיבהטע פּאַפּירן, וואָס האָבן געהאָנגען פאַר זייערע אויגן, און אַז איינער פון זיי האָט אויסגעצייכנט אַן אות אויף דער מצבֿה, האָט ער דעם זעלביקן אות דורכגעשטאָכן אויפן פּאַפּיר מיט אַ שפּילקע, ער זאָל קיין טעות נישט האָבן און נאָך אַמאָל צייכענען דאָס זעלביקע.

דאָס מיידל האָט געוויזן שולצן מיט דער האַנט אויף אַ גרויען יידן מיט אַ באַוואַקסענעם קאָפּ, ווי ביי אַ חכם.

– אָט איז ער!

שולץ איז צוגעגאַנגען:

– מיסטער זילבערמאַן האָט מיך צו אייך געשיקט. כ׳וויל איר זאָלט מיר אָנשרייבן אַ שיר אויף אַ מצבה.

דער אַלטער האָט אויפגעהויבן דעם פאַרשטויבטן קאָפּ, געקוקט אויף שולצן פון אונטער די מעשענע שפּאַקולן, זיי אַרויפגערוקט אויפן שטערן און געשאַרט די יאַרמלקע הין און צוריק:

– ס׳וועט אייך קאָסטן אַ טאָלער.

– אָל-רייט, כ׳זאָל נאָר זיין צופרידן, גיב איך אייך צוויי.

דער אַלטער האָט אַרויסגענומען פון אַ בוזעם-קעשענע אַ העפט מיט אַ בלייפעדער, זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ שטיין, אַראָפּגעלאָזט די ברילן אויף דער נאָז און זיך גענומען אויספרעגן:

– ווי האָט אייער פאָטער געהייסן?

– אברהם בן יוסף הכהן.

– גוט, גוט, ס׳פּילט זיך אַ רחבות אין דעם נאָמען, – האָט דער אַלטער ווי צו זיך גערעדט – פאַראַן נעמען, וואָס ס׳ווילט זיך פון זיי גאָרנישט מאַכן... געווען אַ למדן אייער פאָטער, האַ?

– נאָ, געווען אַ פּראָסטער, ערלעכער ייד.

– מסתמא געווען אַ מכניס-אורח?

– געווען.

דער אַלטער האָט גענומען די באָרד אין דער האַנט אַריין, זיך פאַרשטעלט מיט איר דאָס מויל, פאַרקוועטשט די אויגן, זיך געמוחט און שטיל געזונגען מיט אַ ניגון פון פּיוט:

– וועט מען שרייבן אַזוי:

א–יש ישר הולך תמים
ב–לחמו סעד עניים צמים

ר–עבים השביע והרוה נפש
ה–לך בצל קורתו נפש
מ–עשהו זה לנפשו נופש
כ–עת במרום תמריא לחופש
ה–לך לעולמו בן ע״ז
נ–יניו יתאבלו מאתם גז.

אין צען מינוט צייט איז דער שיר געוואָרן פאַרטיק. דער אַלטער האָט אָפּגעזיפצט, ווי ער וואָלט אָפּגעטון אַ שווער שטיקל אַרבעט, אַרויסגענומען פון וועסטל־קעשענע אַ שקעטעלע מיט טאַבאַק, גוט פאַר־צויגן און מכבד געווען שולצן:

— נעמט אַ שמעק טאַבאַק!

ער האָט פאַרקרימט דאָס פּנים, זיך געקליבן אַ נאָס צו טון, פון פאַרדרוס, וואָס דער נאָס האָט זיך אים נישט איינגעגעבן, האָט דער מצבה־קריצער געווישט די הענט אין זיין באַפלעקטער באָרד, נאָכאַמאָל דורכ־געקוקט דאָס ליד און עס אונטערגעטראָגן שולצן:

— נו, ווי געפעלט עס אייך?

אַז שולץ האָט געלייענט, האָט שמחה איינגעבויגן אויף אַ זייט דעם גרויען קאָפּ, ער זאָל בעסער הערן, געציילט די זילבן, צוגעקלאַפּט צום טאַקט מיטן רעכטן פוס, זיך נישט געקאָנט דערוואַרטן ביז שולץ וועט ענדיקן און אים איבערגעריסן:

— מיט אַן אמת, זאָגט, וואָלט מען געקאָנט אויף אַ פראָסטן יידן זאָגן אַ בעסערן שבח, ווי איך האָב געזאָגט?

— ס׳איז גוט, זייער גוט. — האָט שולץ דעם אַלטן געדריקט די האַנט.

— כ׳ווייס, אין דער היים, — איז שמחה געוואָרן אויפגערוימטער — אַז כ׳פלעג אָנשרייבן אַ שיר, האָבן מענטשן, וואָס פאַרשטייען זיך אויף לשון, די אמתע מבינים, זאָג איך אייך, האָבן די פינגער געלעקט. פרעגט יעדן קאָוונער, וועט ער אייך זאָגן, אַז איך, שמחה דער מצבה־קריצער, האָב אָנגעשריבן אויף ר׳ יצחק אלחנגס טויט אַ שיר, האָט אַ וועלט געקלונגען דערמיט. האָט דאָרט געשטעקט אַ רעיון, פשט, וואָס פרעגט איר! וואָס ברויכט מען מער? מען האָט עס געזונגען אין יעדן הויז! און אַז אַ גביר האָט חתונה געמאַכט? ווער, מיינט איר, האָט געשריבן דעם שיר אויף דער חתונה־קאַרט? אַלץ שמחה דער מצבה־

קריצער! און אַז אַ חתן האָט געדאַרפט שיקן אַ שלח-מנות דעם שווער, צו וועמען מיינט איר איז מען געקומען? צו מיר! איז געווען אַ מחלקה אין שטאָט, האָב איך עס באַשריבן אין „המליץ". האָט אַ בחור אין שטאָט אָנגעשריבן אַ רעיון, האָט ער עס געבראַכט צו מיר, געוואָלט מיין הסכמה. אַלץ איך! האָט מען טאַקע לייכטער געמאַכט אַ קערבל, נישט געדאַרפט אַרבעטן מיטן האַמער, און דער עיקר געווען אַן אָנ-געזעענער מעטנש אין שטאָט. האָט זיך מיר אויף דער עלטער פאַרגלוסט אַמעריקע, נו, נו, זעט איר דאָך... בויגט מען די אַלטע פּלייצעס פון דער פרי ביז ביי נאַכט... אַ יידישער משורר האָט פון תמיד אָן אַ פינס-טער מזל! כ'וועל אייך פאַרטרויען אַ סוד, – איז דער אַלטער נענטער צוגעגאַנגען צו שולצן – דאָס יידישע פאָלק איז דאָס ערגסטע אויף דער וועלט. איר גלויבט נישט? נו, פרעג איך אייך, איר זענט דאָך אַ יודע ספר, וואָלט אַזאַ משורר ווי איך... כ'רים זיך נישט, איר האָט דאָך אַליין געזען, ווי לאַנג האָט מיר גענומען אָנצושרייבן דעם שיר? צען מינוט! נו, פרעג איך אייך, וואָלט אַזאַ משורר ווי איך ביי אַן אַנדער פאָלק זיך אויך אַזוי געמאַטערט, געדאַרפט האַקן שטיינער אום צו מאַכן אַ לעבן, האַ? נאָר גאָרנישט, אונזער פינסטער מזל. איך בין נישט דער איין-און-איינציקער. דער אבן-עזרא איז נאָך געווען מער קבצן פאַר מיר...

זילבערמאַן איז ברייט אַריין אין „שאַפּ" מיט די קורצע הענט אין די הויזנקעשענעס. די גוים האָבן אָנגעהויבן שנעלער צו אַרבעטן. דער אַלטער מצבה-קריצער האָט אויפגעהערט רעדן, זיך אַרומגעקוקט, ווי ער וואָלט עפּעס געזוכט, גענומען מיט אַ באַרשט אָפּרייניקן דעם שטיין און בשעת מעשה זיך געווענדט צו שולצן:

– זייט אַזוי גוט, מיסטער, און באַצאָלט, כ'מוז זיך נעמען צו דער אַרבעט.

דער אַלטער האָט אַריינגעשטעקט די צוויי דאָלאַר אין וועסטל-קעשענע, געדאַנקט, זיך אַרומגעקוקט, צי קיינער זעט נישט, גענומען קלאַפּן מיטן האַמער אין דער דלאָטע, זיך געבויגן אין דרייען, און שטיקלעך שטיין זענען געפלויגן אין אַלע זייטן, געשפּריצט דעם משורר אין פּנים אַריין, אָפּגעווייסט דעם אַזוי אויך גרויען קאָפּ, און יעדן קלאַפּ באַגלייט מיט אַ קרעכץ.

שולץ איז אַרויס אויף דער גאַס אַ צערודערטער, געטראַכט, אַז

ווען ער בלייבט ביי די שירים, וואָלט ער געהאַט אַזאַ עלטער ווי שמחה, נישט געוואָלט מער קלערן דערפון, גיכער געלאָפן אין „שאַפּ“ אַריין, און אין מוח איז אים אַלץ געקראָכן גרין, זיך געוואָלט עפּעס קלאָר מאַכן, ווי גרי און שמחה וואָלט ביי אים געווען איינס און דאָס זעל־ביקע. ביי אים איז אויסגעקומען, אַז ווען ער מאַכט התונה בעסין פאַר גרינען, הייסט עס פאַר שמחהן, און אַן אויפגערעגטער זיך אָפּגעשטעלט, ווי ער וואָלט געוואָלט אין עפּעס זיך פונאַנדערקלויבן.

ער איז געשטאַנען אויף דער באַוערי 1). אַ יונגע געזונטע פרוי, אין אַ שווערן פילצענעם הוט, צעקנעפּלטע מענערשע שיך און אין אַ ווייס־באַלאָווע קלייד, איז געשטאַנען אין מיטן גאַס אַ שכורע און פאַרטשעפּעט, ווער עס איז נאָר פאַרבייגעגאַנגען. אַ יונגער פּאָליסמאַן איז אונטערגעקומען און זי גענומען אונטערן אָרעם. די פרוי האָט זיך אַ ריס געטון און גענומען שרייען:

— דו האָסט קיין רעכט נישט, אָפיסער, איך בין נישט שכור!

דער פּאָליסמאַן האָט זי ווידער אָנגענומען, געהייסן זי זאָל מיט אים מיטגיין, האָט די פרוי זיך אַ צי אויס געטון, ווי גרויס זי איז גע־ווען, פאַרוואָרפן דאָס זיידענע קלייד איבערן קאָפּ און זיך איינגעגראָבן מיט די הענט און פיס אין רינשטאָק.

דער פּאָליסמאַן, אַ דאַרער, נישט קיין הויכער, האָט געשוויצט ווי אַ ביבער, געשטאַנען איבער דער פרוי, זי געריסן און נישט געקאָנט רירן פון אָרט. און וואָס מער מענטשן עס האָבן זיך אַרומגעשטעלט, אַלץ איינגעעקשנטער איז דער פּאָליסמאַן געוואָרן, זיך געראַנגלט מיט דער פרוי מיט אַלע כוחות, און די פרוי האָט געמאַכט אַזעלכע קולות, ווי מען וואָלט פון איר די הויט געשונדן.

צום סוף האָט דער פּאָליסמאַן, אַן אויסגעמאַטערטער, זי אָפּגע־לאָזט, אַ פאַרשעמטער זיך אַרומגעקוקט און אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויפן ערשטן מאַן, וואָס איז געשטאַנען נעבן אים:

— ביסט אַ סיטיזען (אַמעריקאַנער בירגער)?

— נאָ סער!

ער האָט זיך אַ דריי געטון, ווי ער וואָלט מורא געהאַט צו פאַר־לירן צייט און אָנגעכאַפּט אַן אַנדערן פאַר אַ האַנט:

---

1) אַ גאַס אין ניו־יאָרק.

– ביסט אַ סיטיזען?
– יעס.
– העלף מיר!

שולץ האָט געזען, ווי אַ מיטליעריקער מאַן, מיט אַ צעשראָקן פּנים, ווי בײַ אײנעם, וועמען רויבער שטעלן אָפּ אין מיטן דער נאַכט, האָט זיך אַרויסגערוקט פון עולם. דער מאַן האָט געוואָרפן בליקן אין אַלע זײַטן, אַפּנים, פון שרעק, גאָרנישט געזען און שטום געבעטן, מען זאָל אים צורו לאָזן. די שרעק פאַרן פּאָליסמאַן האָט גובר געווען, און דער מאַן האָט אָנגענומען די פּרוי, ווי דער פּאָליסמאַן האָט געהייסן. זיי האָבן זי אויפגעשטעלט, גענומען פירן איבער באַוערי אונטער דער באַגלייטונג פון אַ קאַצנמוזיק.

שולצן האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס איז פרידקין, פון נײַגעריקייט זיך דורכגעשטופּט צווישן עולם און זיי פאַרלאָפן דעם וועג.

פרידקין, דערזעענדיק שולצן, האָט פאַרוואָרפן דעם קאָפּ, ווי ער וואָלט זיך געקליבן חלשן, אים אָנגעקוקט אַ רגע, אָפּגעלאָזט די פרוי און גענומען אָפּציען. דער עולם האָט זיך געשטיקט פון געלעכטער.

שולצן האָט דערעסן די גאַנצע חבריה. ער האָט פאַר זיך געזען אַ גלײַכע ליניע – שמחה, גרין און פרידקין, און באַשלאָסן ס'זאָל אים גיין אין לעבן, וועט ער גישט דערלאָזן דעם שידוך צווישן גרינען און בעסין.

## XIII

נאָך דער סצענע בײַ זיך אין שטוב מיט זיסקינדן איז פרידקין עטלעכע טעג אַרומגעגאַנגען אַ צעטראָגענער. דאָס ערשטע מאָל האָט ער דערפילט, אַז בּיז איצט האָט דאָס אַרומיקע לעבן אים נישט אָנגערירט, תּמיד פאַרבײַגעשווומען, ווי אַ פלאַכער טײַך צווישן הויכע בּרעגעס, אים קיין מאָל נישט פאַרטשעפעט און אויף אים קיין שפּור נישט געלאָזט. אים האָט בּאַנג געטון, וואָס ער האָט געפּטרט מער ווי אַ האַלבן לעבן מיט גאָרנישט, טראַכטנדיק תּמיד, ווי זיך בּלויז אויסערלעך צו פאַרבּעסערן און בּאַקוועמער מאַכן דאָס לעבן. עטלעכע טעג איז ער אַרומגעגאַנגען ווי אַ נעכטיקער, און וואָס ער האָט דעמאָלט נישט געטון, אָדער געטראַכט — אין אַלעם האָט ער בּלויז געזען עוולות. די קינדער אין סקול האָבּן זיך איבּערגעקוקט, נישט פאַרשטאַנען, וואָס מיט פרידקינען איז געוואָרן. ער איז זיך בּאַגאַנגען מיט זײַ העפלעך, ווי מיט דערוואַקסענע מענטשן, זענען די קינדער טאַקע געזעסן רויִקער. און אַז פרידקין האָט פונאַנדערגעלאָזט דעם קלאַס, האָט ער ס׳ערשטע מאָל אין יאָרן זיך נישט געפילט אויסגעמאַטערט, אַ פרישער אַראָפּ פון די טרעפּ, אַן אויפגערוימטער זיך בּאַגריסט מיט די לערערס און זיך געטראַכט, אַז ער איז שוין אויפן וועג פון אַ נײַעם לעבן.

פרידקין האָט זיך געשאַפט אַ „בּרית-חדשה", אָפּגעזעסן בּײַ זיך אַ שטיק אין דער נאַכט און געלייענט מיט התמדה. אַזוי זענען דורך עטלעכע טעג. זייער אָפּט זיצנדיק איבּערן „בּרית-חדשה", האָט ער מעכאַניש געזאָגט די ווערטער, נישט וויסנדיק דעם אינהאַלט, און אין קאָפּ זענען אים געקראָכן בּייזע מחשבות וועגן אַ יידישן פּויפּסט, וועגן

יידישע קאַרדינאַלן, וועגן דעם מיסיאָנער זיסקינד. ער האָט זיך אָפּט געזען אויפן פויפּסטס גאָלדענעם שטול, געוווסט בשעת מעשה, אַז ס'איז אַן אוממעגלעכע זאַך, און פונדעסטוועגן הנאה געהאַט אויפצונעמען יידישע דעפּוטאַציעס וועגן עלילת-דם, אַרויסגעלאָזט „בולעס" צו אַלע פעלקער, אַז עלילת-דם איז אַ מיאוסער בלבול אויף יידן. און יעדעס מאָל, ווען ער איז צוגעקומען צום עלילת-דם, איז אים תמיד אויפן זינען געקומען כוואָלסאָן, און פון אַ פויפּסט איז ער געוואָרן אַ פּראָפעסאָר, דוקא אין קייזערלעכן הויף און געהאַט איין עובדה – ווייזן דער וועלט דאָס גרויסקייט פון יידן. דער „ברית-חדשה" איז אים גיך דערעסן, דערצו איז שושנה ביי אים געווען כמעט יעדן אָוונט, נישט געלאָזט טראַכטן, און ביסלעכווייז איז אים די מעשה מיט זיסקינדן אַרויס פון קאָפּ. שושנהס וויזיטן האָבן אים אויך אָנגעהויבן ווערן דערווידער, און ער האָט געקלערט ווי ר'נאָך פּטור צו ווערן פון איר. פּונקט דעמאָלט האָט אים דער סעקרעטאַר פון סקיל איבערגעגעבן דעם בריוו, ער זאָל זיך זוכן אַן אַנדער שטעל. דער בריוו האָט אים אינגאַנצן צעטומלט, אַרויסגעשלאָגן ביי אים אַלץ פון קאָפּ, און פרידקין האָט געהאַלטן אין איין טראַכטן וועגן אַ תכלית, געקלערט ווי ר'נאָך זיך צוצושלאָגן צו עפּעס. ער האָט געזוכט פּראָטעקציע ביים סעקרעטאַר, געגעבן אָנצוהערן, אַז ער איז גרייט צו יעדער צייט חתונה צו האָבן מיט זיין טאָכטער, געשריבן פּאַסקווילן אויף גרינען, אַז ער איז אַ מחלל-שבת – קיין זאַך האָט נישט געהאָלפן. און וואָס נעענטער די צייט האָט זיך אונטערגערוקט, ער זאָל פאַרלאָזן די שטעל, אַלץ דערשלאָגענער איז ער געוואָרן. ער האָט זיך אַרומגעזען, אַז ער האָט קיינעם נישט אין דעם גרויסן ניו-יאָרק, האָט צומאָל נישט פאַר וועמען ס'האַרץ זיך אָפּצוקלאָגן, ער איז פרעמד, ווי ער וואָלט איצט נעכטן אַראָפּ פון דער שיף.

און דאָ שטייט שושנה מיט אויסגעשפּרייטע הענט, ווייל אים, ווי ער איז, איז אים עפּעס וואַרעמער געוואָרן פון בלויזן געדאַנק. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז זי איז אַ שניידערין, קאָן עפענען אַן אייגן פּלאַץ. און ס'זאָל אַוועקגיין — איז ער אַ פאַרזאָרגטער. און יעדעס מאָל, ווען אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער דאַרף נאָר איבעררייסן די באַציונגען צווישן אים און שושנהן, קריגט ער גלייך אַ בעסערן שידוך, איז זי, זוי אויף צו להכעיס, יעדעס מאָל געקומען אין אַלץ לייכטערע, דורכויכטיקערע קליידער, אים זעלטן צוגעלאָזט צו זיך און געשפּילט זיך

מיט אים, ווי אַ קעצל מיט אַ קנויל באַוול. און וואָס מער זי האָט אים גערייצט, אַלץ שטאַרקער האָט ער פון איר געוואָלט פטור ווערן און אין דער זעלביקער צייט שוין גאָרנישט געקאָנט טון עטלעכע שעה איידער זי האָט געדאַרפט קומען, געשפּרייזט איבערן צימער אַן אויס־געפּוצטער.

---

שושנה איז אַריינגעקומען און זיך נישט באַגריסט. זי איז געבליבן זיצן אין הוט און ווי אַ שולדיקע, אומבאַהאָלפענע האָט זי געקוקט אויף דער פּאָדלאָגע און געשוויגן.

– וואָס איז דער מער, שושנה? – האָט פרידקין זי געפרעגט.

זי האָט אַ קוק געטון אויף אים מיט פאַרלאָפענע אויגן, געמאַכט אַ ליפּ, ווי זי וואָלט געהאַלטן ביים פונאַנדערוויינען זיך, זיך איינגע־ביסן מיט די ווייסע ציין אין דער אונטערשטער ליפּ און געבליבן זיצן אין דער זעלביקער פּאָזע וואָס פריער.

— שושנה, זאָג, וואָס איז? – איז פרידקין צוגעגאַנגען צו איר און זי אָנגערירט מיט דער האַנט פאַרן אַקסל. – ס'האָט דיך עמעצער באַ־ליידיקט?

– גאָרנישט, לאָז מיך צופרידן. – האָט זי זיך אַ דריי געטון, ווי זי וואָלט געוואָלט אַראָפּשאָקלען פון זיך זיין האַנט, און זיך שטיל פונאַנדערגעוויינט.

– וואָס איז, שושנה? — האָט פרידקין זיך אָנגעהויבן בעטן ביי איר – וואָס וויינסטו? מיר דאַרפסטו זאָגן, איך בין דיר נישט קיין פרעמדער! ס'האָט דיך עמעצער באַליידיקט? וואָס שווייגסטו?

זי האָט אויפגעהויבן די אויגן, זיי אָפּגעווישט, געעפנט ס'מויל און זיך נאָך שטאַרקער פאַרגאַנגען. פרידקין האָט איר גענומען קושן די הענט, נישט געוווסט, וואָס ער רעדט:

– שושנה, וואָס וויינסטו? כ'בעט דיך, דערצייל מיר! נו, שושנה?

– איך קאָן נישט. – האָט זי שטיל אַרויסגערעדט.

– וועסט מיר אויף מיין וואָרט דערציילן! - האָט פרידקין זי גע־

האַלטן אין איין קושן. – פאַר מיר דאַרפסטו זיך נישט שעמען! וואָס אַ פרעמדער בין איך דיר?

שושנה האָט אַ שלוקערץ געטון, זיך אָנגעכאַפּט מיט אַ האַנט פאַרן האַרצן און פאַרוואָרפן דעם קאָפּ, ווי זי וואָלט געהאַלטן ביים חלשן.

– אַ ביסל וואַסער? – איז פרידקין אויפגעשפרונגען.

זי האָט אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ אויף יאָ. פרידקין האָט אַריינגעבראַכט אַ גלאָז וואַסער, באַשפריצט איר ס׳פּנים, איר אַריינגעגאָסן אַ ביסל אין מויל אַריין און זי אויסגעצויגן אויפן בעטל. זי איז געקומען צו זיך, אים געוויזן מיט דער האַנט, ער זאָל זיך זעצן לעבן איר, און געבעטן, ער זאָל איר עטוואָס לויז מאַכן דעם קאָרסעט. פרידקין האָט פונאַנדערגעקנעפּלט דעם קאָרסעט, איר אונטערגעלייגט נאָך אַ קישן צוקאָפּנס און זיך געבעטן ביי איר, זי זאָל זיך באַרויקן. שושנה האָט זיך מיטאַמאָל אויפגעזעצט, אַראָפּ פון בעטל, זיך צוריקגעזעצט אויף דער וויגשטול און, נישט קוקנדיק אויף פרידקינען, האָט זי קוים אַרויסגעזאָגט:

– כ׳טראָג.

– וואָס? – האָט פרידקין געעפנט אַ פּאָר אויגן, ווי אַ קאַלב צו דער שחיטה.

– וואָס דו הערסט. — האָט שושנה ווידער אָנגעהויבן וויינען.

– פון וואַן ביסטו אַזוי זיכער? – איז פרידקין נעבעך צוגעגאַנגען.

זי האָט נישט געענטפערט, פאַרשטעלט ס׳פּנים מיט ביידע הענט און זיך צעכליפּעט.

דאָס מאָל האָט פרידקין פאַרקוועטשט די ליפּן, איינגעצויגן די טעמפּע געמבע, גאָרנישט געענטפערט און געגומען שפּרייזן איבערן צימער. טויזנטער געדאַנקען זענען ביי אים דורך אין איין רגע אין קאָפּ. קיין איינער פון די געדאַנקען זענען ביי אים נישט געבליבן, זיך פונאַנדערגעפלויגן, און ער האָט מיטאַמאָל דערפילט אַזאַ פּוסטקייט, אַז ס׳איז אים אַזש הויל געוואָרן ביים האַרצן. ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן בעטל, זי אָנגעקוקט אַ ווײַלע מיט פאַרשלאָפענע אויגן, ווי ער וואָלט נאָרוואָס אויפגעקומען, און זי איבערגעפרעגט:

– טראָגסט? — און זיך צעשמייכלט.

— גלויבסט נישט! — האָבן די נאָז-פליגל ביי איר געציטערט, און פון די אויגן האָבן זיך געגאָסן טרערן. — ווו וועל איך זיך איצט אהינטון? וואָס האָסטו פון מיר געוואָלט?

— כ׳ווייס נישט וואָס דו ווייסט? — — איז ער מיטאַמאָל צו איר צוגעגאַנגען — דו זאָגסט, ס׳איז פון מיר?

— פון וועמען דען? — האָט זי זיך אַ שטעל אויף געטון מיט אַ פּאָר ווילדע אויגן, ווי ביי אַ סאַמקע, ווען זי פאַרטיידיקט די קינדער.

— איך גלויב דיר, כ׳גלויב דיר, — האָט פרידקין צעשראָקן געשטאַמלט — נו וואָס ווייסטו? ס׳איז מיין קינד, זאָגסטו? גוט! גוט!

שושנה האָט געמאַכט עטלעכע טריט צו פרידקינען, אים אַ ווילדע אָנגעקוקט, ווי זי וואָלט זיך געקליבן עפּעס זאָגן, אַ דערשלאָגענע אַרויפגעלייגט ביידע הענט אויף זיינע אַקסלען, אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אָן זיין ברוסט און זיך שטיל צעוויינט. פרידקין האָט זי צוגעפירט צום בעטל, זיך אַוועקגעזעצט מיט איר און זי גענומען באַרויקן:

— כ׳בעט דיך, שושנה, באַרויק זיך! ס׳וויינען וועט דאָך דיר גאָרנישט העלפן! נו, שושנה?

זי האָט זיך גענומען ווישן די אויגן. געבליבן זיצן אָנגעשפּאַרט אָן פרידקינס אַקסל ווי פריער, אויסגעמיטן צו באַגעגענען זיך מיט זיין בליק און געשוויגן.

פרידקין איז געזעסן אַ פאַרלוירענער. דאָס חתונה האָבן, וועגן וועלכן ער האָט אַזוי אָפט געטראַכט, איז איצט ביי אים פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שטריק, וואָס אַ פאַרבאָרגענע האַנט האָט פאַרוואָרפן אַרום זיין האַלז און יעדע מינוט גרייט געווען אים צו דערשטיקן. ער האָט געקוקט אויף שושנהן, געזען איר פּראָפיל מיט די דינע שוואַרצע הערעלעך אַרום דער באַק, וואָס האָבן זיך אַזש געבויגן פון דינקייט, געפילט די הייסע פאַרע פון אירע נאָזלעכער, און ער האָט אויפגעשוידערט. ער האָט נישט באַגריפן, וואָס מען וויל פון אים, בלויז געפילט, ווי עס ווערט אים ענג, קאָן נישט עטעמען, זיך דערמאָנט, ווי ער האָט געהאָלפן דעם פאָליסמאַן שלעפּן די דאַמע אין באַלאָון קלייד, גרייט געווען אַלץ אַוועקצוגעבן, אַבי מען זאָל אים באַפרייען פון איר.

— וואָס שווייגסטו? — האָט שושנה מיטן אינסטינקט פון אַ פרוי איבערגעריסן די שטילקייט און זיך גענומען טוליען צו אים.

— וואָס זאָל איך זאָגן ? — האָט פרידקין אומבאַהאָלפן אַ צופּ געטון מיט אַן אַקסל.

— כ׳זע, אַז דו לײדסט, — האָט זי אַרײנגעלאָזט אַ האַנט מיט צעשפּרײטע פינגער אין זײנע שיטערע האָר, עטוואָס אײנגעצויגן דעם שטערן, ווי זי וואָלט געקלערט וואָס צו זאָגן — ווײסט, אַ מאַן לײדט שענער פון אַ פרוי, רויקער, אמת-טראַגיש. בײ אַ פרוי — איז עס מעלאָדראַמאַטיש. ווײסט, כ׳האָב פײנט צופרידענע, זאַטע מענער מיט אויסגעפּולטע פּנימער... אַ מאַן, וואָס לויפט נאָך פרויען, אַ „דאַמען-פאַרערער", האָב איך נישט ליב, דאָס איז קײן מאַן נישט... כ׳מײן נישט, אַז אַ מאַן דאַרף זײן גלײכגילטיק צו פרויען, נײן, אַ מאַן אָבער, וואָס זײן עובדה איז צו ווײלן מײדלעך, פּטרן טעג און נעכט צוליב אַ קוש, איז בײ מיר ערגער ווי אַ מאַן אַ געמבלער! [1] — און איך זאָג דיר, — האָט שושנה אַרומגענומען פרידקינען אַרום האַלז מיט אירע נאַקעטע הענט — אַז מיר וועלן האָבן אַ באַקוועמע הײם און דער עיקר וויפיל דו וועסט פאַרדינען, וועט זײן גוט! אויב וועסט מאַכן צען טאָלער אַ וואָך, וועט מען לעבן פאַר צען. מאַכסט דען מער?

— געוויס, — האָט פרידקין זיך אָנגערופן, געפילט אַז איצט האָבן זײ זיך געביטן מיט די ראָלן — אין סקול אַלײן האָב איך זעכצן דאָלאַר אַ וואָך. איצט לעסאָנס, בר-מצוות, כ׳קאָן מאַכן אַ פינף און צוואַנציקער!

— וועלן מיר טאַקע שפּאָרן, — איז שושנה געוואָרן אויפגערוימט — ס׳קומט צונוץ... כ׳האָב אויך ליגן אַ פּאָר טאָלער...

זײ האָבן זיך אַ ווײלע אָנגעקוקט, זיך צעלאַכט. שושנה האָט אים אויסגעקושט בײדע אויגן, אים געגלעט מיט די ליפּן איבערן אויער און שטיל אײנגערוימט:

— מאָרגן וועלן מיר גײן זען צימערן, גוט? וועסט זען, ווי רײן כ׳וועל האַלטן, אַז ס׳וועט שמעקן פון יעדן ווינקעלע! ווען דו ווײסט, ווי גוט כ׳קאָן קאָכן? באַקן אויך! מיר וועלן נישט מאַכן קײן אָפיציעלע חתונה, — האָט זי זיך געפּיעשטשעט — צו וואָס פּטרן געלט? אַ שאָד! מיר וועלן אַרײנגײן צו אַ רב און שטעלן אַ חופּה. האַ, וואָס זאָגסטו?

1) קאָרטן-שפּילער.

— אָל־רייט, — האָט פרידקין געענטפערט, געפילט בשעת־מעשה, ווי דער פאַרוואָרפענער שטריק ציט אים אַלץ מער צונויף דעם האַלז, און צום לעצטן מאָל זיך פּרובירט צו ווערן — שושנה, פון וואַן ביסטו אַזוי זיכער? כ׳מיין, פון וואַן ווייסטו, אַז...

— אַז וואָס?

כ׳מיין, — האָט פרידקין געשטאַמלט — פון וואַן ווייסטו, אַז... האָסט געפרעגט אַ דאָקטאָר? — כ׳מיין, ביסט טאַקע זיכער, אַז דו שוואַנגערסט?

— וואָס בין איך עפּעס אַ מיידעלע? — האָט שושנה זיך געפילט באַליידיקט — רעדסט, זאָלסט מיר אַנטשולדיקן, ווי אַ... פאַרוואָס זאָל איך נישט וויסן? און כ׳וועל דיר זאָגן דעם אמת: די ערשטע מינוט האָב איך זיך געפילט אומגליקלעך, איצט בין איך צופרידן. אַז מען האָט ליב אַ מאַן, דאַרף מען וועלן פון אים האָבן אַ קינד!

פרידקין האָט גאָרנישט געענטפערט, אָנגעשפאַרט די עלנבויגנס אָן די קניען, איינגערעמט דעם קאָפּ אין די הענט און אַ טאַר־צווייפלטער, ווי אַן אומגליק וואָלט אים געשען, געקוקט אין איין פונקט.

שושנה האָט אָפּגענומען פרידקינס אַ האַנט, זי געגלעט, זיך געטוליעט צו אים, אינסטינקטיוו געפילט, אַז מען טאָר איצט נישט זיין פריילעך, דער לייכטסטער פלירט וועט אים נאָך מער דערשלאָגן, האָט זי געשוויגן אַ ווײַלע, געמאַכט די שטימונג שווערער, דערנאָך טיף אָפּגעזיפצט און אָנגעהויבן:

— ווייסט, ס׳איז אַ מיאוסע וועלט! אַז כ׳טו אַ טראַכט, האָב איך דאָך נישט געהאַט קיין איין גליקלעכע מינוט אין מיין לעבן!

זי האָט אים אַ ווײַלע אָנגעקוקט, צוגעלייגט זיך זיין האַנט דאָ צו דער רעכטער, דאָ צו דער לינקער באַק, זי אַרויסגעלאָזט און געוואָרן נאָך ערנסטער:

— אַז כ׳בין קיין מאָל קיין קינד נישט געווען! צו פינף יאָר, נאָך מיין מוטערס טויט, האָב איך געדאַרפט האָדעווען צוויי קליינע שוועסטערלעך. כ׳האָב זיי געוואַשן, געקעמט, געהיט די שטוב, און אַז איינע פון די שוועסטערלעך איז געפאַלן און זיך צעקלאַפּט, האָט מען מיך געשלאָגן. דער טאַטע איז געווען אַ בייזער ייד, אַ שלעכ־

טער, כ׳האָב פון אים קיין מאָל קיין גוט וואָרט נישט געהערט. כ׳געדענק, ווי היינט, — האָט שושנה ווידער גענומען פרידקינען פאַר אַ האַנט — כ׳בין דעמאָלט אַלט געווען אַ יאָר זיבן, מען האָט מיר געמאַכט אַ נייִ קליידל אויף פסח, און באַלד דעם ערשטן טאָג, ווי כ׳האָב עס אָנגעטון, אַרויס אויפן הויף, האָב איך זיך פאַרטשעפּעט אָן אַ טשוואָק, און געמאַכט אַ גוואַלט-ריס. האָט דער טאַטע מיך דעמאָלט געשלאָגן! אוי, האָב איך אים דעמאָלט פיינט געהאַט! שפּעטער האָב איך דורכגעמאַכט אַ פּאָגראָם, געלעגן פאַרשפּאַרט איבער אַ מעת-לעת אויף אַ בוידעם. וואָס ווייסטו? דערנאָך די רייזע נאָך ארץ ישראל מיט אַ פּאַרטיע יתומים... כ׳האָב שוין אַ ביסל דורכגעמאַכט!

— אָ, קומסט דאָך פון קעשינעוו, — האָט פרידקין זיך אָנגערופן.

— יעס, כ׳האָב דורכגעמאַכט דעם ערשטן קעשינעווער פּאָגראָם, — האָט שושנה אַ בליק געטון מיט די אויגן און ס׳האָט זיך געפילט, אַז זי דערציילט שוין די געשיכטע צום הונדערטן מאָל, פילט, אַז זי נעמט מיט איר אויס — כ׳בין געלעגן אויף אַ בוידעם, קיין פּיפּס נישט געטון און געגנאָגט אַ פינגער. און אַז ס׳האָט מיך אָנגעהויבן שטאַרקער צו הונגערן, האָב איך אַרויסגעלאָזט דעם פינגער פון מויל און אַריינגענומען אַן אַנדערן. און ווייסט לאַכן, יעדעס מאָל, ווען כ׳האָב אַריינגענומען אַן אַנדער פינגער, האָב איך געפילט לייכטער! מיין טאַטע איז געזעסן אין אַ בונד שטרוי, יעדע ווילע אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ און געקוקט וואָס איך טו און מיך געטרייסט, אַז מען וועט באַלד אונז אַרויפשיקן עסן. מאָדנע, תּמיד ווען דער טאַטע קומט מיר אויפן זינען, דערמאָן איך זיך, וואָס פאַראַ אויגן ער האָט דעמאָלט געהאַט. גרויסע, צעשראָקענע, ווי ביי אַ משוגענעם. צומיינסטן האָט מיך געאַרט, פאַרוואָס ער טענהט זיך מיט מיר אויס, ווי כ׳וואָלט איבער נאַכט אויסגעוואַקסן, געוואָרן אַן אמתע מאַמע. און אַז דער טאַטע האָט גענומען גיין איבערן בוידעם, האָט מיך יעדעס מאָל אַ גרויל אַרומגענומען, ווי נישט דער טאַטע וואָלט געגאַנגען, נאָר דער בונד שטרוי, און פון היימלעכקייט וועגן האָב איך אים יעדעס מאָל גערופן, געוואָלט זיך איבערצייגן, צי איז ער טאַקע ער.

זי איז אַנטשוויגן געוואָרן, זיך אויסגעווישט די פאַרלאָפּענע אויגן און זיך פאַרטראַכט.

— און וואָס איז געווען דער סוף? — איז פרידקין געוואָרן ביי־גיריק.

— וואָס פרעגסטו! — האָט זי אָפּגעזיפצט. — פאַרטאָג, מיר האָבן זיך געקליבן אַראָפּצוגיין, זענען עטלעכע כוליגאַנעס אַרויף אויפן בוידעם, אַלץ צעוואָרפן, און איינער האָט פאַרבייגייענדיק אַריינגע־שטעקט אַ האַנט אין דעם בונד שטרוי און גענומען אַרויס שלעפּן דעם טאַטן.

— כ׳וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן, ווי ער האָט דעמאָלט אויס־געזען! דאָס בערדל איז ביי אים געוואָרן אַזוי שיטער, אַז מען האָט געקאָנט איבערציילן יעדע האָר באַזונדער. ער האָט אויסגעמיטן צו קוקן אויף מיר, אָפּנים, זיך געשעמט, און מיט אַ פּאָר גרויסע אויגן האָט ער זיך אַ וואָרף געטון די גוים צו די פיס, זיי אַרומגעכאַפּט, גענומען קושן און זיך צעווייגט מיט אַזאַ פרעמד שטעכיק קול, אַז מיר זענען נאָדלען דורך איבערן גאַנצן לייב... כ׳האָב זיך נאָך שטאַרקער איינגעטוליעט, פאַרקוועטשט די אויגן און זיך מיטאַמאָל שטאַרק פּיינט געקראָגן, פאַרוואָס איך וואַרף זיך נישט אויף די גוים, בייס נישט עמעצן אָפּ אַ פינגער... כ׳האָב דאַכט זיך שטאַרק צוגע־קוועטשט די אויגן און פונדעסטוועגן האָב איך געזען, ווי די גוים האָבן אים באַזוכט, צוגענומען, וואָס ער האָט נאָר געהאַט ביי זיך. אַ יונגער שייגעץ האָט אים אַ זעץ געטון אין פּנים אַריין, איז ער געפאַלן אויף די קני און זיך באַגאָסן מיט בלוט. כ׳האָב געפילט, ווי אַלץ אין מיר פלאַצט, ווייל מיך וואַרפן אויפן שייגעץ. כ׳האָב זיך געביסן די פינגער, זיך אויסגעקנייפּט שטיקער פלייש, פאַרוואָס כ׳לאָז שלאָגן אַ טאַטן, און געפילט, אַז גלייך ווי כ׳וועל זיך אויפשטעלן, וועט מיך עמעצער אָפּמעסטן מיט אַ דראָנג איבערן קאָפּ...

— דערווייל האָבן זיי דעם טאַטן געהאַלטן אין איין שלאָגן, צעריסן די קליידער אויף אים, געוואָלט וויסן, ווו ער האָט באַהאַלטן דאָס געלט, ער האָט בלויז געקרעכצט און זיך נישט אויפגעהערט צו בעטן ביי זיי, געקושט די הענט, וואָס האָבן אים געשלאָגן, געקושט די פיס, וואָס האָבן אים געטראָטן, און מיטאַמאָל זיך פונאַנדערגעוויינט;

— רייזעלע, רייזעלע! זיי וועלן מיך דערהרגענען! טאָכטער מיינע, זיי וועלן דערהרגענען דיין טאַטן...

— ס׳ערשטע מאָל האָב איך געהערט, ווי מיין טאַטע, פאַר וועמען כ׳האָב תּמיד געציטערט, וויינט און בעט, אַז איך, זיין אַכט יעריקע טאָכטער, זאָל אים ראַטעווען. כ׳האָב געשלונגען הייסע טרערן, זיך איינגעביסן אין מיין רעכטער האַנט ביז צום בלוט, פאַרוואָס איך הויב זיך נישט פון אָרט, און די שרעק, אַז מען וועט מיך אָפּמעסטן מיט אַ דראָנג איבערן קאָפּ, האָט מיך צוגעשמידט און איך האָב זיך קיין ריר נישט געטון.

— דערווייל האָט אַ יונגער פויער אָנגענומען מיין טאַטן פאַרן שיטערן בערדל און אים גענומען אַראָפּפירן פון בוידעם. דער טאַטע, אַ פאַרבלוטיקטער מיט קיילעכדיקע גרויסע אויגן, האָט געקוקט אַזוי אומבאַהאָלפן, אַז איך האָב אַ קוויטש געטון, פאַרגעסן, אַז כ׳קאָן דערהרגעט ווערן, מער נישט געקאָנט זען, ווי מען באַליידיקט מיין טאַטן. מיט איין שפּרונג האָב איך זיך אַ וואָרף געטון אויף מיין טאַטן, זיך איינגעפּלאָנטערט אין אים מיט הענט און פיס און געשריען:

— טאַטע, גיי נישט! טאַטע!

— איך האָב דערפילט, ווי אַ פּאָר שטאַרקע הענט נעמען מיך אַרום, הויבן מיך און מיט פונקן פאַר די אויגן בין איך געפלויגן אויף דער שטיינערנער פּאָדלאָגע...

בשעת שושנה האָט דערציילט, האָט פרידקין איר געקוקט אין די אויגן אַריין, געוואָרן מיטגעריסן מיט דער מעשה און געפילט, ווי זי וואַקסט ביי אים ביסלעכווייז אויס אין די אויגן. אַלע שווערקייטן, וואָס דאָס פאַרהייראַטע לעבן ברענגט מיט זיך מיט, האָט ער איצט דורכגעלאָזט דורך די פינגער און זיך געוווּנדערט, פאַרוואָס ער האָט ביז איצט זיך אַזוי געשראָקן חתונה צו האָבן. ער האָט אַלץ גענומען זען אין העלע קאָלירן, נישט געוואָלט טראַכטן, געוווּסט, אַז אַנדערע האָבן נאָך ווייניקער פּרנסה געהאַט פאַר אים, פונדעסטוועגן לעבן זיי מיט ווייבער, האָבן קינדער.

פרידקין איז געוואָרן גוט אויפגעלייגט, געמאַכט שושנהן קאָמפּלימענטן, געלאַכט און כאָטש ער האָט נישט געוואָלט טראַכטן, האָט פונדעסטוועגן, פון זיך אַליין, ביי אים זיך געפּלאָנטערט, וואָס פאַרא

געריכטן זי וועט אים קאָכן, וואָס פאַרא מעבל זי וועט קויפן. אים האָט זיך עפּעס נישט געגלויבט, אַז ער גייט ווערן אַ טאַטע און אַזוי לייכט! וואָס איז דער אונטערשיד פון היינט ביז נעכטן, ווען ער איז נאָך געווען אַ בחור? נישט איין נאַכט איז ער אויף געווען, געלעגן אין בעטל און פאַנטאַזירט, ווי זיין חתונה וועט צוגיין, און דאָ, מיטאַמאָל, איז צו אים געקומען אַ מיידל און אים פאַרטרויט, אַז ער האָט שוין חתונה געהאַט, אַז אין גיכן וועט ער ווערן אַ טאַטע. ער האָט געקוקט אויף שושנהן, באַטראַכט אירע צעפּאַטלטע האָר, די שוואַרצע אויגן, געוואָלט געפינען עפּעס ענלעכעס צו זיך און כאָטש עס איז צווישן זיי קיין ענלעכקייט נישט געווען, האָט ער פונדעסט־וועגן אויסגעפונען, אַז אין איר פּנים שפּיגלט זיך אָפּ עפּעס פון אים, ווען ער קוקט איר אַ לענגערע צייט אין די אויגן.

שפּעט אין דער נאַכט האָט ער זי אָפּגעפירט. ער איז געווען גליקלעך, אָפּגעמאַכט מאָרגן צו גיין זען אַ דירה און איבערמאָרגן צו נעמען חופּה וקדושין.

אַז שושנה איז אַריין אין דעם הויז, וווּ זי האָט געוווינט, איז פרידקין נאָך שטיין געבליבן. ער האָט זיך איינגעהערט, ווי זי גייט איבער די טרעפּ, רוט זיך אָפּ מיט אַ זיפץ אויף יעדן שטאָק, גע־הערט ווי זי שליסט אַ טיר, פאַרמאַכט, און ס׳איז מיטאַמאָל שטיל גע־וואָרן. ער איז נאָך געשטאַנען אַ ווײַלע, מקנא געווען שושנהן, וואָס זי קאָן גלייך אַריין אין בעט און אַ מידער זיך גענומען שלעפּן אַהיים.

דאָס שטילקייט פון די גאַסן, די איינגעקאָרטשעטע מענטשן, וואָס האָבן זיך דאָ און דאָרט געאײַלט, פאַרשווונדן אין די פינסטע־רע הייזער, אַלץ האָט געווירקט אויף פרידקינען, און זיין גוטע שטימונג איז ביסלעכווייז פון אים אַוועק.

פון אַ זײַטיקער גאַס איז אים עמעצער אַנטקעגן געקומען. דער פרעמדער, אַ הויך געוויקסיקער, איז געגאַנגען מיט פעסטע טריט און געמאַכט מיט די הענט, ווי מיט פליגלען. פרידקין האָט אינ־סטינקטיוו, פון זיכערקייט וועגן, שוין געוואָלט אַריבערגיין אויפן צווייטן טראָטואַר, זיך דערמאָנט אַז ער גייט חתונה האָבן, נעמט זיך אונטער צו באַשיצן אַ ווייב, האָט ער זיך געמאַכט קוראַזש, גענומען

גיין אויפן פרעמדן און געציטערט. ער האָט געשטעלט נאָך עטלעכע טריט, נישט אויסגעהאַלטן און שוין גענומען אַראָפּגיין פון טראָטואַר, ווי ס'איז אים מיטאַמאָל לייכטער געוואָרן און ער האָט זיך אויפגעהערט צו שרעקן — דער פרעמדער האָט געטראָגן ברילן.

## XIV

צייט גרין איז אַוועק פון דער „היברו“, האָט ער גאַנצע טעג זיך גענומען אַרומשלעפּן איבערן „ווילעדזש“, געגאַנגען פון איין „קנייפּע“ אין דער צווייטער, זיך איינגעהערט ווי מענטשן רעדן, געשלאָפן ביז אַ שטיק נאָך מיטאָג און געפילט, ווי אונטער אים שאָקלט זיך עפּעס, קנאַקט, געוועזן זיכער, אַז היינט, מאָרגן וועט אַלץ פון אונטער זיינע פיס אַפערשווימען און ער וועט בלייבן אין דער לופטן. ער האָט געהאַט פאַרדרוס, צו וואָס ער גייט אין „ווילעדזש“, געזען ווי מענטשן קאָכן זיך, האַלטן אין איין איבערקייען זאַכן, וואָס מען האָט שוין אין איראָפּע לאַנג פאַרדייט, זענען גרייט זיך צו שלאָגן איבער קליינ־קייטן, וואָס גייען קיינעם נישט אָן. ער האָט געזען, ווי אַ באַקאַנטער איז געשטאַנען אַרומגערינגלט מיט מענטשן, עפּעס פאַרטיידיקט מיט שוים אויפן מויל, האָט גרין אַרויפגעלייגט אויף אים אַ האַנט, אים אָפּגעפירט אָן אַ זייט און געפרעגט:

— מה רעש?

דער באַקאַנטער האָט געעפנט אַ פּאָר אויגן, פאַרלוירן אַ צוק געטון מיט די אַקסלען, ווי ס׳וואָלט אים מיטאַמאָל קשה געוואָרן — צו וואָס טאַקע קאָכט ער זיך?

גרינען איז איינגעפאַלן, אַז אַלע אַרום די טישלעך זענען היפּ־נאָטיזירט. בערג מיט שמות, פאַרשימלטע בלעטער, האַלב אָפּגעריבענע, האַלב צעריסענע ביכער ליגן איבער אַלעמענס קעפּ, מאַכן טוכלע די

לופט, שלעפערן איין, און ווי און וואָס די אָפּגעריבענע שמות ווילן, אַזוי האַנדלען די מענטשן. ער האָט געפילט, אַז מ׳דאַרף זיך באַפרייען פון די שמות, מ׳דאַרף אַלץ צעשטערן, ווערן דער באַלעבאָס איבער זיך, און אין דער זעלביקער צייט איז ער יעדן אָוונט געגאַנגען פון אַ טישל צו אַ טישל, מיטגעשלעפּט געוואָרן, ווי מען ווערט מיטגעריסן נאָך אַ מאַסע מענטשן, וואָס באַוועגט זיך מיטאַמאָל אין גאַס.

טיף אין דער נשמה האָט זיך עפּעס געבלעזלט ביי אים, עפּעס מטושטשעס, אָן ווערטער, און ער האָט זיך בלויז געחדושט, ווי ר׳נאָך האָט ער ביז איצט געקאָנט גלויבן, אַז די ישועה וועט קומען פון די פאָלקס־שולן? און אַז אַ ייִנגל וועט שוין זינגען „מה קא משמע לן, דער רעגן״, טאָ וואָס פאַר אַ באַטרעף האָט עס? אַ טראַגעדיע איבער אַ פּאָר צעריסענע שיך! לאָז דער ישיבה־בחור ווערן אַ וואַסערטרעגער, אָדער ווייסט איר גאָר וואָס? מיר זענען דאָך בני־רחמנים, וועלן מיר זיך צונויפלייגן, אים קויפן אַ פּאָר שיך און אויס טראַגעדיע! מיט אַזאַ באַגאַזש קאָן מען אפילו קיין איין טריט נישט שטעלן, דער קלענסטער הויך איז גענוג ער זאָל דאָס ביסל אָרעמקייט צעבלאָזן... הייסט עס, אַז וואַקסמאַן איז גערעכט? ניין, טויזנט מאָל ניין! ער, גרין, מעג אָפּלאַכן, מעג אפילו שמייסן, ווייל ער האָט געוויטיקט, ווייל טויזנטער פעדים בינדן אים צונויף מיט די „ווינטמילן״, וועלן מסתמא אים קיינמאָל נישט לאָזן אַרויספּלאָנטערן זיך און אויב ער וועט איבערשניידן די פעדים, וועט ער איצט פאַרגיין אין בלוט, נישט זיין שולד, וואָס ער האָט צופיל האָפענונג געלייגט אויפן קינד, לאָמיר צוגעבן נישט קיין געראָטן קינד, אָבער זיינס אַ קינד, און די וואַקסמאַנס דאַרפן שוויגן, זיי זענען פרעמדע, און אַז זיי גייען צו, דאַרפן זיי אויסטון די שיך.

גרין האָט מער נישט געוואָלט טראַכטן, זיך געוואָלט באַפרייען, זיך געקאָרטשעט און זיך מער פאַרפּלאָנטערט.

„לאָז די עמיגראַציע אויפהערן, וועט אייער גאַנצע אַרבעט זיין אַרויסגעוואָרפן! די יוגנט רעדט נישט און פאַרשטייט גישט קיין יידיש! נאָך אַ דור — און יידיש וועט אונטערגיין!״

גרין האָט אויפגעשוידערט, ווי עמעצער וואָלט פון אים אַרויס־

גערעדט. ער האָט זיך אַרומגעקוקט, געזען, ווי אַ דאַרער באַוואַקסענער בחור מיט לאַנגע הענט און פיס, ווי ביי אַן אוראַנג־אוטאַנג, שפּריצט מיטן מויל, האַלט אַ מיטל־יעריקן יידן, מיט אַ פאַרטראַכטן, קלוגן פּנים, פאַר אַ לאַץ און רעדט אין אים אַריין. גרין האָט געקאָנט דעם יידן. דאָס איז געווען דער פּובליציסט ניטען — דער טאַטע פון די פאָלקס־שולן. ניטען האָט דעם בחור גאָרנישט געענטפערט, אים גוטמו־טיק אָנגעקוקט, און זיין קלוגער שמייכל האָט, דאַכט זיך, געטענהט:

— דאָס אַלץ וואָס דו טענהסט, מיין פריינט, איז אמת. כ׳וואָלט דיר נאָך אַ פּאָר אמתן געקאָנט זאָגן, וואָס דו ווייסט נישט! וואָס קרימסטו זיך? כ׳האָב דיר, דאַכט זיך, גאָרנישט געטון! כ׳רעד זייער גוטמוטיק. קאָנסט נישט אויסהאַלטן מיין בליק? אַז ביסט ווידער אַזוי זיכער, וואָס לאָזסטו אַראָפּ די אויגן? אַפּנים, דיינע אמתן זענען קיין אמתן נישט...

גרין האָט פאַרמאַכט די אויגן, געזען פאַר זיך דעם גוטמוטיקן ניטען, דעם בעל־תשובה, דעם צוריקגעקומענעם, און זיך געטראַכט, אַז ער וואָלט אים נישט פאַרטוישט פאַר אַלע העברעישע מעצענאַטן. ער האָט זיך בלויז געוווּנדערט, פון וואַן נעמט זיך צו אים אַזוי פיל גלויבן? ווי ווערט דאָס אַ מענטש נישט מיד דאָס גאַנצע לעבן צו האַלטן אין איין בויען? בויען אויף זומפּן, אויף זאַמדן, קלאַפּן פּלעקער אין וואַסער אַריין, אַבי עפּעס צו טון! זאָל זיין, אַז דער מענטש מוז אין תוך וועלן עפּעס ממשותדיקעס? אויב אַזוי האָט ער, גרין, ביז איצט נישט געגלויבט אין מענטש? — — פאַרוואָס הויבן זיך ביי אים די הענט נישט צו טון? ער און דער בחור מיט די לאַנגע הענט און פיס און טויזנטער אַנדערע — זענען גלות־יידן, דער גלות האָט זיך איינגעגעסן אין זייערע אָדערן, אָפּגענומען ביי זיי הענט און פיס, און ווי פליישיקע געוויקסן זיצן זיי אויפן יידישן קערפּער, טוען גאָרנישט און נאָגן זיין בלוט. און די ניטענס? מעגלעך, אַז זיי זענען די ל״ו־ניקעס, אויף וועמען די וועלט שטייט! מעגלעך! און אַז זיי וועלן גאָרנישט אויסבויען? זיי וועלן אויסבויען, זיי וועלן! און אויב נישט, וועט אַלץ אונטערגיין, און קיין האַרץ וועט נישט בלייבן, ס׳זאָל זיך קאָרטשען און ווייטיקן...

גרין האָט געפילט, ווי זיין יידיש לעבן ווערט חרוב, צעפאַלט

אין אַלע פיר זייטן ווי פאַרוועלקטע בלעטער. ס׳האָט אים ווי געטון, נישט געוואָלט זען אין אַלעם צופאַל, דעם זעלביקן צופאַל, דורך וועלכן ער איז געקומען אויף דער וועלט קעגן זיין ווילן. ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אין דער אייגענער נשמה, טיפער זיך איינגעהערט אין דעם רויש און געוועזן זיכער, אַז דאָס קומט נישט פון חורבות, אַזוי קאָן נאָר רוישן די יוגנט, ווען זי קלאַפּט אין די טירן, זאָגט אָן אַז זי קומט.

---

אין דער טיר זענען געשטאַנען בעסי מיט ליפשיצן. גרין איז געוואָרן נערוועז, געוואָלט זיין גלייכגילטיק, נישט געוואָלט זיי באַמערקן, זיך געהאַלטן אין איין קנאַקן די פינגער און זיך געפילט געקרענקט, וואָס מען האָט ביי אים עפּעס צוגענומען.

צומאָרגנס נאָכן סקאַנדאַל מיטן פאָטער איז בעסי געקומען צו אים אַ פאַרוויינטע, צוגעשטאַנען אַז גרין זאָל גלייך גיין נעמען אַ דירה, אַז זי וועט מער נישט אַהיימגיין, אַז זי וועט זיך אַ מעשה אָנטון, אַז ער איז אַ שלעכטער, האָט זי נישט ליב, באַגייט זיך מיט איר ווי מיט אַ קינד, וואָס שווייגט ער? זי האָט אים פיינט!

זי האָט זיך אָוועקגעזעצט ביים טיש, צעעפנט אַ בוך, פאַרביסן גענומען קנייטשן די שפּיצן פון די בלעטער, מיטאַמאָל פאַרגעסן, אַז זי האָט נאָרוואָס געוויינט, אַ שמייכל געטון, און די אויגן זענען ביי איר געוואָרן שענער, קלאָרער, ווי די זון נאָך אַ רעגן:

— ווייסט, כ׳האָב נעכטן געטראָפן ליפשיצן, ער האָט מיר געגעבן אַ „גוט-טיים״, נישט ווי דו — — — ער האָט מיך באַקענט מיטן דיריגענט, מיט עטלעכע טעאַטער-קריטיקער, האָבן מיר געהאַט „פאָן״ האַ, האַ, האַ! ליפשיץ שרייבט דאָך לידער אויך, ער האָט אונז פאָרגעלייענט, דער דיריגענט, ער איז אַ גוי, האָט קיין וואָרט נישט פאַרשטאַנען, האָבן מיר געלאַכט! ווייסט, נאָך אַלעמען איז ליפשיץ אַ קאָמיש-ווילער יונג. דיר געפעלן זיינע לידער?

גרין האָט געפילט אין בעסיס קול, אין דעם איינציצן פון דער אויבערשטער ליפּ, אַז זי האָט שוין לאַנג פאַרגעסן, דאָס זי איז צע-

קריגט מיטן פאָטער, אַז זי וועט זיך קיין מעשה נישט אָנטון. דאָס סימולירט זי עפּעס אַ העלד. בעסי וועט זיך קיינמאָל קיין מאַן נישט איבערגעבן, ביז דער פאָטער און מוטער, פון וועלכע זי אַנטלויפט, וועלן נישט נעמען דאָס אונטערפּירנס.

זי האָט אים דערמאָנט אָן באַלזאַקס געליבטע — די פּוילישע, פּראָווינציעלע צנועה, וואָס האָט אים איינגערעדט, אַז זי שטאַמט פון קעניגלעכן הויף, וואָס זי האָט אים צוגעשיקט סוועדענבאָרגס ביכער, ער זאָל האָבן פון וואָס צו לערנען. און דער ריז באַלזאַק, וואָס האָט גענומען מיט זיינע פרויען-טיפּן אייראָפּע מיט שטורם, איז געבליבן ביזן טויט אַ „סנאָב". דרייצן יאָר זיך געשלעפּט נאָך דער האַלב מיסטישער, האַלב זינדיקער אין געדאַנק דאַמע, וואָס האָט אים פּאַרנודיעט מיט אירע בריוו, אַז פרויען דאַרפן זיין זעלבסטשטענדיק, פריי און זיך אים פאַר קיין פאַל נישט געוואָלט איבערגעבן, ביז זי האָט אים אַזש פון פּאַריז אַראָפּגעשלעפּט נאָך בערדיטשעוו, גאַנץ פּוילן זאָל זיין אַן עדות.

דעם זעלבן אָוונט האָט גרין זיך געטראָפן מיט ליפּשיצן, אים געגעבן אָנצוהערן, אַז ווען ער וואָלט זיך געדרוקט, וואָלט בעסי אים ליב געקראָגן. ליפּשיץ האָט געשטאַמלט, זיך געררויטלט און אַוועקגעגאַנגען פון גרינען מיט צוויי לידער. אַז די לידער האָבן זיך אָפּגעדרוקט, איז בעסי געקומען צו לויפן מיט דער צייטונג אָן אַן אָטעם.

— וואָס זאָגסטו אויף ליפּשיצן? שיינע לידער? האָסט זיי געלייענט? נאַ!

גרין האָט געשמייכלט, נישט גענומען די צייטונג אין האַנט.

— דיך דאַרף נישט פאַרדריסן, — האָט בעסי אויף אים אַרויפגעלייגט אַ האַנט — איך פאַרגלייך אים נישט צו דיר, כ'ווייס אַז צו דיינע לידער קומען זיי נישט...

— פאַרקערט, — האָט גרין זי, מעשה פאָטער, אַרומגענומען און געגלעט איבער די האָר — כ'בין צופרידן.

— איך אויך, — האָט זיך בעסי צעלאַכט און זיך מיטאַמאָל אַ כאַפּ געטון — כ'האָב גאָר פאַרגעסן! כ'האָב עמעצן געלאָזט אונטן, וועסט מיר אַנטשולדיקן, כ'גיי צו אַ קאָנצערט, מאָרגן וועלן מיר זיך

זען – און זי האָט אונטערגעשטעלט אַ באַק – גוד-באַי!
– גוד-באַי.
גרין איז געבליבן אַליין אין שטוב, זיך אײַנגעהערט, ווי בעסי לויפט איבער די טרעפּ, און וואָס ווייטער און שוואַכער עס זענען געוואָרן די טריט, אַלץ באַנגער איז אים געוואָרן, געפילט אַז צווישן זיי איז אַלץ געענדיקט און געווען זיכער, נישט ווייסנדיק פאַרוואָס, אַז ליפשיץ האָט געוואַרט אויף איר. ער איז צוגעגאַנגען צום פענסטער. ליפשיץ האָט זי געפירט אונטערן אָרעם.

---

איצט, זעענדיק זי מיט אים, האָט גרין זיך געפילט באַליידיקט, זיך געשעמט פאַר זיך אַליין, וואָס פאַר אַ ראָליע ער שפּילט דאָ, און זייער געוואָלט בעסי זאָל אים נישט באַמערקן.
– האַללאָ, גרין, – איז בעסי כמעט צוגעלאָפן צו אים, אָנגעכאַפּט זײַנע ביידע הענט, זיי האַרציק געדריקט און גערעדט מיט איין אָטעם – וועסט מיר אַנטשולדיקן, כ'האָב נעכטן נישט געקאָנט זײַן בײַ דיר, האָסט דען געוואַרט? אָ-אָ?!
זי האָט זיך נישט אײַנגעהערט, וואָס גרין האָט געענטפערט, זיך אויסגעגלייכט, זיך אַרומגעקוקט, ווי זי וואָלט עמעצן געזוכט, און אין איר טונקעלן אַנצוג ביז צום טריט, די גרויסע וואַל, וואָס האָט פאַרדעקט ס'פּנים, נאָכלעסיק געפאַלן אַרום האַלז, אַלץ האָט דערמאָנט אַן ענגלענדערין אויף דער רייזע.
גרין האָט זי קיינמאָל נישט געזען אַזוי אָנגעטון, געווען דענערווירט, וואָס אירע ווייכע אויגן שמייכלען צו עמעצן, די צווי אויבערשטע ציין קוקן פאַרשייט, האָט ער זי אַ פרעג געטון:
– פאָרסט ערגעץ?
– וואָס פאַלט דיר איין?
– אַז דו האָסט זיך אַזוי אויסגעפּוצט!
זי האָט זיך נישט געמאַכט הערן, אַ שמייכל געטון צו ליפשיצן, וואָס איז געבליבן שטיין מיט אַ באַקאַנטן, אים צוגערופן און זיך אײַנגעבויגן צו גרינען:
– ווען דו ווייסט, ווי ליפשיץ האַלט פון דיר! טענהט גאַנצע

טעג, אַז דו ביסט דער גרעסטער יידישער דיכטער. וואָס שמייכלסטו?

ליפשיץ איז אונטערגעקומען נישט קיין דרייסטער, זיך פאַרלוירן פאַר גרינען, מורא געהאַט ס׳זאָל זיך עפּעס נישט אָפּשפּילן און אויסגעזען אַזוי אומבאַהאָלפן, אַז ס׳איז אַ רחמנות געווען אויף אים.

גרין איז געוואָרן אויפגערוימטער, זיך געטראַכט, אַז ליפשיץ איז ביי אים אין דער האַנט לאָז ער זיך שפּילן, פאַרקריכן אַלץ ווייטער, און געפילט אַ מאָדנעם רייץ, וואָס דער פלאָנטער וויקלט זיך אַרום אים. מעשה פילאַנטראָפּ האָט ער צוגעוואָרפן ליפשיצן אַ שאָקל מיטן קאָפּ, און כאָטש ער האָט אָפּגעמאַכט ביי זיך נישט צו באַמערקן אים צווישן מענטשן, האָט זיך פונדעסטוועגן ביי אים אַרויסגעכאַפּט:

— נו, ווי שרייבט זיך עפּעס?

ליפשיץ האָט זיך פאַררויטלט, עפּעס אַ שטאַמל געטון אונטער דער נאָז און אָנגעהויבן צו רעדן וועגן עפּעס אַנדערש.

— ווי שיין ער פאַרלירט זיך, — האָט בעסי אַ שטראַלנדיקע אַ שטופּ געטון גרינען און געוויזן אויף ליפשיצן — אסור, אַ זעכצניעריק מיידל! ער איז דער איינציקער פון דעם גאַנצן „באַנטש" שרייבער, וואָס ער רעדט נישט וועגן זיך!

ליפשיץ האָט זיך נאָך שטאַרקער פאַררויטלט, זייער געוואָלט בעסי זאָל אויפהערן צו רעדן וועגן אים, אויסגעמיטן צו טרעפן זיך מיט גרינס בליק און איר געוויזן אויף אַ ליידיק טישל:

— ווילסט זיך אפשר צוזעצן?

בעסי האָט זיך געכאַפּט, אַז ליפשיץ פילט זיך שלעכט אין גרינס געגנוואַרט, ווייס, מסתמא, אַז צווישן איר און גרינען איז עפּעס פאָרגעקומען, האָט זי אַרויפגעלייגט אויף גרינען אַ האַנט. — איר וועט דאָך דאָ זיצן? — און זיך געזעצט מיט ליפשיצן ביי אַן אַנדער טישל.

גרין האָט צוגערופן דעם קעלנער, עפּעס געשטאַמלט, געזען ווי באַקאַנטע רוקן זיך אַרום בעסיס טישל. ער האָט געקוקט פון דער זייט, מיט איין אויג, באַמערקט ווי בעסי פירט דעם שמועס, גיט דעם טאָן, די אויגן פינקלען, האָבן אין זיך אַוואַנטורישעס, און די יונגעלייט רוקן זיך אַלץ נענטער, כאַפּן התפעלות פון יעדן וואָרט אירס, דרייען זיך אַרום איר.

און כאָטש גרין איז געווען גלייכגילטיק צו איר, האָט עס אים

פונדעסטוועגן פאַרדראָסן, זיך דערפילט מיטאַמאָל איינזאַם, אויסגעשפּילט, ווי מען וואָלט ביי אים עפּעס איבערגעוואָלט צוגענומען. ער האָט זיך געסטאַרעט נישט צו קוקן אויף בעסין, נישט ווילנדיק אָבער האָט ער יעדע ווײַלע געוואָרפן אויף איר אַ בליק פון דער זייט און געפילט בשעת-מעשה, ווי עס ווערט אים הויל ביים האַרצן.

צו בעסיס טישל איז אונטערגעקומען אַ סקיצן-שרייבער, אַ גאַלי-ציאַנער יונגערמאַן איןברילן, מיט אַ גלאָז טיי אין דער האַנט. ער האָט געזופּט דעם טיי און גערעדט:

— איר ווייסט, יידן, ליפשיץ איז אַן אמתער פּאָעט! דער בחור „בלאָפט" נישט! אָט לעזט זיין לעצטע ליד – האָפּמאַנסטאַל וואָלט זיך אסור נישט געשעמט דערמיט...

— וואָס מיר האָפמאַנשטאַל? – האָט אַ ליטוואַק, וואָס רעדט מיט דער „שין", זיך אָנגערופן — אַזעלכע לידער געפינט איר נאָר ביי שאָ-לאָגובן...

— אויב איר געפינט זיי ביי „שאָלאָגובן" – האָט גרין נאָכגעקרימט דעם בחור און אויפן אָרט חרטה געהאַט, וואָס ער מישט זיך אַריין — דאַרף מען ליפשיצעס לידער נישט...

בשעת גרין האָט גערעדט, איז ליפשיץ בלייך געוואָרן, געפילט, ווען עס עפנט זיך אַ גרוב, וואָלט ער אַריין. אַלע האָבן עס באַמערקט און יעדער האָט זיך געטראַכט, אַז אין ליפשיצעס שרייבן פילט זיך נאָך די אומשולד, ער האָט זי נאָך נישט פאַרלוירן, דעריבער אַזוי פיל פייער, אַזאַ גלויבן אין זיינע לידער.

— איר זענט אַ קינד, — האָט העלד, דער ראָמאַנען-שרייבער, אויפ-געהערט עסן און זיך געווענדט צו גרינען — איר וועט ביי סאָלאָגובן קיינמאָל אַזעלכע לידער נישט געפינען! סאָלאָגובס לידער זענען צוגע-טראַכט...

העלד האָט אַריינגעמאַכט אַ פּאַפּירענעם טישטוכל הינטערן ווייסן קאָלנער, געשמאַק איינגעביסן מיט זיינע ווייסע ציין אַ געבראָטענע פּאָלקע פון אַ קאַטשקע און ווייטער גערעדט:

— כ'האָב באַלד געזאָגט, ווען כ'האָב דורכגעליינט זיינע ערשטע לידער, אַז אין ליפשיצן האָבן מיר אַ דיכטער פון ערשטן גראַד.

בעסי האָט אָנגעקוואָלן, געקוקט פון איינעם אויפן צווייטן, וואָס פאַר אַ איינדרוק העלדס ווערטער מאַכן.

— געוויס, געוויס, — האָט אַ קאַריקאַטוריסט זיך אָנגערופן — זיי וואָלטן נאָך בעסער געווען, ווען ער שרייבט זיי אינגאַנצן נישט. ווער דאַרף דאָס האָבן גראַמען, ווער? דער עיקר — ליפשיץ איז אַ ברייטער יונג, און אַ הלוואה קריגט מען ביי אים אַפילו אין מיטן דער נאַכט, „דאָס אַל"!

— ביסט אַן אידיאָט! — האָט העלד אַרויסגעברומט פון דער שיסל.

גרין האָט איראָניש געשמייכלט. אים האָט פאַרדראָסן, פאַרוואָס דער עולם האָט נישט אַרונטערגעריסן די לידער. ער האָט זיך טיפער אַריינגעזעצט אין בענקל, שנעל געדרייכערט אַ סיגאַרעט און זיך מער נישט איינגעהערט, וואָס די חברה רעדן. פון לאַנגווייליקייט האָט ער אַרויסגענומען פון דער קעשענע אַ פּאַק מיט פּאַפּירן, זיי גענומען איבער־קוקן, ענערגיש געריסן איין פּאַפּירל נאָכן צווייטן, ווי ער וואָלט דער־מיט געוואָלט שטילן דעם כּעס. ער האָט אינסטינקטיוו אַ קוק געטון צו ליפשיצן, געוואָלט נעמען ביי אים אַ פּאָר דאָלאַר, באַמערקט ווי ליפשיץ מיידט אים אויס, האָט ער אים מיטאַמאָל פיינט געקראָגן, חשק געהאַט אָנצונעמען פאַר אַן אויער און איינרוימען בעסין אַ סוד, אַז די לידער זענען גרינס.

ער האָט זיך נערוועז פונאַנדערגעלאַכט.

אַלע האָבן זיך איבערגעקוקט, געקוועטשט מיט די אַקסלען.

העלד האָט געהאַלטן בעסין פאַר ביידע הענט און גערעדט געלאַסן, ווי עפּעס פאַר אַ גרויסן מענטשן. ער האָט גערעדט וועגן ליפשיצעס לידער, וועגן דעם, אַז יידישע פרויען זענען צו קלוג צו קאָנען ליבן און וועגן אַנדערע „לעבנס־ווייזהייטן".

גרין האָט נישט געקאָנט הערן, עטלעכע מאָל געוואָלט צורופן ליפשיצן, זיך אויך געוואָלט קלאָר מאַכן, פאַרוואָס ס'איז אים מיט־אַמאָל געקומען אויפן זינען שלעגל, ווען היינע באַשולדיקט, אַז ער האָט גענומען שטיצע פון זיין ווייבס אָפּגענאַרטן מאַן, נישט געקאָנט צונויפנעמען די געדאַנקען, בלויז געפילט, ווי דאָס וואָרט שלעגל פּיקט ביי אים אין מוח, ווי דאָס צופּן פון אַ צאָן איידער די ווייטיקן קומען אָן. אים האָט זיך געדאַכט, אַז אַלעמענס בליקן זענען געווענדט צו אים, אַז אַלע ווייסן, דאָס ליפשיץ האָט ביי אים צוגענומען בעסין, און זיי טראַכטן זיך מסתמא, אַז דעריבער זיצט ער אַזאַ דערשלאָגענער. פון פאַרדרוס האָט ער אַ קלאַפּ געטון מיט דער האַנט איבער די שפּיציקע

צאָן-העלצלעך, נישט געפּילט ווי זיין האַנט בלוטיקט, און מיט אַ בייזער כמעט אַ געשריי געטון:

— ליפשיץ, קומט נאָר אַהער!

— וואָס איז? — איז ליפשיץ אונטערגעקומען הכנעהדיק.

— איר האָט ביי זיך געלט?

— וויפיל דאַרפט איר?

— צען דאָלאַר.

— אָל-רייט.

ליפשיץ האָט אויפן אָרט אויסגעשריבן אַ „טשעק". גרין האָט אַראָפּגערוקט דעם קאַפּעליוש ביז איבער די אויגן, געוווסט, אַז מען וועט אים באַלד נעמען אויפן צימבל, זיך מיט קיינעם נישט געזעגנט און איז אַרויס.

— גרין האָט היינט געמוזט אויפשטיין אויף דער לינקער זייט, — האָט איינער זיך צעגענעצט.

— דער בחור איז אויסגעשפּילט, אַראָפּ באַצייטנס פון דער סצענע, — האָט אַ צווייטער אַריינגעוואָרפן.

— איז ער בדלות, — האָט זיך דער קאַריקאַטוריסט אַריינגעמישט — ווייבלעך ליבן אים אָן לידלעך אויך.

— איר רעדט אַלע ווי קינדער, — האָט העלד מיט אויטאָריטעט גע-זאָגט — גרין, דאָס איז אַן ארכי-בלאָפער, ער האָט קיינמאָל נישט געהאַט וואָס צו זאָגן. ער איז געקומען מיט זיינע דריי-גאָריקע שורות, האָט בשעת-מעשה געמאַכט אַ שטיקל רושם. און ווייטער? ווייס איך!.. אַ קוק טוענדיק אויף זיין פּנים, זעט מען גלייך, אַז דאָס איז די אימפּאָטענץ אַליין.

בעסי האָט אים גענומען פאַרענטפערן. זי האָט פאָרגעלעזן זיינע ערשטע לידער, און אַלע האָבן אויסגעפונען אַן ענלעכקייט צו ליפשיצעס. ליפשיץ איז מיטאַמאָל רויט געוואָרן. ביים אַרויסגיין האָט ליפשיץ זיך געהייסן געבן דעם חשבון פאַר אַלעמען און איז אַוועק מיט בעסין.

## XV

אַרויסגייענדיק האָט גרין צום הונדערטסטן מאָל אָפּגעמאַכט ביי זיך מער אַהין נישט צו גיין. ער האָט געפילט אַ שלעכטן נאָך־טעם. אין איין רגע האָט ער דורכגעוואָרפן כמעט אַלע באַזוכער פון פּלאַץ, נישט געקאָנט פאַרשטיין, ווי מענטשן לעבן אין אַזאַ קליין וועלטעלע, ווו איינער דעם צווייטן פאַרגינט נישט, ווו יעדער איז דער גרעסטער, ווו אַלץ איז אַזוי נישטיק קליין – קליינע השגות, קליינע אַמביציעס, כבוד אויפן שפּיץ מעסער. מענטשן קוויקן זיך מיט אינטריגעלעך, טרייבן רכילות ווי סריסים, און פּונקט ווי אַלטע, קראַנקע פערד ליגן און עסן פון אונטער זיך, אַזוי זיצן זיי גאַנצע טעג, פאַרברענגען כלומרשט צווישן זיך, און איין חבר שרייבט אויפן צווייטן אַ פּאַשקווילעלע אויף אַ האַלבן, אויף אַ פערטל שפּאַלט פון אַ צייטונג. מער קיין כוח איז נישטאָ. נאָכדעם קומט מען זיך צונויף, מען שמייכלט ווי איינער האָט דעם צווייטן אַריינגעקיבעצט, און ס'דאַכט זיך, אַז דאָ זיצן נישט קיין מענטשן, נאָר פּאַראָדיעס, וואָס שפּילן די ראָלעס פון מענטשן.

גרין האָט געליטן, געזען דאָס גאַנצע יידישע לעבן ווי עפּעס אַ פּאַראָדיע, געפילט, אַז אַנדערש וואָלטן זיי זיך נישט געקאָנט דער־האַלטן אין גלות, און געטראַכט, צי ס'האָט זיך געלוינט אַזוי פיל צו ליידן צוליב ר' יוחנן בן זכאי'ן? פאַרלייקענען דעם קערפּער, אויסמעקן דעם אַלטן יידישן באַגריף „הדם הוא הנפש" – דאָס איז דאָך אין אמתן נישט מער ווי די פּסיכאָלאָגיע פון שוואַכן.

עס זענען אים אויפן זינען געקומען די אַלע אַרגומענטן פאַר און

קעגן דעם יידישן „קהל״, וואָס קיין גוי האָט עס נאָך ביז היינטיקן טאָג נישט פֿאַרדייט, ווייל ס׳איז אים פרעמד, ס׳וועט אים תּמיד זיין פרעמד, און דער „קשה-עורף״ אין אים האָט זיך אויף אַ רגע דערפֿילט שטאָלצער, וואָס קיינער פֿאַרשטייט אים נישט, וואָס מען האַסט אים.

ער איז געגאַנגען פֿון איין גאַס אין דער צווייטער, זיך איינגעהערט צו אַן אינערלעכע שטימע, אַז אַ מענטש וואָס פֿאַרקויפֿט זיין געוויסן צוליב אַ קאַפּריז צוליב אַ מיידל, אַזאַ מענטש דאַרף שווייגן. דאַרף צו קיינעם קיין טענות נישט האָבן.

און ער, גרין?

ער האַנדלט מיט זיך, מיט זיינע לידער, מיט דער אייגענער נשמה... נו, דעריבער?

האָט ווילאָנען עפּעס געשאַדט די אָפּטע גנבות, דאָס זיצן אין תּפיסה? ער איז סיי-ווי-סיי פֿאַרבליבן דער פֿאָטער פֿון איינפּאַכסטן, שענסטן פערז, דער פֿאָטער פֿון דער נייער פראַנצויזישער פּאָעזיע.

— און ר׳ יוחנן בן זכאי? און הונדערטער אַנדערע?

איז עס אַזוי שיין, מיינט איר, אַוועקצולייגן די שווערד, ווען ס׳גייט אָן ביים אייגענעם פֿאָלק אַ מלחמה אויף טויט און לעבן, פֿאַלן די זיגרייכע רוימער צו די פֿיס און שווערן, אַז ער איז קעגן דער מלחמה, אַז ער — — — אַז אַלע אמתע יידן זענען קעגן דער מלחמה, זיי האָבן גאָרנישט צו טון מיט די מחללי-שבת, די צדוקים, זיי פֿאַרלאַנגען בלויז, מען זאָל זיי לאָזן זיצן מיט דער תּורה אין יבנה און —?

און ר׳ יוחנן בן זכאיס שוואַכקייט האָט אונז אויפגעהאַלטן!

גרין האָט געוווּסט, אַז דער פֿאַרגלייך הינקט אונטער, נישט דאָס האָט ער געוואָלט זאָגן און פֿאָרט געפֿילט אַ שייכות, וואָס לאָזט זיך נישט אָנטאַפּן.

ער איז געגאַנגען גיכער, זיך צוגעהערט צו דער אינערלעכער שטימע, אַז ווי געניאַל אַ פּאַיאַץ אָדער פּאַשקוויליסט זאָל נישט זיין, קאָן מען זיי העכסטנס באַוווּנדערן, אָבער קיין אָנשטענדיקער מענטש וועט זיי קיין האַנט נישט געבן.

— אַזוי? האַ, האַ, האַ! אַן אָנשטענדיקער מענטש!

איז ראַבעלע דערפֿאַר קלענער, וואָס ער האָט געשריבן פּאַשקווילן? דעריבער?

עס האָט אים דורכגעשוידערט, זיך דערפֿילט פרעמד צווישן דעם

שטראָם מענטשן, וואָס האָט זיך געצויגן פון די „שאַפֿן". קיינער קען אים נישט, ווייסט נישט אַז ער, גרין, איז אַ יידישער דיכטער, אַז נאָך נעכטן האָט ער געגלויבט, דאָס די ישועה וועט קומען פון די פֿאָלקס־שולן, געפּלאַנט זיי צו עפֿענען איבערן גאַנצן לאַנד, בויען עפּעס. ער איז געווען גליקלעך, דער גליקלעכסטער. און היינט? היינט פֿאַרקויפֿט ער די אייגענע נשמה, פֿילט אַז וואָס ווייטער וועט ער טיפֿער זינקען, און דעמאָלט? אַן אומעט פֿון אַ פֿאַרבלאָנדזשעט קינד האָט זיך גענומען גנבענען אין אים, זיך פֿאַרצויגן ווי אַ נעפּל, גענומען אַלץ אָפּטעמפּן, האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער איז אַ בלעזל פֿון אַ שטראָם, וואָס האָט זיך געצויגן מיט הונדערטער יאָרן צוריק. ער איז אַן אָפּגעריסן גליד, וואָס קאָן זיך נישט צופּאַסן צו די אייליקע פּנימער, וואָס לויפֿן ווי פֿאַרסאַמטע מייז פֿון די „שאַפֿן". נו, דעריבער, איז וואָס? איז ער מער יחסן?

וואָס איז איינגאַנצן אַ מענטש?

אַ בלינדער צופֿאַל, אַ רינגל אין דעם אומענדלעכן וואַסער, וואָס הייסט לעבן. ס'רינגל גלייכט זיך אויס און ס'בלייבט קיין זכר נישט. יאָ, ס'בלייבט קיין זכר נישט!

– יידן, באָבעס, הייסע אַרבעס, קויפֿט יידן, אַ סענט אַ גלעזל!

דאָס קול איז גרינען געווען באַקאַנט. ער האָט זיך אויסגעדרייט, דערזען שוואַרצן אין העמד מיט הויזן, דאָס פּנים חושך, איינגעפֿאַלן, שטייט איבער אַ קאָשיקל מיט אַרבעס, רופֿט די פֿאַרבייגייער מיט די אויגן, מיטן גאַנצן קערפּער. זעלטן ווען אַ פֿאַרבייגייער האָט זיך אָפּ־געשטעלט, אים איינגעשטעקט אַ סענט, זיך אַריינגעשיט אין דער קע־שענע אַ גלעזל אַרבעס און געלאָפֿן ווייטער.

גרינען איז איינגעפֿאַלן, אַז דער צעבראָכענער, פֿאַרחושכטער שוואַרץ רייסט זיך דעם האַלז און טראַכט בשעת מעשה, ווי אָנצושרייבן אַ שיר, וואָס ער זאָל געפֿעלן קרוזען. ער האָט זיך פֿאַרשעמט, ווי ער וואָלט דערזען דאָס אייגענע געוויסן און גענומען אַוועקגיין. שוואַרצס דערשראָקענע אויגן, וואָס האָבן געקוקט צו די פֿאַרבייגייער, זיך גע־בעטן מען זאָל אים געבן צו לייזן אַ סענט, האָבן גרינען פֿאַרפֿאָלגט, און ער האָט זיך אומגעקערט.

– האַללאָ, שוואַרץ!

– האַללאָ, – האָט שוואַרץ אַראָפּגעלאָזט פֿון חרפּה די אויגן

און גרינען האָט באַנג געטון, צו וואָס ער איז אונטערגעקומען.

— לייזט זיך כאָטש?

— נישט גוט, נישט גוט, — האָט ער אָפּגעזיפצט — מען מאַטערט זיך! און איר גרין האָט אינגאַנצן אויפגעהערט שרייבן? כ׳האָב שוין אַ לאַנגע צייט נישט געזען פון אייך קיין ליד!

גרין האָט באַמערקט, אַז גלייך ווי ער האָט אָנגעהויבן צו רעדן וועגן שרייבן, האָט זיך ס׳פּנים ביי אים געביטן, די אויגן מילדער, און אינגאַנצן איז ער געוואָרן אַן אַנדערער.

— איר פלעגט דאָך פעדלען מיט שפּילצייג?

— איצט איז נישט דער סעזאָן, דערצו איז ביי מיר ס׳ווייב קראַנק, מען דאַרף געלט, גייט מען אין גאַס אַריין מיט וואָס עס מאַכט זיך נאָר.

— וואָס איז אייער ווייב?

— כ׳ווייס, שוין זעקס וואָכן ווי מיין ווייב איז געלעגן געוואָרן, — האָט ער זיך פאַררויטלט — מסתמא געכאַפּט אַ צוג, ליגט די גאַנצע צייט. כ׳וואָלט געהאַט געלט, וואָלט איך געטוישט די דירה, אפשר שאַדט איר דער ווילגאָטש, ב׳ווייס?

— באָרגט ביי מיר אַ פּאָר דאָלאַר, — האָט גרין אַרויסגענומען ליפשיצעס טשעק און אים אַוועקגעגעבן — איר וועט האָבן וועט איר מיר אָפּגעבן.

שוואַרץ האָט נישט געוווּסט פון גרויס פרייד וואָס צו טון. גע־האַט אַ מינע, ווי ער קלויבט זיך אים אַ קוש טון. גרין האָט אים געדריקט די האַנט, זיך געזעגנט און גיך געגומען אַוועקגיין.

אַז ער איז אָפּגעגאַנגען עטלעכע קוואַרטאַלן, האָט ער זיך דערמאָנט, אַז ער האָט אַוועקגעגעבן דעם לעצטן סענט. ער האָט זיך נישט גע־קאָנט באַפרייען פונם פאַרחושכטן שוואַרץ, ביסלעכווייז זיך אויסגע־ניכטערט און באַטראַכט, אַז מען דאַרף צוגיין אין דער היברו־סקול, וואָס האָט היינט אַנאָנסירט פאַר אַ העברעישן לערער.

---

אין „אָפּיס״ האָבן געוואַרט עטלעכע בחורים מיט הויכע, קיי־

לעכדיקע פלייצעס, שלעכט ראַזירט, ווי זיי וואָלטן זיך געגאָלט מיט טעמפּע מעסערס. די בחורים האָבן געשפּרייזט איבערן אָפּיס, זיך פאַרהאַלטן ווי קאָנקורענטן, און פון לאַנגווייליקייט האָט יעדעס מאָל אַן אַנדערער אַרויסגעשלעפּט די צייטונג פון קעשענע, ווו ס׳איז געווען אַנאָנסירט, אַז מען זוכט אַ לערער, זיך אַוועקגעשטעלט ביי אַן עלעקטריש לעמפּל און איבערגעלייענט די אַנאָנס, וואָס ער האָט שוין געקענט אויף אויסנווייניק.

— אַנטשולדיקט, — איז אַ בחור אַנטקעגנגעקומען און אָפּגעהוסט — זענט איר נישט מיסטער גרין?

— יעס.

— מיך קענט איר מסתמא נישט, דערפאַר קען אייך יעדער — האָט דער בחור געשמייכלט, ווי ס׳וואָלט אים שטאַרק הנאה געטון, וואָס ער קען גרינען — איר ווייסט, אין דער „מחזיקי״, ווו איר זענט געשטאַנען, גייט אָן אַ שטרייק.

— שוין לאַנג?

— נעכטן זענען זיי אַרויס.

— וואָס, זיי ווילן גרעסערע שכירות?

— זיי ווילן דער מינימום זאָל זיין צוואַנציק דאָלאַר אַ שעה.

— און וויפיל צאָלט מען דאָ?

— דאַכט זיך פופצן. כ׳האָב אָבער געהערט, אַז דיצווייטע וואָך וועט מען פון דאַנען אויך אַראָפּנעמען די לערערס.

גרין האָט זיך געחדושט וואָס פרידקין שטרייקט, זיך פאַרשעמט פאַרן געדאַנק, וואָס איז פון זיך אַליין אַרויסגעשפּרונגען, צי מען וואָלט אים איצט צוגענומען, כאָטש ער איז צעקריגט מיטן פרעזידענט.

דער פּרינסיפּאַל, אַ מיטל-יעריקער מיט אַ בערדל ווי ביי „אָנקל סעם״, איז אַרויס פון אַ קלאַס, באַטראַכט די לערערס מיט איין אויג, ווי ער וואָלט געזוכט אַ באַקאַנט פּנים. די לערערס האָבן אים אַרומגערינגלט און די מער רעדעוודיקע האָבן זיך גענומען רעקאָמענדירן.

— איך בין נאָך אַ לערער פון דער היים, געהאַלטן אַ קלאַס אין גמרא.

– כ׳רעד העברעיש פליסיקער ווי זשאַרגאָן.

– כ׳האָב געלערנט אין וואָלאָזשין, באַזיץ אַ גוטן העברעיש, ענגליש פוירפעקט, נישטאָ קיין וואָרט, כ׳זאָל נישט קענען „ספעלן״! 1)

דער פּרינסיפּאַל האָט אויפגעהויבן ביידע הענט, זיך פאַרשטעלט די אויערן:

– לאָזט אָפּעטעמען! אַז איר רעדט אַלע מיטאַמאָל!

ער האָט אַ ווונק געטון אַ לערער, אים אַריינגעלאָזט אין זיין פּריוואַטן צימער און פאַרמאַכט הינטער זיך די טיר.

די איבערגעבליבענע האָבן זיך דערפילט נאַריש, גענומען שפּרייזן איבערן צימער, זייערע בליקן זאָלן זיך נישט באַגעגענען.

גרין איז אַריין דער לעצטער. ביים אַריינקומען האָט דער פּרינסיפּאַל נישט אויפגעהויבן די אויגן, געהאַלטן אין איבערקוקן אַ ליסטע מיט נעמען. אַז ער איז פאַרטיק געוואָרן, האָט ער אָפּגעהוסט און געוויזן אויף אַ שטול נעבן זיך:

– זיצט. ווו האָט איר פריער געלערנט?

– אין דער מחזיקי.

– עברית-באנגלית?

– יע.

– פאַרוואָס זענט איר פון דאָרט אַוועק?

– כ׳האָב זיך צעקריגט מיטן פּרינסיפּאַל.

– אַזוי גאָר? – האָט ער פאַרקוועטשט אַן אויג און באַטראַכט גרינען מיט חשד. — ווי לאַנג ווי איר זענט אַוועק פון דאָרטן?

– אַ וואָך.

– שווער תיינט צו קריגן אַ גוטן לערער, – האָט דער פּרינסיפּאַל אַ קוק געטון אויפן זייגער – טרעפט זיך שוין אַ בחור, וואָס ער ווייס זיין פאַך, קאָן ער נישט האַלטן קיין קלאַס, און פאַרקערט – אַ בחור וואָס האַלט גוט אַ קלאַס, איז צומייסטן שוואַך אין די פּינטעלעך. ווען כ׳קריג דעם פּאַסיקן לערער, בין איך נישט אויסן נאָך אַ פּאָר דאָלאַר. יעס, הייסט עס, – האָט ער זיך אויפגעשטעלט, געוויזן גרינען מיט דער האַנט, ער זאָל אים נאָכגיין – זייט זשע מוחל.

זיי זענען אַריין אין אַ חומש-קלאַס. דער לערער, אַ צעטראָגענער,

---

1) פוירפעקט – גלענצנד. ספעלן – אויסלייגן.

האָט געוואָרפן מיט די אויגן, ווי אַן איבערגעשראָקענער האָז, אַ דער־שלאָגענער געקוקט אויפן פּרינסיפּאַל, זיך געבעטן מיט די אויגן ביי די קינדער, וואָס זענען געזעסן אויף די בענק, פאַרריסן די הענט, די פיס, גוואַלטעוועט, ווי זיי וואָלטן אַליין געווען אין קלאַס.

דער פּרינסיפּאַל האָט געוויזן גרינען אויף די קינדער, געשמייכלט און גערעדט צום לערער:

— דער עיקר דאַרף מען קאָנען האַלטן אַ קלאַס! וואָס טויג מיר אייער העברעיִש, אַז די קינדער הערן אייך נישט, קוקט!

די קינדער זענען געוואָרן ווילדער, גענומען רעדן העכער, און באַלד האָט זיך אַ ייִנגל פונאַנדערגעוויינט.

פון אויפרעגונג האָט דער לערער פאַרלוירן דעם קאָנטראָל איבער זיך און אָפּגעמאָסטן אַ ייִנגל מיט דער ווירע איבער די פּלייצעס. דאָס ייִנגל האָט זיך צעשריִען, ווי מען וואָלט פון אים די הויט געשינדן.

— דאָס איז קיין וועג נישט, מיסטער, — האָט דער פּרינסיפּאַל די קינדער אין די אויגן גענומען שטראָפן דעם לערער — מיט שלאָגן וועט איר נאָר צעטרייבן די קינדער!

גרין האָט חשק געהאַט אָנצוזידלען דעם פּרינסיפּאַל, פון פאַרדרוס אַ קלאַפּ געטון מיט דער ווירע אין טיש, גענומען אויפן אויג יעדעס ייִנגל, ווי ער וואָלט זיי אויפגעצויגן אויף אַ שנור, קיין אויג נישט אַראָפּגעלאָזט פון די ווילדסטע, האָבן זיי אייַנציקווייז אָנגעוווירן הענט און פיס, זיך געדרייט, אַנטשוויגן געוואָרן, און אין קלאַס איז מיטאַמאָל געוואָרן אומהיימלעך שטיל.

— אָט דאָס איז אַ לערער! — האָט דער פּרינסיפּאַל אַ שטופּ געטון דעם צעשראָקענעם יונגנמאַן און אים אייַנגערוימט, אַז גרין האָט גע־הערט — פון בלויזן קוק האָבן די קינדער דרך־ארץ!

— זייט אַזוי גוט און פאַרטייטשט דעם קלאַס „לכה דודי“. — האָט דער פּרינסיפּאַל אויפגעמישט אַ סדור און אים אונטערגעטראָגן גרינען.

גרין האָט מאָדנע אַ קוק געטון אויפן פּרינסיפּאַל, אַז יענער האָט זיך פאַרלוירן, געמאַכט אַ מינע, ווי ער וואָלט נישט דערהערט און איבערגעפרעגט:

— וואָס?

— כ׳מיין, — האָט דער פּרינסיפּאַל געשטאַמלט און אַרייַנגעזעצט די גראָבע פינגער פוןביידע הענט אין די וועסטל־קעשענעס — כ׳וואָלט

אַ בעלן געוועז צו הערן, ווי איר פּאַרטייטשט די קינדער „לכה־דודי".

גרינען האָט זיך זייער געוואָלט אַ וואָרף טון דעם נאַרישן יידן דעם סדור אין פּנים אַריין און אַרויסגיין. ער האָט געהייסן די קינדער אויפמישן „לכה־דודי", געוואָלט זיך פונאַנדערלאַכן פון דעם עקזאַמען, וואָס מען גיט אים, און אָנגעהויבן:

— לכה, דודי, לקראת כלה.

Come, my friend, to meet the bride.

— אַנטשולדיקט, — האָט דער פּרינסיפּאַל אים איבערגעהאַקט — כ'וואָלט „דודי" פּאַרטייטשט „מיי אָנקל".

גרין האָט זיך אים פונאַנדערגעלאַכט אין פּנים אַריין.

— וואָס לאַכט איר? — אודאי ווייס איך, אַז מען מיינט דאָ כּנסת־ישראל, נאָר קינדער דאַרף מען פּאַרטייטשן פּשוט — „דודי" — „מיי אָנקל".

גרין האָט נישט געענטפערט, געפילט ווי עפּעס האָט זיך אים אַוועקגעשטעלט אין האַלז, ווי מען וואָלט איבערגעוואָלט אָנגעטון אַ היטל מיט גלעקלעך, נישט געגלויבט, אַז דאָס יידל אין קאָפּל זאָל פון אים, גרינען, קאָנען מאַכן אַ פּאַיאַץ. ער האָט מיטאַמאָל פאַרמאַכט דעם סדור, אים צוריקגעגעבן דעם פּרינסיפּאַל, האָט יענער געעפנט אַ פּאָר אויגן:

— כ'מיין, אויב „לכה־דודי" איז צו שווער, מישט אייך אויף אַן אַנדער שטיקל! כ'וועל אייך זאָגן דעם אמת, איר געפעלט מיר...

גרין האָט אים נישט געלאָזט ענדיקן, אים אָנגענומען פאַרן בערדל, זיך איינגעהאַלטן, ער זאָל דעם קאָפּ נישט אַ וואָרף טון אָן דער וואַנט, און דורכגעזייט דורך די ציין:

— פעטער, איר זענט אַ שוטה!

— וואָס?

— איר זענט אַ שוטה, אַ פּרא אָדם, אַ מלמד!

— אַרויס, שייגעץ! — האָט דער פּרינסיפּאַל אַ ריס געטון דעם קאָפּ, מורא האָבנדיק זיין באָרד זאָל נישט בלייבן ביי גרינען אין דער האַנט. — שלאָגן גאָר? אַזאַ יונגאַטש! עמעצער איז אים שולדיק, אַז ער קען קיין עברי נישט! געהערט? טאַ־טאַ־טאַ!

גרין איז גיך אַרויס פון צימער, זיך געפילט באַפרידיקט, וואָס ער האָט דאָס יידל אַזוי באַליידיקט, און באַשלאָסן מער קיין „היברוּ־סקול" נישט צו זוכן. ער האָט זיך מיטאַמאָל צעלאַכט, נישט געגלויבט, אַז ער איז פעיק געוועזן צו רייסן דעם פּרינסיפּאַל פאַר דער באָרד,

און נישט געפילט, אַז אַ קאַלטער רעגן שפּריצט. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אונטערן „עלעוויטער" [1]. אַ צוג איז דורך מיט אַ געפילדער. גרין האָט אַראָפּגעכאַפּט דעם קאַפּעלוש און זיך צעשריען. ער האָט געפילט ווי זיין קול וואַקסט, הויבט זיך העכער, שטייגט איבער דעם געפילדער פון דעם צוג, הילכט אָפּ אויף מיילן און אים איז לייכטער געוואָרן.

1) שטאָט-באַן.

## XVI

פאַרנאַכט איז ראַבינאָוויטש געלאָפן אַריין אין דער „מחזיקי-תורה" און אינגאַנצן האָט ער אויסגעזען, ווי אַ יונגערמאַן, וואָס קומט אָנדינגען ס'ערשטע קינד. נאָך אים האָט זיך נאָכגעשאַרט אַ בחור מיט אַ שטעקעלע, וועמעס לאַנגע הענט און פיס האָבן זיך יעדן געוואָרפן אין די אויגן. ראַבינאָוויטש האָט זיך חשודדיק אַרומגעקוקט, דערנאָך האָט ער אַריינגעשטעקט דעם קאָפּ אין אָפיס, ווו מיסטער קליין, דער סעקרעטאַר, איז זיך געזעסן אין קאַפּל, די פעדער הינטערן אויער, געהאַלטן אַן אָפּגעשיילטע באַרנע, געשניטן מיט אַ מעסערל רייפלעך און זיך באַלעקט.

אַז דער סעקרעטאַר האָט דערזען די ביידע יונגעלייט, האָט ער די איבעריקע באַרנע אַריינגעכאַפּט אין מויל, נישט צעקייטערהייט אַראָפּגעשלונגען, אָפּגעווישט די הענט אינם שרייבטיש און זיך געווענדט צו זיי:

— וואָס פאַרלאַנגט איר?

— מיר זענען געקומען אַראָפּנעמען די לערער. — האָט ראַבינאָוויטש זיך אָנגערופן, בשעת מעשה אַרויסגענומען אַ בריוו, אים געעפנט, אונטערגעטראָגן דעם סעקרעטאַר און אָנגעוויזן מיטן פינגער אויף דער חתימה פון דער „אגודת המורים".

— וואָס? — האָט דער סעקרעטאַר באַלד נישט פאַרשטאַנען וואָס מען וויל פון אים, זיך געכאַפּט אַז ס'איז העברעיש, געוועזן אין אַ פאַרלעגנהייט, ווי ער וואָלט זיך געשעמט צו זאָגן, אַז ער פאַרשטייט

נישט, און אַוועקלייגנדיק דעם בריוו אויפן טיש, האָט ער צווויידייטיק אַ זאָג געטון: — טאָ וואָס ווילט איר?

— איר ווייסט, אַז ס׳גייט אָן אַ שטרייק צווישן העברעישע לערער? — האָט דער בחור מיטן שטעקעלע אָפּגעשטופּט ראַבי־נאָוויטשן.

— נו?

— נו, זענען מיר געקומען אַראָפּנעמען די לערער פון אייער תלמוד תורה!

— הייסט עס, — האָט דער סעקרעטאַר אַרויסגענומען פון וועסטל־קעשענע אַ צאָן־העלצל און אָנשטאָט צו רייניקן די ציין, האָט ער עס גענומען ברעכן צווישן די פינגער — איר ווילט אונזערע לערער זאָלן אויך שטרייקן?

— יעס!

— דאָס וואָס איר ווילט, — האָט דער סעקרעטאַר געשמייכלט — איז נאָך ווייניק, די לערער דאַרפן אויך וועלן!

— אָט ווייז איך אייך, אַז אַלע לערער גייען גלייך אַרונטער. — האָט דער יונגערמאַן מיטן שטעקעלע זיך געלאָזט צו די קלאַסן.

— אין די קלאַסן גיין האָט אייך קיינער נישט ערלויבט! — איז דער סעקרעטאַר פלינק אים פאַרלאָפן דעם וועג.

— וואָס? — איז דער בחור אין כעס געוואָרן. — קיינער פרעגט נישט ביי אייך! גייט, רופט אַ פּאָליסמאַן, גייט טאַקע באַלד, לאָזט מיך אַרעסטירן, נו, וואָס שטייט איר? רופט פּאָליציי!

— אַז כ׳וועל רופן, וועל איך זיך ביי אייך נישט אָנפרעגן, — איז דער סעקרעטאַר געוואָרן בלייך — נאָר דאָס זאָג איך אייך: איר זאָלט נישט וואַגן צו גיין אין די קלאַסן, כ׳וועל אייך פון אַלע טרעפּ אַראָפּשליידערן!

— איך ווייס, אַז איר וועט רופן, — האָט דער בחור געאַרבעט מיט די לאַנגע הענט — טאָ רופט באַלד, סטראַשעט קיינעם נישט! וויפיל נעמט איר אַ וואָך דאָ?

— כ׳וועל אייך לאָזן וויסן דורך פּאָסט!

— שעמט אייך, אַ ייד אין די יאָרן זאָל פאַר פופצן דאָלאַר אַ וואָך פאַרקויפן די נשמה מיט לייב און לעבן!

— וואָס טויגן די געשרייען, — איז ראַבינאָוויטש אַריין צווישן

סעקרעטאַר און דעם בחור — דאַרף מען זיך קריגן, אַז מען קאָן אויסקומען מיט גוטן! מיר זענען דאָך נישט קיין שניידערס, צי שוסטערס, מיר האָבן דאָך צו טון מיט אינטעליגענטע מענטשן, טאָ צו וואָס די קולות, אַז מיר קאָנען אין גוטן זיך דורכרעדן...

— דאָס זענען אַנדערע דבורים, — איז דערסעקרעטאַר צו געשטאַנען צו ראַבינאָוויטשן און אים אָנגענומען פאַר אַ קנעפל פון ראָק — נישט ס'קומט צו דיר אַ ווילד-פרעמדער און זידלט דיך נאָך... כ'האָב אויך אַמאָל געשטרייקט. מיט יאָרן צוריק, אַז כ'בין נאָר אַריבערגעקומען, אַ גרינער, וואָס טוט מען? גייט מען אין שאַפּ אַריין. האָט אויסגעבראָכן אַ שטרייק. אַ שטרייק? נו פאַרפאַלן, שטרייקט מען מיט. וואָס זאָל איך אייך דערציילן? מען זאָגט אַן אַרבעטער איז אַ גראָבער נפש, ס'איז אמת. אַזוי פלעגן זיי לעקן דעם באַלעבאָס, חנפענען, און אַז זיי זענען אַרויס אין שטרייק, איז להשמיד ולהרוג! איך, פאַרשטייט איר מיך, בין אַ בוקאָווינער, ווייס וואָס ביזנעס איז, און אַז מען האָט אַ „ביזנעס-אידעע" קומט מען דורך מיט דער גאַנצער וועלט. איז אַז דער שטרייק האָט אויסגעבראָכן, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז נאָכצוגעבן אַלע פאָדערונגען איז אַן אוממעגלעכע זאַך, האָב איך זיך דורכגערעדט מיטן באַלעבאָס, דורכגעקומען מיט אים, און וואָס מיינט איר איז געווען דער סוף? זיי האָבן פאַרלוירן דעם שטרייק, געמוזט אָנקומען נאָך אויף קלענערע שכירות, און איך האָב געאַרבעט לייכטער ווי פריער און דערצו נאָך געהאַט אַן הוספה. טענה איך, צו וואָס די גאַנצע חתונה? איך זע, אַז איר פאַרשטייט „ביזנעס", ווייסט איר דאָך, אַז נאָכצוגעבן די באַדינגונגען איז אוממעגלעך, מען וועט מוזן די „היברו" פאַרמאַכן, איז מיין פלאַן צו העכערן אַ פינפערל יעדן לערער אַ חודש. איך בין אַ ייד, וואָס וויל קיין זאַך נישט בחנם, ס'האַנדלט זיך נישט וועגן אַ פּאָר דאָלאַר, פאַר אייער טרחה וועט איר אויך קריגן אַ פופצן דאָלאַר און איר וועט אונטערשרייבן, אַז מיט דער „מחזיקי-תורה" איז דער שטרייק „געסעטלט" 1), כ'מיין...

ראַבינאָוויטש האָט געקוועטשט מיט די אויגן, געטראַכט אַז מען דאַרף דעם פלאַן זיך איבערלייגן און זיך אַרומגעקוקט, ווו זיין חבר איז.

---

1) ערלעדיקט, איינגעאָרדנט.

בשעת דער סעקרעטאַר מיט ראַבינאָוויטשן האָבן געהאַלטן אין רעדן, איז זיך דער בחור מיטן שטעקעלע געגאַנגען פון איין קלאַס אין צווייטן און אויף העברעיש מיט דער „הברה הספרדית" אויפגעפאָדערט יעדן לערער אין דעם נאָמען פון דער אגודה, זיי זאָלן אַרונטערגיין. די קינדער האָבן זיך גענומען שיטן אין אַן אומאָרדנונג, מיט אַ הוראַ, אַז זיי האָבן שיר ס'הויז נישט איינגעלייגט.

— כ'מיין, — האָט דער סעקרעטאַר זיך אַרומגעקוקט פון וואַן דער טומל קומט — וואָרט אונטער אַ ביסל, דער פרעזידענט דאַרף באַלד אָנקומען, כ'פאַרזיכער אייך, אַז מיר וועלן דורכקומען, מיר לעבן דאָך נישט צווישן גזלנים!

אַז דער סעקרעטאַר האָט דערזען, ווי די קינדער שיטן זיך פון די קלאַסן, איז ער געבליבן שטיין ווי אַן אָפּגענאַרטער, גאָר נישט גערעדט. ראַבינאָוויטש האָט זיך געשראָקן פאַר זיין אייגענעם געדאַנק, אויפגעגעבן ביי זיך די פאַרהאַנדלונגען מיטן סעקרעטאַר און געוואַרט די לערער זאָלן אַרונטערקומען.

די לערער זענען געווען צופרידן, וואָס מען וועט זיי העכערן די שכירות, געווען אָבער צעשראָקן, נישט געגלויבט די באַלעבאַטים זאָלן נאָכגעבן, און ס'האָרץ האָט יעדן געזאָגט, אַז זאָל מען אָנהויבן לערנען העברעיש אין יידיש, וועט די תלמוד תורה האָבן הונדערט לערער פאַר איינעם, און זיי וועלן בלייבן אָן ברויט.

וואַקסמאַן איז געשטאַנען צווישן מילערן און ראָזענען, געשפריצט בשעתן רעדן און זיי איבערצייגט אין העברעיש, אַז דער איינציקער וועג צו פאַרבעסערן דעם מצב פון די לערערס איז צו שטרייקן.

פרידקין איז אַרומגעגאַנגען אַ גלייכגילטיקער. ער האָט סיי־ווי־סיי נישט געהאַט וואָס אָנצוווערן, געוווּסט, אַז ער האָט נאָך אינגאַנצן דאָ צו שטיין אַ חודש, זיך שפּאַצירט איבערן פאָדער־הויז אַן אויפגעלייגטער און געשיט דעם סעקרעטאַר זאַלץ אויף די ווונדן:

— האַ, צייטן, מלמדים שטרייקן, פיין, פיין! נאָך די מלמדים וועלן די סעקרעטאַרס נעמען שטרייקן! לאָזן זיי וויסן די „באָסעס" [1], אַז אַ לערער איז נישט הפקר!

---

1) באַלעבאָס פון געשעפט אָדער פאַבריק.

ראַבינאָוויטש האָט שוין לאַנג געהאַט פאַרגעסן, אַז ער האָט זיך נאָר וואָס געשלאָגן מיט דער דעה, פאַר פופצן דאָלאַר צו פאַרקויפן דעם שטרייק, און ווען נישט די קינדער, וואָס האָבן אָנגעמאַכט אַזאַ טומל, ווער ווייס? דער אַגיטאַטאָר האָט זיך אין אים דערוועקט, פאַרגעסן, אַז פאַר אים שטייען בלויז פיר־פינף מענטשן, געמאַכט דעם אָנשטעל, ווי ער וואָלט געשטאַנען אויף אַ פלאַטפאָרמע, אָנגעהויבן מיט דער העכסטער אָקטאַווע, און אַזוי אַז די שטימע האָט זיך באַלד ביי אים איבערגעריסן, אָנגעהויבן כריפען:

— און אַז דער העברעישער לערער וועט פאַרבעסערן זיין מצב, וועט ער נישט זיין אַזוי געפאַלן ביי זיך און פאָדערן, אַז יעדער פרעזידענט זאָל אויף אים קוקן ווי אויף אַ מענטשן, און ס׳וועט במילא אויסקומען, אַז אַלע לא־יוצלחס וועלן זיך מער נישט שטופן אין מלמדות, אַזוי אַז ס׳וועט זיין אַ מינימום אין שכירות, דאָס הייסט, צוואַנציק דאָלאַר אַ שעה, און יעדער גראָבער יונג וועט מער נישט קאָנען קאָנקורירן מיט אַ העברעישן לערער!

— חברים, מיר דאַנקען אייך, וואָס איר האָט זיך אָפּגערופן אויפן „אַפּיל״ פון אייערע קאָלעגן, וואָס שטרייקן שוין איבער אַ חודש, טיילן זיך מיטן ביסן, כאָטש מער ווי אַ העלפט האָבן ווייבער מיט קינדער, און מיר האָפן, אויב די איבעריקע וועלן נאָכטון אייערביישפּיל און שטיין מיט אונז, וועלן מיר זיכער געווינען דעם שטרייק, אויסקעמפן אָנשטענדיקע שכירות, אַרויסנעמען דעם חנוך פון עם־הארצישע הענט...

אין מיטן רעדן איז דער פרעזידענט, מיסטער שולץ, אַריינגעקומען, באַלד זיך געכאַפּט. וואָס דאָ קומט פאָר, אויסגעהערט ראַבינאָוויטשעס דרשה, און אַז ער האָט דערהערט, אַז די בחורימלעך ווילן אַרויסנעמען דעם חנוך פון די ע מ ־ ה א ר צ י ש ע הענט, איז ער אַריין אין דער מיט און אָנגעכאַפּט ראַבינאָוויטשן ביים קאָלנער:

— יונגערמאַן, אויב איר רעכנט, אַז אַ תלמוד־תורה איז נישט מער ווי אַ „שאַפּ״, וווּ מען פירט אָן שטרייקס, גייט אַרויס פון דאַנען, גיכער, דען איך הייס דער גוי זאָל אייך אַרויסוואַרפן!

ראַבינאָוויטש האָט זיך נישט געריכט אויף אַזאַ ברוך־הבא, געקוועטשט מיט די אויגן, געקלערט ווי זיך אַרויסצודרייען, ס׳זאָל זיין גוט

פאַרביידע צדדים, און איידער ער האָט צייט געהאַט עטוואָס צו באַשליסן, האָט דער בחור מיטן שטעקעלע אָנגעכאַפּט דעם פּרעזידענט, אים אַ ריס געטון פון ראַבינאָוויטשן, געהאַלטן פאַר די לאַצן און אַריינגעשריען אין אים מיט דער הברה-הספרדית:

— דו מיינסט ביסט ביי דיר אין שאַפּ, ווו דו שטעלסט אָן „גענגסטערס *)", מען זאָל צעברעכן יעדן שטרייק? אויב דו הערסט נישט אויף צו שטערן, שליידער איך דיך אַרויס פון דיין אייגענער שול! וואָס מיינסטו, וועסט דאָ איינפירן די „לשכה-השחורה"?

— פע, פע, — האָבן עטלעכע לערערס מיטאַמאָל זיך גענומען קרימען, געהויבן מיט די אַקסלען, ווי זיי וואָלטן זיך אָפּגעשאָקלט פונם בחור מיטן שטעקעלע — נישט שיין, וואָס עפּעס שלאָגן? ווי הויבט מען דאָס אַ האַנט אויף אַ יידן?

דער פּרעזידענט איז געשטאַנען אַ בלאַסער, מורא געהאַט מען זאָל אים נישט שלאָגן און נישט געגלויבט ס'זאָלן זיין מענטשן, וואָס פאַר ברויט באַוואַרפן זיי אים מיט שטיינער.

דער סעקרעטאַר האָט דערווייל אַריינגערופן דעם שבת-גוי, אַליין האָט ער זיך פון זיכערקייט וועגן באַוואָרנט מיט אַ מעשענע „צדקה תציל ממות" פּושקע און גענומען שרייען:

— סטאַף, וואָרף אָט אָ דעם יונגנמאַן מיטן שטעקעלע אַרויס!

אייגציקווייז האָט דער עולם זיך גענומען אַרויסרוקן. פרידקין, וואָס איז געווען דער לעצטער, האָט זיך צעשמייכלט, ווען דער סעקרעטאַר האָט אים איינגערוימט:

— דער פּרעזידענט וויל אייך זען, קומט היינט אין אָוונט צו אים אַריבער, איר וועט קומען?

— אָל-רייט!

פרידקינען האָט פאַרדראָסן, צו וואָס ער האָט זיך פאַרדרייט אַ קאָפּ מיט שושנהן. איצט, גייענדיק אַהיים, האָט ער דערפון נאָך מער געליטן. ער האָט געפילט, אַז דאָס וואָס דער פּרעזידענט שיקט נאָך אים, ווען אַלע לערערס זענען אַרויס אין שטרייק, הייסט, אַז ער בלייבט ווייטער פּרינציפּאַל, וועט מסתמא קריגן אַ הוספה, וועט... אים האָט הנאה געטון, וואָס ער האָט אָפּגעלייגט די חתונה מיט שושנהן פון טאָג צו טאָג.

1) גאַסן-יונג, כוליגאַן.

נו, טאַקע, וואָס איז ס'געאייל? אַזאַ גליק וועט ער קיינמאָל נישט פאַרשפּעטיקן! ס'וואָלט אַפילו גלייכער געווען, ווען ער נעמט נישט צוזאַמען מיט איר די דירה, האָט ער זיך אָבער נישט געקאָנט פון איר אָפּטשעפּען אַזאַ מויד, זי קאָן אים נאָך לאָזן אַרעסטירן, גיי, שפּיל זיך מיט אַמעריקאַנער געזעצן! אַז אַ מויד, וואָס זי זאָל נישט אויסטראַכטן, איז זי באַגלויבט, כאָטש אין האַרצן איז ער געווען זיכער, אַז שושנה טראָגט נישט, אַנדערש וואָלט זי זיך נישט אויפגעהערט איבערצונעמען דערמיט, און זי האַלט עס אין איין פאַרשווייגן. ער איז געגאַנגען פּאַמעלעך, אָפּגעמאַטערט ביי זיך, אַז אויב ער וועט שליסן מיטן פּרעזידענט אַ קאָנטראַקט אויף צוויי יאָר, צעגייט ער זיך מיט איר, זי איז נישט פאַר אים, דערצו, ווער ווייס, ס'קאָן זיין דעם פּרעזידענטס טאָכטער... איצט וואָלט זי געווען גליקלעך, ווען ער מאַכט איר אַ פאָרשלאַג! אַ מיידל, אַלע ווייסן — זי האָט זיך אַרומגעשלעפּט מיט גרינען, מסתמא געווען אין נאָענטע באַציונגען מיט אים, האָט זיך מער נישט מיט וואָס איבערצונעמען, דאַרף דאַנקען גאָט, אַז ער, פרידקין, וויל זי!

אַז ער האָט איבערגעטראָטן די שוועל, איז די גוטע שטימונג פון אים אַוועק. ער האָט זיך מיט שושנהן נישט באַגריסט, אַראָפּגעוואָרפן דעם קאַפּעליוש, דעם ראָק, געשליידערט די בענקלעך, ווי זיי וואָלטן אים געווען אין וועג, און געזוכט זיך צו פאַרטשעפּען מיט איר.

— וואָס עפּעס אַזוי פרי היינט? — האָט שושנה אָפּגעשוימט די יויך.

— אַז מען האָט קיין אַרבעט נישט, קומט מען פרי! — האָט פרידקין זיך אַ בייזער געטון.

זי האָט אַוועקגעלייגט דעם זופּלעפּל און איז צוגעקומען צו אים:

— וואָס, האָסט זיך צעקריגט מיטן פּרעזידענט?

— כ'האָב אים אויסגעהאַקט אַ פּאַטש!

— וואָס?

— וואָס דו הערסט! זיך לאָזן יאָרן לאַנג אַרומקריכן איבערן קאָפּ? ב'וואָלט געווען פון אייזן, וואָלט דאָס געדולד אויך געפּלאַצט! — האָט פרידקין הנאה געהאַט, וואָס ער נאַרט זי אָפּ.

— נו, האָט ער דיר אָפּגעזאָגט פון דער שטעל?

— ניין, ער האָט מיר געגעבן אַ הוספה, וואָס פרעגסטו, נאַר דו? זי האָט נישט געענטפערט, זיך געפילט באַליידיקט, וואָס ער

רופט זי נאַר, גענומען די הענט פאַר דער טאַליע און אַרויסגעלאָזט אַ זיפץ :

— נו ?

— וועט מען הונגערן !

— נישט געפערלעך, וועסט קריגן אַן אַנדער שטעל.

— איצט קריגט מען נישט !

— איז נישט, — האָט זי צענומען די הענט — אין גיכן וועל איך עפענען אַ פלאַץ, וועסטו זיין דער מענעדזשער 1), גוט ?

— דו עפנסט שוין אַזוי, — האָט פרידקין אַ צוק געטון מיט אַן אַקסל — צייט איך קען דיך ! — פאָלג מיך, שושנה, און קריג בעסער אַן אַנדער מאַן, וואָס דאַרפסטו אַ מאַן, ער זאָל דיר אָפעסן די ביינער ? כ׳מיין עס ערנסט !

— דו קאָנסט נישט זען, כ׳זאָל אַ מינוט נישט האָבן קיין עגמת־נפש.

— ס׳מוז דאָך נעמען אַמאָל אַ סוף !

— וואָס מיינסטו ? — איז שושנה געוואָרן בלאַס.

— כ׳מיין, אַז איך טאָר נישט חתונה האָבן !

— ווער צווינגט דיך ! — האָט זי אַ באַליידיקטע אַ זאָג געטון.

— דו !

— איך ?

— יעס !

— ברעך שוין הענט און פיס, הערסט ? אַזאַ נישט אַזאַ, ער האָט נאָך נישט חתונה געהאַט און וואַרפט מיר שוין צען מאָל אַ טאָג דעם גט אונטער די פיס.

— אַודאי האָב איך נישט חתונה געהאַט !

— האָסט נישט חתונה געהאַט ? — איז זי מיט אַמאָל צוגעלאָפן צו אים און אים אָנגעכאַפּט פאַר אַ לאַץ — האַ, וואָס שווייגסטו ? פאָדליעץ דו, אוממענטש, כ׳וועל דיך אַרויסיאָגן !

זי האָט אים אַ וואָרף געטון אויף דער וואַנט. ער האָט זיך קוים דערהאַלטן אויף די פיס, געשטאַנען אַ ווײַלע, זיך דערמאָנט, אַז ער איז שטאַרקער און איר אַ קניפ געטון. זי האָט אַרויסגעלאָזט אַ קוויטש,

---

פאַרוואַלטער.

זיך איינגעביסן מיט די ציינער אין זיין האַנט און געשלאָגן, ווו זי האָט נאָר געטראָפן.

---

— האַללאָ, מיסטער פרידקין, — האָט בעסי אים געעפנט די טיר און באַגעגנט ווי אַן אַלטן באַקאַנטן — דער פאָטער האָט געבעטן איר זאָלט צוואַרטן, ער קומט גלייך.

— ס'מאַכט נישט, ס'מאַכט נישט, — האָט פרידקין אַראָפּגענומען דעם שטייפן קאַפעליוש, אים געהאַלטן איןביידע הענט, ווי ער וואָלט מורא געהאַט, ס'זאָל זיך עפּעס פון אים נישט אַרויסגיסן און געוואַרט, ווו מען וועט אים הייסן אַריינגיין.

בעסי האָט געעפנט אַ זייטיקע טיר, אים אַריינגעפירט אין דער סאַליע, ווו שווערע שטיקער מעבל זענען געווען אויסגעשטעלט, אַז ס'איז אַזש קיין אָרט נישט געווען ווו זיך אויסצודרייען, און אים געוויזן אויף אַ „מאָריס"-שטול, ער זאָל זיך זעצן:

— איר וועט טרינקען טיי?

— טיי און תּהילים... — האָט פרידקין אָנגעהויבן, און איידער ער האָט צייט געהאַט צו ענטפערן, איז בעסי שוין געווען אויף יענער זייט טיר.

ער איז געווען גוט אויפגעלייגט, געפילט, אַז בעסי איז היינט צו אים העפלעכער ווי תּמיד, דערצו זעט זי אויס עפּעס אַזוי פריש און יונג, די ליפּ פאַרשאַרצט זיך אַזוי זיס, איז אים איינגעפאַלן, אַז איצט איז די בעסטע געלעגנהייט. אויב ער וועט זיך מיט איר איצט נישט אויסשמועסן, איז ער אַ לא-יצלח, וועט ער עס תּמיד באַדויערן און ס'גאַנצע לעבן וועט ער מוזן אָפּפינסטערן מיט שושנהן. אין איין רגע האָט ער ביידע פאַרגליכן און אָפּגעמאַכט, אַז ער מוז פון שושנהן פּטור ווערן. ער האָט באַטראַכט די מאָריס-שטול, זיך באַקוועמער אויסגעצויגן, באַקוקט די אייל-בילדער אין שווערע גאָלדענע ראַמען, וואָס האָבן געהאָנגען אויף די ווענט, און זיך צוגעגרייט, איידער דער פּרעזידענט וועט אָנקומען, זיך דורכצושמועסן מיט בעסין.

פון גרויס התפּעלות האָט ער זיך אויפגעשטעלט, זיך דורכגעגאַנגען איבערן צימער, אָנגעטאַפּט מיט די פינגער די גלאַטיקע טונקל-רויטע

שטיקער מעבל, די אייל־בילדער, חשק געהאַט צו עפענען די „וויקטראָלאַ״, איז בעסי אַריינגעקומען מיט צוויי גלעזער טיי.

— איר זענט שוין אַ לאַנגע צייט ביי אונז נישט געווען? — האָט בעסי אים אונטערגערוקט אַ גלאָז טיי. — וואָס מאַכט איר עפּעס, מיסטער פרידקין?

פרידקין האָט זיך אַוועקגעזעצט, אַ צופרידענער אָנגעצויגן די געמבע, פילאָזאָפיש געקוקט אין רויטן גלאָז טיי אַריין, און נישט אויפהויבנדיק די אויגן, זיך אָנגערופן:

— איר האָט דען געבענקט נאָך מיר?

בעסי האָט זיך עטוואָס פאַרלוירן, נישט געוווסט גלייך וואָס צו ענטפערן און אַ שפּאַס געטון:

— איר ווילט דען, כ׳זאָל בענקען נאָך אייך.

— וואָס איך וויל, — האָט פרידקין אָנגעהויבן, זיך נאַריש צעשמייכלט און נישט געענדיקט — נאָר איין זאַך וועל איך אייך זאָגן, כ׳האָב פיינט אַ צווייטן צו קריכן אין וועג אַריין!

— וואָס מיינט איר?

— איר ווייסט בעסער פון מיר!

— איך? — האָט זי אַ צוק געטון מיט די אַקסלען.

— אַז ער איז דאָ גאַנצע טעג געלעגן, — האָט פרידקין אָפּגערוקט פון זיך דעם טיי, ווי ער וואָלט אים געשטערט — האָב איך נישט געקאָנט קומען!

— ווער? — האָט בעסי געשמייכלט.

— דער פּוילישער.

— גרינען מיינט איר? — האָט זיך בעסי צעלאַכט.

— יעס.

— פאַרוואָס האָט איר אים אַזוי פיינט?

— כ׳האָב פיינט אַלע פּוילישע, — האָט פרידקין גענומען אויף גיך זופּן דעם טיי — אַז זיי זענען גנבים! איר לאַכט? יעדער וואַרשעווער, אויב ער וועט נאָר קאָנען, וועט ער אייך באַשווינדלען, דערצו זענען זיי „דזשיקאַנער״, עמי־הארצים, קענען קיין עברי נישט, אויף אַן אָ, זאָגן זיי או, האַ, האַ, האַ! און זייערע מיידלעך זענען בעסער? אַלע הייסן זיי רוזשקע, און בראָנקע און פּאַר אַ באָמבאָניערקע זענען זיי

גרייט האַ, האַ, האַ!... איך קען זיי גוט, די פוילישע דריבעס! כ׳האָב זיי פיינט!

— און מאַלאָרוסיש האָט איר אויך פיינט? — האָט בעסי זיך איינגעהאַלטן, זי זאָל נישט אַרויסלאַכן.

— כ׳זע איר ציט מיך היינט עפּעס צופיל פאַר דער צונג, — האָט פרידקין אַראָפּגעלאָזט די אויגן, מער איינגעצויגן די געמבע, געוואָרט אַ ווײַלע, ווי ער וואָלט זיך געזישובט און אָנגעהויבן מיט איין אָטעם — איר דאַרפט וויסן, אַז איר געפעלט מיר, כ׳מיין פון ערשטן טאָג אָן, וואָס כ׳האָב אייך געזען, זענט איר מיר געפעלן... ווי איר קוקט מיך אָן, בין איך אַ שטילער מענטש, נישט ווי אַנדערע, וואָס מאַכן אָנשטעלן, זינגען, טאַנצן, ליגן אָפּ גאַנצע נעכט אין קאַבאַרעטן... ביי מיר וועט אַ ווײַב האָבן זייער גוט, כ׳בין אַ הויז־זיצער, מיין בעסטער פאַרגעניגן איז אין שטוב. קאָן זיין אַ גרעסערער פאַרגעניגן, ווי אין אַ רעגן, צו גלאָט אַ שלעכט וועטער, צו זיצן אין פענסטער און קוקן, ווי אַנדערע ווערן אויסגעריסן, לויפן ווי אָפּגעוואַשענע קעץ? טענה איך... יאָ... מיינט נישט, אַז כ׳בין אַ לערער, האָב איך קיין געלט נישט. כ׳האָב אַ באַנק־ביכל און קיין עין־הרע אַ שווער באַנק־ביכל, פאַרזיכער איך אייך, אַז כ׳וועל אייך אויסמעבלירן פונקט אַזאַ זאַל, — ער האָט געוויזן מיט דער האַנט אויפן מעבל און בילדער — ווי איר האָט ביי אייער פאָטער, נאָך מער, דאָס וועט מוזן זיין בעגילדט.

בעסי האָט געזען, אַז פרידקין איז ערנסט, שפּאַסט נישט, האָט זי זיך פאַרלוירן און געקלערט, ווי ר׳נאָך זיך אַרויסצודרייען און אים לאָזן אַליין.

— אַז איך האַלט אָבער נישט פון חתונה האָבן?

— און איר מיינט, אַז איך בין אַזוי פאַנאַטיש? — האָט ער זיך אויפגעשטעלט, זיך איבערגעזעצט אויף אַן אַנדער שטול, נעענטער צו בעסין. — דאָס רעד איך דאָך וועגן אייערע עלטערן, זיי וועלן נישט דערלאָזן זייער טאָכטער זאָל ווינען מיט אַ מאַן אָן חופּה וקדושין.

— איר האָט מיך נישט פאַרשטאַנען, מיסטער פרידקין. — האָט בעסי זיך צעלאַכט און געטראַכט, אַז מען דאַרף גאָר אַרויסלויפן און אים איבערלאָזן.

— וואָס הייסט? האָט פרידקין זי אָנגענומען פאַר אַ האַנט.

— איך האָב געמיינט צו זאָגן, — האָט בעסי אַרויסגענומען די האַנט פון זיינע — אַז כ׳האַלט סתּם נישט ביי חתונה האָבן.

— וואָס, כ׳געפעל אייך נישט?

— איר געפעלט מיר, — האָט בעסי פון שרעק אַרויסגעשטאַמלט — נאָר נישט חתונה צו האָבן מיט אייך.

— אַזוי? האָט ער זיך אויפגעשטעלט, די אויסגעלאָשענע אויגן זענען געוואָרן גלאַנציק, זיך איינגעגעסן מיט זיי אין בעסין, ווי ער וואָלט זיך געקליבן וואַרפן אויף איר.

בעסי האָט זיך אַ רוק געטון פון אים, זיך פאַרשטעלט מיטן ווענטל פון אַ שטול.

— איר מיינט, ס׳איז אַ סוד, אַז איר האָט זיך אַרומגעשלעפּט מיט גרינען.

— טאָ וואָס ווילט איר?

— וויל איך אייך זאָגן, — איז ער נענטער צו צו איר — אַז ס׳דאַרף פאַר אייך זיין אַ כּבוד, אויב כ׳וויל אייך. נישט מאַכן ווייבערשע שטיק, איר מיינט די וועלט שלאָפט? טאָ וואָס נעמט איר זיך אַזוי איבער?

בעסי האָט געפילט, ווי אים אַראָפּצולאָזן אַ פּאַטש, נישט געגלויבט, אַז פרידקין, אַזאַ אידיאָט, וועט איר אויך אויפוואַרפן, אַז זי איז נישט מאָראַליש געגעגוג, אַז ער שטייט פיל העכער פון איר, און איז זיכער, אַז ער טוט איר אַ טובה, וואָס ער בעט איר האַנט. זי האָט זיך באַהערשט, מורא געהאַט זי זאָל זיך פון ערגערניש נישט פונאַנדער־וויינען, גאָרנישט געענטפערט און גענומען אַרויסגיין. ער האָט איר פאַרשטעלט דעם וועג:

— נו, וואָס בלייבט?

זי האָט געעפנט אויף אים אַ פּאָר אויגן, אַז ער האָט זיך אָפּגערוקט.

— לאָזט דורך!

— וואָס מיינט איר, כ׳וועל זיך לאָזן אַרומפירן ביי דער נאָז?— האָט פרידקין זי אַרומגעכאַפּט מיט ביידע הענט.

בעסי האָט זיך אַ ריס געטון, אים אַ שפּיי געטון אין פּנים

אַריין און מיט אַ קוויטש פון אַן איבערגעשראָקענעם, אַז ס׳גאַנצע הויז איז זיך צונויפגעקומען, איז זי אַרויס פון צימער און פאַרהאַקט נאָך זיך די טיר.

פרידקין איז געבליבן שטיין נישט טויט, נישט לעבעדיק, אַליין נישט געגלויבט, וואָס מיט אים איז נאָרוואָס פאָרגעקומען, זיך געהאַלטן אין אייןווישן דאָס פּנים, די אויגן און געהערט הינטער זיך קולות:

— וואָס איז?

— וואָס איז געשען?

— בעסי?

— אַ מויז!

— וואָס?

— כ׳האָב זיך איבערגעשראָקן — אַ מייזל איז נאָרוואָס פאַרביי־געלאָפן!

— משוגענע!

— שרייט מען אַזוי? גוט, גוט, — האָט די מוטער גערעדט — כ׳זאָג שוין לאַנג, מען זאָל אויף ביינאַכט אַריינלאָזן אין שטוב די קאַץ. אַז איר אַלע טרייבט זי!

מען איז זיך צעגאַנגען. ס׳איז געוואָרן שטיל. פרידקין איז נאָך אַלץ געשטאַנען אויפן זעלבן פלאַץ, זיך געווישט דאָס פּנים, געפילט ווי אַלץ און אים קאָרטשעט זיך פון ווייטיק, פון חרפּה. ער האָט חשק געהאַט צו צעברעכן דאָס מעבל, אַ שליידער צו טון די בראָנזענע סטאַטועטקע אין שפּיגל אַריין, אַרויסצוואַרפן די רעקאָרדס פון דער „וויקטראָלאַ״, קלאַפּן איבער זיי מיט די פיס, איבערצודרייען די סערוואַנטקע מיטן פאַיאַנס, ס׳זאָלן בלייבן בלויז שערבלעך. דער שרעק, אַז עמעצער קאָן נאָך אָנקומען, האָט גובר געווען דעם כּעס. ער האָט אַרויסגענומען אַ קליין מעסערל און מיט דערמיט גענומען קראַצן איבער די פיס פונעם מאַהאַגאָנעם טיש, איבער די ווענטלאַך פון די שטולן, און וואָס שטאַרקער ער האָט געקראַצט, אַלץ מער האָט זיך אין אים דער טייוול צעשפּילט, חשק געהאַט דעם שפּיגל צו צעשמעטערן, איבערלאָזן די „היברו־סקול״, שושנהן און אַוועק ערגעץ אין דער וועלט אַריין.

— איר וואַרט שוין לאַנג? — איז דער פּרעזידענט אַריינ־געקומען.

פרידקין האָט אין איין אויגנבליק זיך אינגאַנצן געענדערט, בלאַס געוואָרן, דערנאָך זיך פאַררויטלט, אַריינגערוקט דעם מעסערל אין אַרבל און ווי ער האָט נישט אַ דריי געטון מיט די אויגן, האָט ער אַלץ געזען די צעקראַצטע פּיס פון טיש. ער האָט זיך אַ דריי געטון, ער זאָל פאַרשטעלן די פּיס, און גענומען הכנעהדיק שמייכלען:

— נאָרוואָס אַריינגעקומען.

— נו, מיסטער פרידקין, האָב איך עס געדאַרפט? אויסגעבויט אַ שול, אַ תלמוד תורה, כ׳פאַרנאַכלעסיק ס׳הויז, די קינדער, מאַכט זיך מיר אַ ליידיקער אָוונט, כ׳קאָן שוין אַמאָל פאַרברענגען מיט מיין פאַמיליע, פּטר איך אים אין דער „היברו״, און אַז כ׳מאַך דערפון נישט קיין לעבן, ווייסט איר דאָך אַוודאי, פרעג איך אייך, איז עס רעכט, מען זאָל זיך כאַפּן מיך שלאָגן?

— עפּעס אַ ווילדער יונג. — האָט פרידקין אַריינגעוואָרפן.

— און די לערערס האָבן אויך שיין געהאַנדלט, ס׳מאַכט נישט. — האָט דער פּרעזידענט זיך נישט צוגעהערט צו פרידקינען און גערעדט זיינס — איר זענט נישט צופרידן מיט די שכירות? קומט מען אַריבער, מיין אַדרעס, ברוך השם, ווייס מען, מען שמועסט זיך דורך, מיר זענען דאָך יידן... נישט מיטאַמאָל אַ שטרייק! וואָס, די תלמוד־תורה איז להבדיל אַ „שאַפּ״? אַז מען וועט זיי לאָזן שטרייקן, קאָנען זיי מאָרגן פאָדערן, מען זאָל אַנשטאָט חומש לערנען אַ קאַפּיטל סאָציאַליזם, ווער איז זיכער מיט זיי? אָט ווי איר קוקט מיך אָן, מיין נאָמען איז נישט שולק, ווי לאַנג איך וועל לעבן, וועט מען אין מיין תלמוד תורה נישט שטרייקן! אויב איך וועל נישט אויספירן, וועל איך צו־מאַכן די תלמוד תורה און נישט נאָכגעבן! אַזאַ עקשן בין איך! און קיין איין לערער, וואָס וועט שטרייקן, וועל איך נישט צונעמען אויף צוריק, לאָזן זיי וויסן! כ׳וועל זיי עוקר מן השורש זיין.

דער פּרעזידענט איז זיך דורכגעגאַנגען עטלעכע מאָל איבער דעם זאַל, געמאַכט גרימאַסעס, ווי ער וואָלט איינגעטענהט מיט זיך, און זיך צוריק אָפּגעשטעלט ביי פרידקינען.

— יעס, איך וויל איר זאָלט בלייבן פּרינסיפּאַל.

— אָל-רייט, — האָט זיך פרידקין פון גרויס פרייד צעשמייכלט — אָבער...

— וואָס אָבער?

— מאָרגן צו קומען אין דער „היברו" איז אַ סכּנה...

— איר האָט מורא, מען זאָל אייך נישט שלאָגן?

— כ'האָב נישט מורא, נאָר זיי האָבן געטענהט, אַז אויב זיי וועלן מאָרגן כאַפּן אין קלאַס אַ לערער, וועלן זיי אים דערהרגענען.

— אויב איר ווילט, וועל איך מיט אייך מיטשיקן אַ פּאָליס-מאַן?

— ס'וואָלט נישט געשאַט.

— הייסט עס, יאָ, — האָט דער פּרעזידענט זיך געקנאַקט די פינגער — איר וועט מאָרגן אָנגיין מיט אייערע קלאַסן ווי געוויינלעך.

פרידקינען איז געלעגן אויף דער צונג, אַז ער דאַרף בעטן אַ קאָנטראַקט אויף צוויי יאָר, זיך געשעמט, באַמערקט ווי דער פּרע-זידענט קוקט אויפן זייגער, ווי ער וואָלט אים געגעבן אָנצוהערן, אַז דער וויזיט איז צום סוף, האָט ער אויסגעשטרעקט די האַנט:

— אַ גוטע נאַכט, מיסטער שולץ.

— אַ גוטע נאַכט. הייסט עס, מאָרגן זעען מיר זיך?

— אָל-רייט.

---

איבערן טראָטואַר, וואָס פאַר דער „מחזיקי-תּורה", האָבן עטלעכע יונגעלייט שפּאַצירט הין און צוריק. איינער פון זיי האָט געטראָגן אויף דער ברוסט אַ טאָוול, וואָס האָט געהאָנגען מיט שטריקלעך ביים קאַרק און אויסגעזען פון דערווייטנס ווי אַ „חושן", וואָס אַ מלמד פלעגט אויסשניידן פאַר זיינע תּלמידים, אויפן טאָוול איז געווען געכּתבעט מיט גרויסע אותיות:

| |
|---|
| העלפט די לערערס אין שטרייק; |
| וחי אָחיך עמך! |

אין גאַס איז געווען שטיל. בלויז פון דער מחזיקי־תּורה, וווּ עטלעכע אַלטע יידן זענען געזעסן איבער אַ לאַנגן טיש און געלערנט, האָט זיך געטראָגן אַן אומעטיקער ניגון, וואָס האָט דערמאָנט אַן אַלטן זיידן, אַ לאַנג פאַרגעסן בית־המדרש־געסל. פאַרבייגייער האָבן זיך אָפּגעשטעלט. טייל האָבן געצוקט מיט די אַקסלען, געגאַנגען ווייטער, אַנדערע האָבן ווי צו זיך גערעדט:

— אַמעריקע, שטרייקן שוין מלמדים אויך!

— נישקשה, חדר־קינדער וועלן אויך באַלד אָנהויבן שטרייקן.

ביים אַריינגאַנג אין דער „מחזיקי" איז געשטאַנען אַ פּאָליסמאַן אָנגעשפּאַרט אָן דער ברייט־צעעפנטער טיר. פון לאַנגווייליקייט האָט ער פּרובירט צו פאַרפירן אַ שמועס מיט די יידן, וואָס האָבן געלערנט אין שול. יעדע ווײַלע איז אַן אַנדערער אויסגעוואַקסן ביי דער טיר, ווו אַ לאַנגער האַנטוך האָט געהאָנגען אויף צוויי וואַלקעלעך און זיך געדרייט, ווי אַ פּאַסעק אַרום די רעדער פון אַ מאַשין. די יידן האָבן זיך לאַנג געווישט די הענט, הויך געזאָגט „אשר־יצר", תּמעוואַטע געשאָקלט מיט די קעפּ אויף דעם פּאָליסמאַנס רייד, אַבי פון אים פּטור צו ווערן, און פאַרשוווּנדן אין שול. דער פּאָליסמאַן האָט שטייענדיקערהייט פאַרמאַכט די אויגן, געוואָלט כאַפּן אַ דרימל, און אום ער זאָל נישט איינשלאָפן, האָט ער פון געוווינהייט געהאַלטן אין איין וויגן מיט דער רעכטער האַנט, ווו דער „קלאָב"[1] האָט געהאָנגען אויף אַ לעדערל.

אַן אויטאָמאָביל האָט זיך אָפּגעשטעלט פאַר דער תּלמוד־תּורה. דער סעקרעטאַר, אַ קליינס, אַ גיכס, ווי אַ מייזל, האָט אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ, זיך אַרומגעקוקט און אַרויס פונם אויטאָמאָביל מיט צוויי יידן. דער בחור מיט דער שילד אויף דער ברוסט איז אויסגעוואַקסן פאַר זייערע אויגן און פאַרשטעלט דעם וועג:

— יידן בעלי־תּורה זאָלן „מסיג־גבול" זיין, צונעמען ביי טאַטעס פון קינדער דאָס שטיקל ברויט?

די יידן, צעשראָקענע, האָבן זיך איבערגעקוקט, ווי זיי וואָלטן פון קיין זאַך נישט געוווּסט און גענומען שטאַמלען...

1) אַ קורצער שטעקן, מיט וועלכן די אַמעריקאַנער פּאָליציילייט זענען באַוואָפנט.

— מיר ווילן קיינעם קיין ברויט נישט צונעמען...

— הערט אים ווי דעם קאָטער! — האָט דער סעקרעטאַר זיי כמעט איבערגוואַלט געהאַלטן אין שטופן אויף די טרעפּלעך אַרויף...

דער פּאָליסמאַן איז אונטערגעקומען, מיט בטול געקוקט אויפן בחור מיט דער שילד און גערעדט דורך אַ ווינקל פון מויל, ווי ער וואָלט געזייט די ווערטער:

Keep on, keep on, don't block the street!

די עלטערע יידן האָבן זיך איינציקווייז אַרויסגעשאַרט פון שול, געבליבן שטיין אין אַ קופּקע, יעדער אין אַן אַנדער פּאָזע, און שטיל צווישן זיך גערעדט:

— נאָך אַלעמען איז עס אַ חילול השם, — האָט אַ זקן, וועמעס זון איז פּונקט דעמאָלט געווען אין שטרייק ביי הויזן, זיך אָנגערופן — מען זאָל עס גאָר דערלאָזן צו אַ שטרייק אין אַ תלמוד-תורה.

— וואָס, נאָכגעבן זיי? — איז אַ קליין ליטוויש יידל, אַ געוועזענער וועסטל-„באָס", אַריין אין דער קופּקע. — כ'טענה שוין פון לאַנג, אַז מען דאַרף נישט אין דער „מחזיקי-תורה" קיין גאָלעמאָרדעס! אַז אַ ייד איז אַ גלוח, ווער וועט מיר דאָס קאַווירן, אַז ער איז נישט קיין מחלל-שבת? אַ גלוח וועט מדריך זיין מיינס אַ קינד? נאָ, סער!

— הויבט זיך אָן, — האָבן עטלעכע זקנים מיטאַמאָל אויפגעהויבן די קעפּ, און זייערע אונטערגעשוירענע בערד האָבן זיך אַוועקגעשטעלט ווי בעזעמלעך — ס'איז דאָך אַמעריקע!

אַרום דער קופּקע האָט זיך געקליבן אַן עולם. יאָרצייט-לייט, קדיש-זאָגערס, צוויי שוסטערס, וואָס האָבן צווישן מנחה און מעריב אַוועקגעלייגט די דראַטעוועס, פּאַרשלאָסן די וואַרשטאַטן און אויסגע-שמירטע זיך צו יעדער זאַך איינגעהערט מיט ערנסטע פּנימער. די וועראַנדע, וואָס אַרום דער שול, איז פול געוואָרן מיט מענטשן. אַלע האָבן גערעדט וועגן שטרייק, זיך געקאָכט, געווען אומצופרידן, וואָס מען האָט אַזאַ זאַך געקאָנט דערלאָזן. דער פּאָליסמאַן האָט נישט געוווּסט וואָס צו טאָן, געקוקט אויף זיי ווי אויף כינעזער און זיך געטראַכט, אַז מען וואָלט זיי אויך געדאַרפט צעטרייבן.

וואַקסמאַן האָט זיך געדרייט צווישן עולם, גערעדט, געשפּריצט,

אים איז געווען קשה, פאַרוואָס מען זעט עפּעס נישט פרידקינען. זאָל ער „סקעבן״? 1) ער איז עטלעכע מאָל אַרויפגעגאַנגען אויף אַ ווערענדע, וואָס קעגנאיבער דער שול, געקוקט אין דעם פענסטער, ווי פרידקין לערנט, און באַמערקט, אַז דאָרט דרייט זיך אַרום איינער פון די יידן, וואָס מען האָט נאָרוואָס געבראַכט מיטן אויטאָמאָביל. וואַקסמאַן האָט גענומען צו אים ווינקען מיט אַ פינגער. דער ייד איז אַן איבערגעשראָקענער צוגעגאַנגען צום אָפענעם פענסטער און אַ שאָקל געטון צו וואַקסמאַנען מיטן קאָפּ און הענט, ווי ער וואָלט געזאָגט — וואָס ווילט איר?

— ר׳ ייד, פאָלגט מיך און גייט בעסער אַרונטער! — האָט וואַקסמאַן צו אים אַרויפגעשריען.

דער פרעמדער האָט פאַרהאַקט ס׳פענסטער, און פון קלאַס האָבן זיך העכער גענומען טראָגן די קולות פון די קינדער.

ראָזען איז אונטערגעקומען, פאַרצויגן אַ סיגאַרעט, עטלעכע צי געטון און איבערגעגעבן:

— ווייסט, פרידקין „סקעבט״.

— פון וואַן ווייסטו עס? — האָט וואַקסמאַן אַ צי געטון דעם לאַנגן האַלז.

— דער אַלטער משה האָט מיר נאָרוואָס פאַרטרויט, — האָט ראָזען ווידער אָנגעצונדן אַ שוועבעלע, וואָס האָט זיך באַלד פאַרלאָשן — אַז ער האָט בייטאָג געזען, ווי פרידקין איז אָנגעקומען מיטן סעקרעטאַר.

— דאָס הייסט נאָך נישט, אַז ער „סקעבט״.

— און איך זאָג דיר, — האָט ראָזען אָנגעריבן אָן זויל פון שוך אַ שוועבעלע — אַז דער בחור איז אויף אַלץ פעיק.

— פרידקין מיינסטו?

— יעס.

— אויב ס׳זאָל זיין אמת, — האָט וואַקסמאַן זיך געצופּט די שטעכיקע האָר פון דער געמבע — איז עס דאָך אַ מיאוסע זאַך.

— אָט גייט סעם — האָט ראָזען זיך אַ לאָז געטון נאָך אַ ייִנגל,

1) שטרייקברעכער.

וואָס איז אַרויס פון דער „היברו" און איבערגעלאָזט אויפן פּלאַץ, ווי ער איז געשטאַנען פינף מינוט, אַ בערגעלע אויסגעריבענע שוועבעלעך.

— ווער האָט היינט מיט אייך געלערנט ? — האָט וואַקסמאַן געפרעגט דעם יינגל.

— דער לערער האָט נישט געהייסן זאָגן, — האָט ס׳יינגל געשמייכלט.

— וואָסער לערער ?

— מיסטער פרידקין.

— דאָס דאַרף מען גלייך לאָזן וויסן, — האָט וואַקסמאַן אָנגעכאַפּט ראָזענען פאַר אַ האַנט — גיי, טעלעפאָניר גלייך, אַז פרידקין „סקעבט", מיר וועלן זיך אָפּרעכענען מיט אים !

פרידקין איז געזעסן ביי זיך אין קלאַס און געציטערט. ער איז די גאַנצע צייט געשטאַנען צווישן ביידע פענסטער אַזוי, אַז אויב אַפילו אַ שטיין וועט פליען, זאָל ער אים נישט טרעפן. ביי יעדן עפן פון דער טיר האָט אים פאַרפעלט אָטעם, געמיינט, אַז אָט קומען אָן די שטרייקערס, זיך געטרייסט, וואָס אַ פּאָליסמאַן שטייט ביים אַריינגאַנג און וועט די חברה נישט אַריינלאָזן. ער איז געווען זיכער, אַז אין צוויי, העכסטנס אין דריי טעג אַרום וועט דער שטרייק זיין געבראָכן, אַזוי האָט אים דער פרעזידענט פאַרזיכערט, די אָרעמעלייט וועלן קומען בעטן, מען זאָל זיי צוריקנעמען, און ער, פרידקין, וועט נישט וועלן הערן, וועלן זיי שיקן די ווייבער מיט די קינדער אויף די אָרעמס, פאַלן אים צו די פיס, קושן די הענט... ער, פרידקין, האָט געהאַט אַ באַקאַנטן צושניידער פון מענער-רעק, איז יעדעס מאָל ווען אַ „באָס" האָט אים אָפּגעזאָגט, האָט ער געשיקט זיין ווייבל, אמת, נישט קיין מיאוסע, בעטן פאַר אים ביים „באָס", און מען האָט אים תמיד צוריקגערופן אַרבעטן. פרידקין האָט געשמייכלט, געווען צופרידן מיט זיך, און בלויז נישט פאַרשטאַנען, וואָס ס׳איז נעכטן געווען מיט בעסין. ער איז, דאַכט זיך, געווען זייער אָנשטענדיק אין איר געגנוואַרט. און מען קאָן נישט זאָגן, פון אָנפאַנג איז אַלץ געגאַנגען ווי געהעריק, געווען זיכער, אַז ער נעמט דאָס מאָל אויס, און מיטאַמאָל : נאַ דיר אַזאַ ברוך הבא ! אויף דעם האָט ער זיך גאָרנישט געריכט ! ווען ער וויים, אַז דאָס וועט זיך אַזוי אויסלאָזן, וואָלט ער נישט „געסקעבט",

איינגעשטעלט דאָס לעבן. ער וועט זיך קיינעם אויף די אויגן נישט קאָנען ווייזן, און ווער ווייס ווי ער וועט אָפּשניידן?

ווען פרידקין איז אַזוי געשטאַנען אָנגעשפּאַרט ביים ווענטל, וואָס צווישן ביידע פענסטער, און געטראַכט, האָבן די קינדער דערווייל געגוואַלטעוועט, געקראָכן אויף די בענק, ווי זיי וואָלטן געווען אַליין אין קלאַס.

— ווייסט, — האָט אַ יינגל זיך אָנגערופן — מיר דאַרפן נישט גיין אין „היברו".

— פאַרוואָס?

— די לערערס שטרייקן.

— און מיסטער פרידקין? — האָט אַ יינגל אַזוי הויך אַ זאָג געטון, אַז פרידקין האָט דערהערט.

— ער שטרייקט נישט.

— איז ער אַ „סקעב"?

— וואָס איז אַ „סקעב"?

— אַ „סקעב" שלאָגט מען.

— פאַרוואָס?

— ווייל ער וויל נישט שטרייקן.

— וועט מען פרידקינען שלאָגן?

— מיין טאַטע האָט מיר דערציילט, אַז ער האָט שיר נישט דערהרגעט אין שאַפּ אַן אַרבעטער, וואָס האָט נישט געוואָלט שטרייקן.

— אָ, זיין טאַטע איז שטאַרק. — האָט זיך אַ דאַר יינגעלע אָנגערופן.

פרידקינען איז געוואָרן קאַלאַמוטנע פון די קינדערס רייד. ער האָט געפילט, אַז די גלייכסטע זאַך וואָלט געווען אַראָפּצוגיין צו וואַקסמאַנען, זיך אַנטשולדיקן, אַז ער איז באַגאַנגען אַן עולה, און שטרייקן מיט אַלע גלייך. און אַז מען וועט אים באַפאַלן? וואָס איז ער, אַ גבר? ער קאָן זיך ווערן? ער האָט באַטאַפּט די מוסקולן פון די הענט, וועלכע זענען געווען שלאַבערדיק ווי צעקאָכטע קעלבערנע פלייש, און געווען זיכער, אַז איין גוטער קלאַפּ לייגט אים אַוועק. פאַר די אויגן זענען אים געשטאַנען אָנגעצויגענע מוסקולן, וואָס מען

זצט ביי אַ דורכשניטלעכן אַמעריקאַנער, ווען ער האָט תּמיד מקנא געווען, די מוסקולן האַרט און שטייף, ווי די הענט וואָלטן געווען אָנגעשטאָפּט מיט שטאָל, — איז פון בלויזן געדאַנק פרידקינען קאַלט געוואָרן. פון שרעק האָט ער געכאַפּט אַ ייִנגל און אַראָפּגעשיקט נאָכן סעקרעטאַר. ער האָט זיך מער נישט צוגעהערט ווי די קינדער שרייען, געשפּריצט איבערן חדר, פּרובירט פאַרביייִענדיק אויפצוהויבן די שטול, אויף וועלכע ער זיצט, אונטערגעהויבן די בענק, דעם טיש, מיט איין האַנט אַ הויב געטון אַ ייִנגל, וואָס איז אים געשטאַנען אין וועג, ווי אַ הערינג, און זיך דערפילט לייכטער. ער האָט אָפּגעמאַכט ביי זיך, אַז זיינס אַ קלאַפּ איז אויך עפּעס ווערט, אַז ער איז נאָך נישט אַזאַ שוואַכער. דער בלויזער געדאַנק האָט אים אויפגעהייטערט, און וואָס עפּטער ער האָט זיך געטאַפּט די מוסקולן, אַלץ שטייפער האָבן זיי זיך אים אויסגעדאַכט.

— איר דאַרפט מיך? — האָט דער סעקרעטאַר געעפנט די טיר פון קלאַס.

— הערט, מיסטער קליין, — איז פרידקין אים נאָך אין קאָרידאָר אַריין — כ׳האָב געהערט זאָגן, אַז די לערערס פאַרנעמען זיך אויף מיר, ווילן מיך שלאָגן.

— נישט דערלעבן וועלן זיי! — האָט דער סעקרעטאַר אַריינגעשטעקטביידע הענט אין די הויזן-קעשענעס — מיר וועלן אייך אָפּפירן אין אַ אויטאָמאָביל מיט אַ פּאָליסמאַן, גוט? און ווער האָט דאָס אייך געזאָגט, אַז זיי קלייבן זיך שלאָגן?

— כ׳ווייס...

— ווער, למשל? — איז דער סעקרעטאַר צוגעשטאַנען.

זיי האָבן מיטאַמאָל דערהערט אַ קוויטש. דער קוויטש האָט זיך געצויגן איבער אַ מינוט, זיך איבערגעריסן און ס׳איז אויף אַ רגע שטיל געוואָרן. דער סעקרעטאַר מיט פרידקינען זענען אַריין אין אַן אַנדער קלאַס און געזען דורכן פענסטער, ווי דער פּאָליסמאַן ראַנגלט זיך מיט אַ צעבלוטיקטן בחור, און וואָס ער הויבט אויף דעם „קלאַב", וויל אים אַ קלאַפּ טון, כאַפּט אים דער בחור אָן מיט דער האַנט. אַן עולם איז געשטאַנען אַרום, נייגיריק געקוקט און יעדעס מאָל, ווען דעם בחור איז געלונגען אָנצוכאַפּן דעם „קלאַב", האָט דער

עולם זיך פאַרגאַנגען אין אַ געלעכטער. עס איז אָנגעקומען נאָך אַ פּאָליסמאַן, און איידער פרידקין האָט צייט געהאַט זיך אַרומצוקוקן, איז שוין דער בחור געלעגן אַ צעהרגעטער אויף דער ערד. אַ צעשלאָגענעם, אַ פאַרבלוטיקטן, אָן אַ קאַפּעליוש, האָט מען אים אַוועקגעפירט. אויפן וועג האָבן זיי אויך אַרעסטירט דעם בחור מיט דעם שילד, און דער עולם איז זיך צעגאַנגען.

— נאָכן שטרייק, — האָט דער סעקרעטאַר אַ צופרידענער איינגערוימט פרידקינען, וואָס איז געשטאַנען און געציטערט פון שרעק, — איינעם צעשלאָגן, דעם צווייטן אַרעסטירט, און אויס חתונה! אַזוי דאַרף מען זיך באַגיין מיט די יונגאַטשעס!

דערוויילע האָט זיך אין שול געקאָכט. די יידן האָבן פאַרגעסן אָן מנחה, געשטאַנען אין קופּקעס, זיך געערגערט, און אַלע זענען געווען אש להבה אויפן סעקרעטאַר, וואָס ער האָט געבראַכט אין שול אַריין אַ פּאָליסמאַן.

— ס'איז אַ חילול השם. — האָט איינער געשריען.

— ווער איז ער, דער גאַליציאַנער?

— מען דאַרף אים עוקר מן השורש זיין!

— און וואָס מיינט ער, דער פּרעזידענט? ס'איז זיין שול, לאָז ער איינבייסן אין איר מיט די ציין! געהערט, מען לאָזט צעשלאָגן אַזוי אַ ייד!

— נו, וואָס איז, אַז זיי שטרייקן? אַ ייד האָט אַ ווייב מיט קינדער, קאָן ער היינטיקע צייטן נישט דורכקומען מיט פופצן דאָלאַר אַ וואָך!

— זיי גיבן דען פון זייער קעשענע? מיר צאָלן דאָך אויף דער תלמוד תורה!

— אַוודאי מיר, איך צאָל פיר דאָלאַר אַ יאָר!

— איך אויך!

— און איך אויך!

— ווו איז דער סעקרעטאַר?

— ווו איז ער, דער גאַליציאַנער?

— אָט איז ער!

— איצט זענט איר שוין צופרידן, — איז אַן עולם אים אַנטקעגן געגאַנגען — אַז מען האָט צעשלאָגן אַ יידן? זייער שיין, זייער שיין!

— צו מיר דאַרפט איר גאָרנישט האָבן, — איז דער סעקרעטאַר געשטאַנען אַ בלאַסער און זיך פאַרטיידיקט — איך בין אַן אָנגעשטעלטער, איז וואָס מען הייסט מיר, טו איך!

— און אַז מען וועט אייך הייסן גנבענען?

— אַ משל? — האָט דער סעקרעטאַר געוואָלט אַ שמייכל טון, און ס'האָט זיך נישט איינגעגעבן.

— ס'איז גאָר אַ משל, — האָט זיך איינער אָנגערופן — פאַר אַזאַ מעשה זענט איר ווערט פעטש! ס'פּאַסט אייך צו זיין אַ „בוטשער" 1), נישט קיין סעקרעטאַר אין אַ שול.

— איר שוויגט בעסער, שווייגט, — האָט דער סעקרעטאַר זיך צוגעגעבן קוראַזש — אַז נישט הייס איך אייך גלייך מיטן גוי אַרויספירן.

— מיך? — איז דער זקן צוגעלאָפן צום סעקרעטאַר. — שייגעץ דו!

— ביסט אַ גרעסערער!

— גענוג, גענוג. — האָבן זיך געהויבן הענט איבערן סעקרעטאַר פון אַלע זייטן.

— קומט יידן, קומט, — איז איינער אַריין אין דער מיט — אַז ס'איז דאָ אַזאַ סעקרעטאַר און אַ פּרעזידענט...

— טשעפּעט נישט דעם פּרעזידענט. — האָט אַ צווייטער איבערגעהאַקט.

— דאַרפן מיר דאָ נישט דאַווענען.

— זינדיקט נישט, — האָט זיך אַ דריטער אָנגערופן — אַרויסצוגיין פון דער שול איז אַ פּחיתת הכבוד פאַר די ספרי תורות.

— גערעכט, גערעכט!

— גערעכט!

— דער סעקרעטאַר אָבער טאָר דאָ מער נישט בלייבן!

— לאָז ער ווערן אַן „אָרגענייזער" אין דער „בוטשער יוניאָן"!

— שפּעטלעך, לאָמיר זיך שטעלן דאַווענען.

---

1) אַ קצב.

— שאַ, שאַ. — האָבן הענט פון אַלע זייטן גענומען קלאַפּן אין שטענדערס.

ביים עמוד איז אויסגעוואַקסן אַ ייד, געוואַרט ביז די שאַ'ס האָבן אויפגעהערט, אָפּגעהוסט, אָנגענומען דעם עמוד מיטביידע הענט און זיך צעוויגט:

— אשרי יושבי...

שפּעט אין אָוונט האָט דער פּרעזידענט פרידקינען אָפּגעפירט. ער האָט אים געוואָלט אַרויספירן אין שטוב אַריין, איז פרידקין געבליבן אַ פּאַרציטערטער, מורא געהאַט ער זאָל ביי אים טרעפן שושנהן, דערצו זיך דערמאָנט, אַז ביי זיין טיר הענגט נישט קיין מזוזה, און אָנגעהויבן שטאַמלען:

— איר שפּאַסט, האַ? איר מיינט טאַקע, אַז כ'בין אַזאַ בעל פּחדן? זאָג איך אייך, אַז כ'וואָלט אַליין אויך נישט מורא געהאַט אַהיים צו גיין!

— נו, נו, נו, — האָט דער פּרעזידענט אים גוט-ברודעריש געקלאַפּט אין דער פּלייצע — פונדעסטוועגן וועל איך מאָרגן נאָך אייך שיקן די „מאַשין". אַ גוטע נאַכט.

פרידקין איז געבליבן שטיין ביי זיין הויז, נאָכגעקוקט דעם אויטאָמאָביל, וואָס איז פאַרשוואונדן מיטן פּרעזידענט, און אַ צופרידענער, וואָס ער איז נאָר אָפּגעקומען מיט שרעק, און אַז מאָרגן וועט מען ווידער נאָך אים קומען, איז ער אַריין אין האַלב-פינסטערן קאָרידאָר, ברומענדיק אַ ניגון.

ער האָט דערפילט אַ ברי אין קאַרק, אַ דריי געטון דעם קאָפּ, געוואָלט זען, פון וואַנען דאָס איז געקומען, האָט ער געכאַפּט אַ פּלעם אין רעכטן אויער, אַז פונקן האָבן זיך אַ צינד געטון פאַר די אויגן. אינסטינקטיוו האָט אים ס'האַרץ געזאָגט, אַז שטרייקער האָבן געדונגען גענגסטערס אים צו שלאָגן. ער האָט אַריינגעכאַפּט דעם קאָפּ צווישן די אַקסלען, אויסגעהויקערט אַ פּלייצע ווי אַ קאָטער, ווען ער נעמט זיך ציען, צעשפּרייט די הענט, ווי זיך צו ווערן, און איידער ער האָט צייט געהאַט אַ געשריי צו טון, איז ער שוין געלעגן אויף דער ערד. עס איז געוואָרן פינסטער. פון שרעק, אַז מען וועט אים דערהרגענען, איז פרידקין אַזוי צעטומלט געוואָרן, אַז דער געשריי איז ביי אים געבליבן אין גרגרת ווי אַ ביין, געשפּאַרט די אויגן פון קאָפּ, די קלעפּ

זענען געווען אַזוי גיך און איבערן גאַנצן קערפּער, אַז זיי האָבן אויפגעהערט ווי טון, אים אויסגעניכטערט, און ער האָט דערזען איבער זיך אַ פרעמדן. דער פרעמדער איז געשטאַנען איבער אים, געשלאָגן אין פּנים אַריין, אַז דער קאָפּ האָט אַזש אונטערגעטאַנצט אויף דער שטיינערנער פּאָדלאָגע.

— מערדער, וואָס שלאָגסטו? — האָט פרידקין זיך אַ ריס געטון, געוואָלט דעם פרעמדן אָנכאַפּן פאַר אַ פּוס.

ער האָט געכאַפּט אַ כמאַל אין דער באַק און געפילט, ווי די ציינער שאָקלען זיך ביי אים אין מויל.

ער האָט זיך ווידער אַ ריס געטון, האָט יענער מיט אַ פוס אים געקלאַפּט איבערן פּנים, איבערן האַרץ, געשלאָגן אָן אויפהער. געזאַלצענע שנירלעך זענען פרידקינען געראָנען אין מויל אַריין, זיך געקייקלט איבערן האַלז, איז אים מיטאַמאָל אַזוי הייס געוואָרן, געבליבן ליגן אָן כּוחות, מער קיין ווייטיק נישט געפילט, און ס׳האָט זיך אים געדאַכט, ווי דער גאַנצער קערפּער איז ביי אים איינגעשלאָפן, ווי עס שלאָפט אַמאָל איין אַ פוס פון צופיל זיצן, און וואָס מער מען קנייפּט, שלאָגט דעם פוס, אַלץ אָנגענעמער איז די טעמפּע ווייטיק, וואָס וועקט אים אויף. די אויגן זענען ביי אים געוואָרן גרעסער, ס׳מויל האָט זיך עטוואָס פאַרדרייט, געזען ווי מען שטייט איבער אים, מען שלאָגט, און צומאָל קיין ריר נישט געטון מיט אַ ברעם. עס האָט אים אָנגעהויבן ווערן הויל ביים האַרצן, געווען זיכער, אַז מען וועט אים אַזוי אייביק שלאָגן, און ביסלעכווייז גענומען פאַרשווינדן מיטן קאָרידאָר צוזאַמען.

אַז ער האָט געעפנט די אויגן איז צוריק געווען ליכטיק. ער האָט געזען איבער זיך פרעמדע פּנימער, נישט געוווסט וווּ ער געפינט זיך, נישט געדענקט, וואָס ס׳איז נאָרוואָס פאָרגעקומען, בלויז געפילט, ווי דער גאַנצער קערפּער איז ביי אים איינגעפרוירן, און מען שטייט איבער אים מיט צוואַנגען, מען רייסט, אַז דער מוח פּלאַצט, און זיך דערמאָנט, אַז דאָס האָט שוין מיט אים אַמאָל פּאַסירט, ביי אַ דענטיסט, און אויפן האַרצן האָט זיך מיטאַמאָל אַרויפגעלייגט אַזאַ משא, ווי די אַלע פּנימער וואָלטן נישט געשטאַנען אַרום, נאָר געזעסן ביי אים אויף דער ברוסט און נישט געלאָזט אָפּעטעמען.

— וווּ ווינט איר? — האָט זיך איינער איבערגעבויגן איבער אים.

– וואָס איז אייער נאָמען ?
– דאָס הייסט צעשלאָגן !
– „צעבוטשערט" ! צעהרגעט !
– ער ליגט דאָך באַוווסטלאָז !
– לאָמיר אים אַריינגעמען אין אַ דראָג סטאָר !
– בעסער רופט אַן אַמבולאַנס.
– ער וועט דאָך אָפּגיין מיט בלוט.
– ס'איז דאַכט זיך אַ ייד ?
– אַוודאי אַ ייד !

פרידקין האָט אויף אַלעמען געקוקט מיט שטאַרע אויגן, נישט געוווסט, וואָס דאָ קומט פאָר, כאָטש געהערט יעדעס וואָרט. באַלד האָט אַ פּאָליסמאַן פונאַנדערגעשטופּט דעם עולם, זיך אויסגעפרעגט און ס'ערשטע גענומען באַזוכן דעם הרוג. ער האָט געזוכט אין אַלע קעשענעס, אַרויסגעשלעפּט וואָס ס'איז נאָר געווען און אַלץ איינגעוויקלט אין פרידקינס אַ נאָזטיכל. ער האָט אַרויסגענומען פון אַ וועסטלקעשענע אַ פאונטיין-פען מיט אַ זילבערנעם באַשלאַג, עס באַטראַכט, אָפּנים געפעלן געוואָרן, און עס זיך אַריינגעשטעקט אין אַ בוזעם-קעשענע. מען האָט געפונען אַ בריוו אַדרעסירט אין דעם הויז אַריין, ווו זיי זענען געווען, און דער פּאָליסמאַן האָט גענומען גיין מיטן בריוו פון וווינונג צו וווינונג. אַ שכנטע האָט געוויזן אויף שושנהס טיר, און דער פּאָליסמאַן האָט אָנגעקלאַפּט :

– וווינט דאָ מיסטער פרידקין ?
– יעס. – האָט שושנה אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ, געזען דעם פּאָליסמאַן און זיך גענומען צורעכטמאַכן די האָר.
– איז ער אין דער היים ?
– נאָ.
– ווו איז ער ?
– ער דאַרף יעדע מינוט אָנקומען.
– פאַרמאַך די טיר און קום מיט מיר אַרונטער.

– וואָס איז ? – האָט זי צעעפנט אַ פּאָר אויגן און אינסטינקטיוו אַ טאַפּ געטון צו דער ראָספער פון קלייד איז נישט אָפן – ס'איז עפּעס געשען מיט מיסטער פרידקין ?

דער פּאָליסמאַן האָט נישט געענטפערט, פונאַנדערגעשטופּט מיט די עלנבויגנס דעם עולם און זי צוגעפירט צו פרידקינען.

— דערקענסטו אים?

— פרידקין! — האָט שושנה אויסגעשריען, פאַרוואָרפן דעם קאָפּ, און דער אַרומיקער עולם האָט זי אונטערגעכאַפּט.

XVII

די קאַפּע איז כּמעט געווען ליידיק. גרין איז געזעסן איבער אַ גלאָז טיי, די פיס פאַרוואָרפן, די הענט אין די הויזן־קעשענעס און דעם קאָפּ אָנגעשפּאַרט אויף זיין אייגענער ברוסט. פון לאַנגווייליקייט האָט ער נישט אויפגעהערט איבערצוציילן מיט די שפּיץ פינגער די פּאָר זילבערנע מטבעות, וואָס האָבן זיך געוואַלגערט ביי אים אין די קעשענעס. ער האָט זיך אַזוי פאַרגעסן אין ציילן, אַז די מטבעות האָבן זיך נישט אויסגעשעפּט, געהאַלטן אין איין צוקומען, און לויט ווי דער קאַפּיטאַל איז ביי אים געוואַקסן, אַלץ אויפגערוימטער איז ער געוואָרן.

עמעצער איז אַריינגעקומען, גענומען אָפּשאָקלען ביי דער צעעפּנטער טיר זיינע פאַרשנייטע מלבושים און מיטגעבראַכט אַ נאַסע קעלט. גרין האָט אַ ציטער געטון, זיך געכאַפּט, אַז ער נאַרט זיך אַליין, אַרויסגעלאָזט פון די הענט די מטבעות און גענומען דערזופן דאָס לעבלעכע גלאָז טיי. ער האָט זיך איינגעקוקט, געזוכט מיט די אויגן אַ באַקאַנטן, ביי וועמען ער וועט קאָנען איבערנעכטיקן. ס'איז קיינער נישט געווען. אַהיים גיין צו זיך האָט ער נישט געקאָנט, צוגעזאָגט דער באַלעבאָסטע, אַז ער וועט איר היינט זיכער געבן געלט, און אַלס אַ שפּאַס איר איבערגעלאָזט דעם שליסל אויף אַ משכון. ער האָט געטראַכט, אַז געלט איז אַ מיאוסע זאַך, ס'איז אָבער נאָך מיאוסער נישט צו האָבן קיין געלט. אַ טעמפּע משא האָט זיך אים געפּאַקט אין מוח אַריין, אַלץ פאַרשטעלט, און ער האָט נישט געזען, אַז זיין לעבן זאָל קאָנען אָננעמען

אָן אַנדער ווענדונג. ער האָט שוין געהאַט פאַרגעסן צו האַלטן אַ פעדער אין דער האַנט, נישט געגלויבט, אַז ער האָט אַמאָל עפּעס אָנגעשריבן, אַז וועגן אים האָט מען גערעדט.

בעסין האָט ער כמעט די גאַנצע צייט נישט געזען, געהערט אַז זי גייט חתונה האָבן מיט ליפשיצן און זיך געטרייסט, אַז ער וועט נאָך אַמאָל אים אָנכאַפּן פאַר די לאַנגע אויערן אין דער כלהס געגנ־וואַרט, קלאַפּן קאָפּ אָן וואַנט, וועט ער וויסן, אַז לידער איז קיין ליבע נישט, דאָס קאָן מען פאַר געלט נישט קויפן!

גרין האָט פון דער זייט געכאַפּט עטלעכע ווערטער, אַ דריי געטון מיטן קאָפּ און זיך איינגעהערט, ווי אַן אָפּגעבליאַקעוועטער יונגערמאַן מיט אַ גאָלן קאָפּ, ווו פון קאַרק זענען ביי אים געפאַלן איבער די פלייצעס שוואַרצע האָר פּאַסמעסווייז, און אויסגעזען ווי צוגעקלעפּטע, האָט איינגעטענהט מיט צוויי דאַמען, וואָס זענען געשטאַנען גרייט אַוועקצוגיין.

— געפעלט אייך נישט ניו־יאָרק? — האָט איין דאַמע פאַרשנירלט די ליפּן און אָנגעצויגן אַ הענטשקע ביז צום פּלאַצן.

— ס'הייסט, — האָט דער יונגערמאַן זיך אַ בויג געטון און אויסגעזען ווי אַ קאַריקאַטור פון אַ פּאָעט, וואָס מען מאָלט אין אַ וויצן־בלאַט — פאַר אַ דיכטער איז עס נישט קיין פּאַסיקע שטאָט.

— ווו דאַרף דען אַ דיכטער וווינען? — האָט די צווייטע געפרעגט.

— ווען איך וואָלט רייך געווען, — האָט דער יונגערמאַן זיך גע־גלעט מיט איין פינגער איבערן גאָלן קאָפּ — וואָלט איך נישט געוווינט צווישן אַזוי פיל מענטשן. אַ דיכטער דאַרף זיין אַליין. ווייט פון טומל. סיי זומער, סיי ווינטער וואָלט איך געוווינט ערגעץ אין מיטן ים, אויף אַ פעלז, פאַרשטייט זיך, אין אַ גלעזערנעם פּאַלאַץ, ווו ער זאָל זיין אָפן צום ים פון אַלע זייטן און אָפּשפּיגלען די בלויע כוואַליעס...

גרין האָט געשמייכלט, זיך נאָך אַמאָל איינגעקוקט אינם יונגנמאַן, וואָס האָט גערעדט מיט אַ ווייכן למד, וועלכער האָט צוגעגעבן די ווערטער עפּעס מוזיקאַלישעס. ס'פּנים איז אים געווען באַקאַנט, געוווסט אַז ער שרייבט לידער און קוים געגלויבט, אַז היינטיקע צייטן אין אַ קאַפּע זאָלן זיך וואַלגערן אַזעלכע ראָמאַנטישע יונגעלייט, כאָטש די באַנדורע מיטן פּלאַשטש זענען שוין לאַנג אַרויס פון דער מאָדע.

אַז די דאַמען זענען אַרויס, האָט דער יונגערמאַן צוגערופן אַ קעל־נער און אים עפּעס איינגערוימט.

— כ׳קאָן מער נישט באָרגן. — האָט דער קעלנער אַ מידער זיך צעגענעצט.

— מאָרגן באַצאָל איך...

— איר זאָגט אַזוי יעדן טאָג, — האָט דער קעלנער אַרויסגענומען אַ ביכל, וווּ די חובות זענען געווען פאַרשריבן — וואָס מיינט איר, כ׳בין אַ קאַפּיטאַליסט? יעדן אָוונט מוז איך באַצאָלן דעם באַלעבאָס. איר קומט מיר, באַלד...

— כ׳גלויב אייך, — האָט זיך דער יונגערמאַן געכאַפּט פאַר די אויערן, נישט געוואָלט הערן — איר באַליידיקט מיך, הער קעלנער! כ׳וועל מער אין קאַפע נישט אַריינקומען!

— קומט נישט!

— דרך ארץ, קעלנער, דו! ווייסט מיט וועמען דו רעדסט? זאָלסט נישט וואַגן אונטערצוקומען צו מיין טישל, הערסט?

— ס׳איז אַן אָפענע טיר, מיסטער. — האָט דער קעלנער זיך אָפּ־גערוקט און גענומען דערציילן די גאַנצע מעשה אַ צווייטן קעלנער.

דער יונגערמאַן האָט זיך אויפגעשטעלט, אַ כאַפּ געטון דעם קאַ־פּעליוש מיטן שטעקן. געבליבן שטיין ביי גרינס טישל און זיך פאַר־בייגט:

— אַנטשולדיקט, הער גרין, אויב כ׳שטער אייך...

— אין קעגנטייל. — האָט גרין העפלעך געוויזן מיט דער האַנט, ער זאָל זיך זעצן.

— דאָס פּלאַץ איז געוואָרן אומערטרעגלעך, — האָט ער אַוועקגע־לייגט אויפן טישל דעם שטעקן מיטן קאַפּעליוש און זיך צוגעזעצט — אַן אָנשטענדיקער מענטש קאָן דאָ מער נישט אַריינקומען! זיי שינדן די הויט, יעדע זאַך קאָסט דאָ דאָפּלט, און דער קעלנער טוט דיר אַ טובה, אַז ער באַדינט דיך! ס׳איז נישט קיין פּלאַץ פאַר קינסטלער, ווען אַזאַ לומפּ, — האָט ער געוויזן מיט אַ פינגער אויפן פּלאַץ, וווּ דער קעלנער איז געשטאַנען — באַליידיקט מיך אין ווין אין אַ קאַפע, צו אין פּאַריז, וואָלט ער מער אין דעם פּלאַץ נישט געווען, ס׳איז אָבער אַמעריקע! אַזאַ פלעביי מיט אויסגעבויגענע פיס איז דאָך אין האַרצן מיך מבטל, ווייל איך בין אים שולדיק אַ פּאָר טאָלער! כ׳טענה פון ערשטן טאָג אָן, אַז

אַמעריקע איז נישט קיין פּלאַץ פאַר קיין דיכטער! נו, ווי גייסט, הערר גרין? דער נאָמען איז זייער מוזיקאַליש, — האָט ער האַלב פאַרמאַכט די אויגן און געצויגן דעם נאָמען — ג-ר-י-י-ן! — אַ נאָמען, וואָס האָט נישט קיין קאָלירן, זאָגט גאָרנישט, איז לעבלעך. מיר יידן האָבן נישט קיין שיינע נעמען, ס'איז געבוג, מען זאָל אין מיטן עסן דיר פאָרשטעלן אַן איצקאָוויטש צו כאַצקעלעוויטש, דו זאָלסט פאַרלירן דעם אַפּעטיט! גרין, זעט איר, זאָגט שוין עפּעס, דערמאָנט אָן טונקעלע צימערן, ווו די ווענט זענען באַהאָנגען מיט לויזע גרינע שטיקער סאַמעט, אויסגע- קניפּט פון דעם זעלביקן געוואַנט מיט בלומען, ס'דערמאָנט אָן שאָפּענס נאָקטורנס. אפילו אונזערע קינסטלער האָבן קיין געשמאַק נישט. זייערע פּסעוודאָנימען גרילצן אין די אויערן. קאָנט איר זיך פאָרשטעלן עפּעס אַ פערזענלעכקייט הינטער משה חוזק, בן פדהצר, ויקהל פקודי? אָ, זעט איר, ד'אברוצי, פאָן-ד'אַברוצי. דער נאָמען רעדט פאַר זיך, ס'איז אַ שטיק אָפּערע, איר קאָנט פאַרמאַכן די אויגן, ציען דעם נאָמען אויף פאַרשיידענע טענער, צעוואַרפן אין זילבן, און וואָס לענגער איר וועט אים ציען, אַלץ מער וועט עס אייך באַפרידיקן. וואָס אָנבאַלאַנגט אַ נאָמען, זעט איר, בין איך נישט מסכים מיט שעקספּירן, אַ נאָמען, זאָג איך, דאָס איז דער מענטש, זיין נשמה.

ער האָט אַרויסגענומען אַ וויזיט-קאַרטע, געדרוקט אויף העלפאַנט- ביין פּאַפּיר, און זי אונטערגעטראָגן גרינען:

— ביטע!

גרין האָט איבערגעלייענט:

סאָלאָמאָן דיקשטיין
פּאָעט-אימפּעראַטאָר.

— ווי איז אייער ערשטער נאָמען?

— שלמה.

— פּאַסט עס פאַר אַ יידישן דיכטער, ער זאָל זיך איבערמאַכן דעם נאָמען?

— כ'וועל אייך זאָגן, — האָט ער ערנסט אַרויפגעלייגט איין פינגער אויפן גאָלן קאָפּ, ווי ס'וואָלט געווען עפּעס אַ געהיימער צייכן — שלמה קלינגט נישט, ס'דערמאָנט אָן „שלמהלע שאַרלאַטאַן". ביי אונז אין שטעטל איז געווען אַ שלמהלע שיכור, האָב איך געמוזט איבערמאַכן אויף סאָלאָמאָן, פּאָרט עסטעטישער. אָט, — האָט ער געמאַכט אַ זשעסט מיט דער האַנט,

ווי ער וואָלט געוואָלט דערמיט אים איבערצייגן, און אַרויסגעשלעפּט פון אַ בוזעם-קעשענע, וואָס איז געווען לאַנג ווי אַ זאַק און אָנגעפּאַקט מיט דינע ביכלעך — האָב איך מיין אייגן בוך מיט לידער, עס הייסט „קליאַנגען", וועט איר זיך דאָך פרעגן, ס'טייטש, מען שרייבט דאָך קלאַנגען, זאָג איך אייך, אַז אַ מענטש מיט געשמאַק דאַרף זאָגן „קליאַנגען".

אַ קעלנער איז אונטערגעקומען צום טיש, געבעטן מען זאָל אים באַצאָלן, און געהייסן האָט עס, אַז ס'איז שוין צוויי ביינאַכט, די קאַפע שליסט זיך.

גרין האָט איבערגעלאָזט אַ פּאָר סענט אויפן טיש, ווו ער איז געזעסן, זיך געזעגנט מיטן „פּאָעט-אימפּעראַטאָר" און איז אַרויס. ער האָט געטראַכט, אַז נאָך אַלע שטותערייען איז דער יונגערמאַן אַ דיכטער, געווען זיכער, אַז זיינע לידער זענען מסתמא נישט ערגער פון אַנדערע קלאַסישע, ער האָט זיך בלויז פאַרשפּעטיקט מיט אַ הונדערט יאָר, אַרויס פון דער מאָדע, לאַכן פון אים אַלע, האַלטן אים פאַר אַ „בבל". און ווער ווייס? האָט דאָך רוסלאַנד אַ גרופּע דיכטער, גאָר יונגע, וואָס באַזינגען בלויז פּרינצעסנס, קריסטאָלענע פּאַלאַצן און קליבגענדיקע נעמען. ווער ווייס?

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, זיך געוואָלט באַפרייען פון פּאָעזיע. דער שניי האָט זיך געלייגט פלאַכטעוויז, דורכגענומען די ביינער, און דאָ האָט ער נישט געהאַט ווו איבערצונעכטיקן.

ער האָט געפילט, אַז דער באָדן פון אונטער די פיס איז שוין לאַנג אַפּערגעשוואומען, נישטאָ מער קיין גלייכגעוויכט, און געווען גלייכגילטיק, אויב ס'וועט אים אויסקומען איבערצונעכטיקן אין אַ קאָרידאָר. וואָס איז ער בעסער פון טויזנט אַנדערע?

דיקשטיין איז אויסגעוואַקסן נעבן אים.

— אַ, הער גרין, דאָס זענט איר? כ'וואָלט אייך געוואָלט בעטן אַ געפעליקייט — ווי איר זעט, האָב איך נעכטן אויפגעגעבן מיין „לאָזשי", כ'מיין, אויב איר זענט רייך און קענט מיר ביז מאָרגן געבן פינף און צוואַנציק סענט, וואָלט איך איבערגענעכטיקט אין „פּיפּעלס האַוז".

— געוויס קאָן איך אייך געבן, — האָט גרין גענומען זוכן אין די

קעשענעס און זיך געטראַכט, אַז ס׳איז אַ פּלאַן מיטצוגיין מיט אים. — ס׳איז דאָ געגוג פּלאַץ אין „פּיפּעלס האוז״?

— וואָס, איר ווילט דען מיטגיין?

— כ׳ווייס, — האָט גרין געשטאַמלט — ס׳גלוסט זיך איצט נישט אַהיימצופאָרן, כ׳וווין ווייט.

— איר האָט פּופציק סענט?

— כ׳האָב.

— אויסגעצייכנט! צוזאַמען וועט זיין היימלעכער!

זיי זענען געגאַנגען, זיך געקאָרטשעט אונטער דער בייסנדיקער קעלט און געשוויגן. גרין האָט זיך געטראַכט, אַז אין די קליינע צי־מערלעך, ווו טויזנטער היימלאָזע נעכטיקן יעדע נאַכט, חלומען די „פּאָעטן־אימפּעראַטאָרס״ וועגן צעשווומענע פּרויען־געשטאַלטן, גלעזערנע פּאַלאַצן, טונקעלע צימערן באַהאָנגען מיט גרינע שטיקער סאַמעט... האָט דאָך וועלען זיין „קעניגרייך״ אויסגעחלומט אין אַזאַ צימערל! אינטערע־סאַנט! ער איז אַמאָל געווען אין הכנסת־אורחים אין וואַרשע אויף סמאָטשע גאַס, וועט ער עס קיינמאָל נישט פאַרגעסן. דער אייגנטימער האָט אים אַריינגעפירט אין קעלער, געוויזן דעם ערשטן צימער, ווו איבערצונעכטיקן האָט געקאָסט פינף קאָפּיקעס, איז ער שיר נישט דערשטיקט געוואָרן, אַזוי דושנע איז געווען; טיפער האָט געקאָסט פיר גראָשן, און וואָס ווייטער אַלץ ביליקער. דער אייגנטימער האָט געעפנט אַ פינסטערן צימער, אָן פענסטער, און מיט הרחבה געזאָגט, אַז דאָ איבערצונעכטיקן קאָסט גאָרנישט. אויף דער ציגלנער פּאָדלאָגע זענען געלעגן אָנגעשטאָפּטע זעק, ווו שורות מיט מענטשן זענען געשלאָפן, און די געלעגערס האָבן דערמאָנט קברים אויף אַ בית־עלמין. אַז מען האָט זיך איינגעקוקט אין דער פינסטערניש, האָט זיך ביסלעכווייז אַרויסגעשיילט אַ נאַקעטע פיגור פון אַ זקן, דאָס העמד אַראָפּגעלאָזט, די ווייסע באָרד פאַרפּלאָנטערט, ווי אַנזדשעלעס אָן אויסגעהאַקטע סטאַטוע. דער זקן איז געווען אַזוי פאַרטון מיט זיין העמד, אַז ער האָט זיך צומאָל נישט אומגעקוקט, ווער עס איז אַריינגעקומען, געטענהט מיט זיך און די שפיצן פון דער באָרד האָבן זיך געשאַרט איבערן נאַקעטן לייב.

גרין האָט ערוואַרט צו זען דאָס זעלביקע בילד. אַז זיי זענען אַריין אין אַ ליכטיקן, וואַרעמען צימער, ווו אַן עלטערער מאַן איז

געזעסן איבער אַ קאַסע, האָט ער זיך עפּעס נישט געגלויבט און דיקשטיינען נאָך אַמאָל איבערגעפרעגט:

— וואָס, דאָס איז עס?

— יעס, גיט דעם מאַן פופציק סענט.

— איר ווילט שוין גיין שלאָפן? — האָט דער מאַן אַריינגעוואָרפן דאָס געלט אין „רעדזשיסטער" און אים געגעבן צוויי בילעטן.

— מיר ווילן נאָך מאַכן אַ שנעפּסל.

— וואָס? — האָט גרין דיקשטיינען אַ צי געטון פאַר אַן אַרבל — דאָ לאָזט מען טרינקען?

— דאָ טרינקט מען נישט, — האָט דיקשטיין זיך צעלאַכט — דאָ שיכּורט מען!

— ווי הייסט?

— פּשוט, אַ סענאַטאָר, אַ פילאַנטראָפּ, האָט אויסגעבויט די הייזער און געפּועלט, אַז מען זאָל מעגן דאָ פאַרקויפן משקה, ס'הייסט טאַקע נאָך אים „ריינס לאָו".

זיי זענען אַריין אין אַ זייער גרויסן צימער, כּמעט אַ ליידיקן. אַרום די לאַנגע פיר-עקיקע טישן זענען דאָ און דאָרט געזעסן מיטליעריקע מענער, וואָס האָבן געליטן פון נישט קאָנען שלאָפן, און אַריינגעקוקט אין צייטונגען. דיקשטיין האָט גענומען צוויי בירס און זיך מיט גרינען צוגעזעצט צו אַ טישל, וווּ אַ גרויער מאַן מיט צוויי פּאָר ברילן אויף דער נאָז איז געזעסן מיט אַ יונגן טרעמפּ (אַ „באָסיאַק") און איינגעטענהט, אַז מען האָט געהערט איבערן זאַל.

— און איך טענה צו אים, — האָט דער יינגערער געשפּיגן אויף צוויי איילן פון זיך — אַז די פּרוי וויל מיט דיר נישט וווינען, קאָנסטו צו איר גאָרנישט האָבן! טענהט ער — אַז אין אַלץ בין איך שולדיק, ווען נישט איך, וואָלט זי מיט אים ווייטער געשטאַנען, און כאַפּט מיך שלאָגן, נו, נו, האָב איך אים געמאַכט לאַמטערנעס אונטער די אויגן, און ווי ער איז געלעגן אַ צעבלוטיקטער, בין איך מיט איר אַוועק!

— אַז אין אַלעם איז שולדיק די קאַפּיטאַליסטישע אָרדנונג, — האָט דער אַלטער געעפנט אַ בוך, וואָס ער האָט געהאַלטן אין דער האַנט און ווו די מאַרגאַנס זענען געווען באַשריבן מיט הגהות — ווען דו וואָלסט געלייענט דעם „סאָציאַלן שיקזאַל פון מענטשן", וואָלסטו געוווּסט, ווער עס איז אין אַלעם שולדיק. אַז זיי האָבן אונז געשטערט,

די פּאַראַזיטן! אין אונזער קאָלאָניע, אָדער ווי מיר האָבן עס גערופן, „פּאַלאַנסטער", איז נישט געווען אַזאַ זאַך ווי מיין ווייב, דיין ווייב. די פרוי איז געווען פונקט אַזוי פריי, ווי דער מאַן, זי ליבט אַ צווייטן — אַל רייט, גיי צום צווייטן. אַז די וועלט איז משוגע! ווען איך האָב היינט איין מיליאָן דאָלאַר, וואָלט איך איבערן גאַנצן לאַנד געגרינדעט קאָלאָניעס לויט פּוריעס מוסטער. די ערשטע פּרוּוון זענען דורכגעפאַלן, ווייסטו פאַרוואָס? ווייל דער מענטש איז נאָך נישט געווען דערוואַקסן צו זיין פריי, יעדער מוז דורכגיין דעם פּראָצעס, ס'איז אַן עטישער, און צו אונז אין דער קאָלאָניע האָבן זיך אַריינגעכאַפּט „פּייקערס", געשלאָגן פון אַלעם אייגענע נוצן, פאַרשטייסט, נאַ לייען. — האָט דער אַלטער אונטערגעטראָגן דעם בוך דעם יונגן.

גרין איז געזעסן אַ צעטומלטער, באַטראַכט דעם אַלטן מיט די צוויי פּאָר ברילן, דער קעמפער, וואָס האָט נאָך אין די פערציקער פון לעצטן יאָרהונדערט געחלומט צו פאַרבעסערן דעם מענטשנס לעבן, איז אַלט געוואָרן, גרוי געוואָרן, זיצט אַ היימלאָזער, מאַכט הגהות צו פּוריעס לערע, און דער יונגערמאַן, דער טרעמפּ, וואָס פאַרשטייט אים נישט, פילט בלויז, אַז דער אַלטער גיט אים רעכט וואָס אָנבאַלאַנגט דער פרוי, וואָס ער האָט צוגענומען ביי אַ חבר.

אַ מידער האָט גרין זיך לאַנג געדרייט אויפן בעטל, וואָס איז געווען אַזוי ריין און קלאָר, אַז ס'האָט זיך נישט געוואָלט אַריינלייגן, מען זאָל עס נישט איינשמוצן, און געפילט, אַז נישט דאָ איז דער פּלאַץ פאַר אים.

פאַרטאָג האָט זיך גרין אויפגעכאַפּט. ער האָט זיך אַרומגעקוקט, נישט געוווּסט ווו ער געפינט זיך, געהערט איבער דער וואַנט אַ קרעכצן, ווי מען וואָלט עמעצן געשטיקט, איז אים אַן אימה באַפאַלן. ער איז אויפגעשפּרונגען אויפן בעטל, געזען דורך דעם האַלבן ווענטל, וואָס האָט אָפּגעטיילט, ווי מיט אַ שפּאַנישער וואַנט, איין צימערל פון צווייטן, ווי דער אַלטער מיט די צוויי פּאָר ברילן איז געזעסן ביי זיך אין בעטל און געלייענט אַ בוך ביי אַ סטרינגענען ליכט. צווישן דעם שנאָרכן, וואָס האָט זיך געטראָגן פון אַלע זייטן און געמאַכט די שטילקייט בולטער, האָט דעם אַלטנס פאַרשטיקט קול, ווי ס'וואָלט געקומען פון בויך, אָפּגעקלונגען, ווי דאָס זשומען פון אַ געפייניקטער פליג.

„דער מענטש מאַטערט זיך, ווייל ער לעבט נישט פריי, ווייל

ער אונטערדריקט זיינע אייגענע נייגונגען, זיינע ליידנשאַפטן"...

דער אַלטער האָט אַריינגעלאָזט אַ האַנט אין זיין האָריקן לייב, פאַרמאַכט די אויגן, זיך צעוויגט, ווי ער וואָלט געוואָלט באַגרייפן די ווערטער, וואָס ער האָט נאָר וואָס איבערגעלייענט, און אַזוי געבליבן זיצן ביי דער ברענענדיקער ליכט.

גרינען איז דורך אַ סקרוך איבער די ביינער. ער האָט געוואָלט זיך אַראָפּלאָזן אויפן בעטל, געבליבן שטיין, ווי עמעצער וואָלט אים צוגעהאַלטן און געטייטלט אויפן גרייז:

— אָט מאַטערט זיך אַ מענטש ס'גאַנצע לעבן. וווּ ער טאָגט, דאָ נעכטיקט ער נישט, קאָן זיך אַליין נישט פאַרזאָרגן, וועט מסתמא אויס-גיין פון הונגער ערגעץ הינטער אַ פּלויט, און אָט דער נעמט זיך ס'רעכט צו לערנען מענטשן, זיי זאָלן נישט האָבן קיין צרות, זאָלן תמיד זיין גליקלעך!

— און ווער ווייס, וואָס דער אַלטער פאַרשטייט אונטערן וואָרט גליקלעך? ער איז דאָך אַן אוטאָפּיסט. און אויב ער גלויבט מיט אַן אמת, אַז די ישועה איז אין דער „האַרמאָניע", טאָ וואָס פאַר אַ באַטרעף האָבן די מאַטריעלע אומבאַקוועמלעכקייטן, ווען די פרייד האָט גאָר קיין גרענעץ נישט?

ער האָט געזען, ווי דער אַלטער איז איינגעדרעמלט זיצנדיק. דאָס בוך האָט זיך אַרויסגעגליטשט פון דער האַנט, און איבער דעם אַרומגעשוירענעם בערדל האָט פון צעעפנטן מויל געגרונען גאַנוועך, איז גרינען אַזאַ אומעט באַפאַלן, אַז ער האָט אַזש פאַרביסן די ליפּן. ער האָט זיך דערמאָנט אָן דעם נאַקעטן בעטלער, וואָס ער האָט געזען אין וואַרשעווער הכנסת אורחים, אומבאַוווּסט דערפילט אַ שייכות צווישן זיך און די אַלטע לייט, און אין דער פינסטער געגומען אַרויפוואַרפן אויף זיך די מלבושים, ווי ס'וואָלט געווען אַ פייער אין הויז. שטילער-הייט, מען זאָל אים נישט באַמערקן, איז ער אַראָפּ פון די טרעפּ זיך אַרויסגעגנבעט, און אַז ער איז שוין געווען אויף דער גאַס, אַריינגע-עטעמט פולע לונגען מיט קאַלטער לופט, האָט ער זיך אויסגעטשוכעט, ווי נאָך אַ שלעכטן חלום.

עס איז נאָך געווען טונקל. די גאַסן זענען כמעט געווען ליידיק. איטאַליענער, לייכט אָנגעטון, זענען געווען צעוואָרפן איבער דער לענג פון דער גאַס, געאַרבעט מיט שפּאַדלעס און געלייגט דעם שניי אין

קופּעס. אַ טראַם מיט אַ באַרשט, וואָס האָט פאַרנומען איבער אַ האַלבע גאַס, האָט געריייניקט פון די שינעס דעם שניי, אָנגעפילט די לופט מיט שנייעלעך, ווי מיט אַ דראָבנעם קאַלטן רעגן, און יעדעס מאָל, ווען אַביסל שניי האָט איבערגעהאַקט דעם עלעקטרישן ראָד, האָבן פייערלעך זיך געצונדן, געבלענדט די אויגן און געקנאַקט, ווי מען וואָלט אויף זיי געשאָסן זאַלץ.

גרין האָט קיין זאַך נישט געזען, געגאַנגען גיך, ווי ער וואָלט געדאַרפט ערגעץ קומען אין אַ באַשטימטע צייט און געטראַכט, אַז צו שרייבן אין ניו-יאָרק יידיש איז פונקט אַזוי ווי צו זיצן אַן עלנטער אין מושב זקנים און זיין איבערצייגט, אַז ווען די מענטשן וואָלטן געלעבט לויט פוריעס תורה, וואָלטן קיין צרות נישט געווען אויף דער וועלט. הינקט דען נישט יעדע תורה אונטער? זיינע חברים שרייבער, דוקא די הייליקע צווישן זיי, די באַגרינדער פון „יידישיזם", די וואָס האָבן תמיד און זינען ד י א י י ב י ק י י ט, שרייבן אָן אויסנאַם דעם ערגסטן יידיש, און זייערע קינדער, ווי אויף צולהכעיס, רעדן שוין אינגאַנצן קיין יידיש נישט.

– האַללאָו, גרין, – האָט אַן עלטערער מאַן אויף אים אַרויפגעלייגט אַ האַנט, – פון וואַנען שלעפט איר זיך אַזוי פרי?

– האַללאָו, מיסטער סולצער. – האָט גרין באַגריסט זיינעם אַ געוועזענעם רעדאַקטאָר און ס'איז אים אויפן אָרט איינגעפאַלן, אַז ער מוז ביי אים נעמען אַן אַוואַנס.

– וואָס זעט מען אייך נישט? – האָט דער רעדאַקטאָר אים גענומען אונטערן אָרעם. – איר האָט אויפגעהערט שרייבן?

– וואָס פאַלט אייך איין, – האָט גרין זיך עטוואָס פאַרלוירן – כ'האָב גראַדע ליגן אַ סעריע לידער, כ'דאַרף זיי נאָר איבערשרייבן.

– נו, נו? ברענגט זיי אַריין. אַז איר ווילט קאָן איך אייך געבן אַן אַוואַנס, איר ווייסט דאָך, אַז ביי מיר שפּילט געלט קיין ראָלע נישט.

– גיט אַ צענערל.

– גוט, – האָט ער אַרויסגעשלעפּט אַ פּאַק מיט פּאַפּיר-געלט – נו, זעט, כ'זאָל היינט די לידער אומבאַדינגט האָבן. זאָגט איר מיר צו?

– איר ווייסט, אַז כ'בין אַ וואָרטמאַן.

אַז דער רעדאַקטאָר איז פאַרשווּנדן, האָט גרין צעעפנט די האַנט, באַטראַכט דאָס צענערל און זיך דערמאָנט, אַז ס'הונגערט אים. ער איז אַריין אין דער ערשטער בעקריי, אויסגעטרונקען צוויי גלעזער קאַווע, געשלונגען פרישע זעמל און דערפילט אַ מידקייט אין גאַנצן קערפּער. ער האָט זיך געשלעפּט אַהיים. די באַלעבאָסטע האָט אים באַגעגנט מיט אַ זויערן פּנים, זיך געקליבן אויסצושיסן, נאָר אַז זי האָט דערזען, ווי גרין טראָגט איר אונטער געלט, האָט זיך ס'פּנים ביי איר גלייך געביטן, און זי איז געוואָרן ריידעוודיק:

— שיין נחת האָב איך פון אייך, מיסטער גרין.

— וואָס איז ?

— ווו זענט איר דאָס געווען אַ גאַנצע נאַכט ? — האָט זי אַ קוועטש געטון מיט אַן אויג און צווײדײטיק געשמייכלט.

גרין איז געווען גוט אויפגעלייגט, וואָס ער האָט באַצאָלט דירה־געלט, האָט זיך נישט צוגעהערט, וואָס מען האָט גערעדט צו אים, בלויז געפילט ווי אַ שווערער עול איז אים אַראָפּ פון די פּלייצעס. אַ צופרידענער האָט ער זיך צוגעשפּאַרט און איז באַלד איינגעשלאָפן.

אַ באַוואַקסענער, אַ גרויער, איז ער געזעסן אין מיטן ים אין אַ גלעזערנעם פּאַלאַץ. מחנות אויסגעהונגערטע מענטשן זענען אָנגעשוואומען מיט יעדן וואַל, זיך געריסן מיט פאַרשוימטע מיילער צו אים, אים געוואָלט איינשלינגען. ער איז זיך געזעסן אַ רויקער, געשריבן איין ליד נאָכן צווייטן, געווען זיכער, אַז ער מאַכט גליקלעך די וועלט און יעדעס מאָל, ווען די קולות פון די אויסגעהונגערטע זענען געוואָרן אומערטרעגלעך, האָט ער זיי געוואָרפן אַ ליד, און זיי האָבן זיך באַרויקט.

עס האָט זיך דערהערט אַ קלונג. גרין האָט אַ צאַפּל געטון דערפילט אויף זיך אַן אומגעהויערע משא און אַזוי געליטן, וואָס ער קאָן נישט גיין עפענען די טיר, אַז ער האָט אַזש געוויינט. די טיר האָט זיך געעפנט, און מאַדאַם בליאַש איז שטיל אַריין.

— גרין, וואָס איז מיט אייך ? וואָס זיצט איר עפּעס אין דער פינסטער ? קומט, ס'איז זייער אַ שיינע נאַכט, מיר וועלן זיך דורכגיין.

זי האָט אים אַרומגענומען.

— טשעפּעט זיך אָפּ פון מיר ! — האָט גרין זיך אַ ריס געטון פון אירע הענט. — אומגליק מיינס, אַרויס, אַרויס פון דאַנען !

— משוגע. — האָט מאַדאַם בליאַש אַ דערשראָקענע געשעפּטשעט און זיך גענומען רוקן צו דער טיר.

גרין האָט דערפילט ווי אַ פּאָר אויגן שטעכן אין קאַרק, זיך אויפגעכאַפּט, און געזען ווי זיין באַלעבאָסטע שלעפּט אַ ניי-מאַשין מיט אַזאַ גרילצן, ווי מען וואָלט געקראַצט בלעכענע טעפּ מיט מעסערס.

— כ'האָב אייך אויפגעוועקט? — האָט די באַלעבאָסטע געשמייכלט.

גרין האָט נישט געענטפערט, זיך צעגענעצט, אַ מידער אַראָפּ פון בעטל, נישט געוווסט, צי ס'האָט אים געחלומט, צי ס'האָט טאַקע מיט אים עפּעס פּאַסירט און איז אַריין צו דער באַלעבאָסטע:

— ס'האָט דאָ קיינער נישט געפרעגט אויף מיר?

— אַזוי פרי ערוואַרט איר שוין געסט?

— מ'האָט דאַכט זיך געקלונגען?

— דאָס איז געווען דער מילך-מאַן.

ער האָט געשפּרייזט אַ לענגערע צייט איבערן צימער, זיך בשום אופן נישט געקאָנט דערמאָנען דעם גאַנצן חלום, געטראַכט, אַז מען דאַרף זיך נעמען אין דער האַנט אַריין, אַ ביסל מער גלויבן אין זיך, גענוג זיך געחקרענט, גענוג געשנורעוועט דעם מוח מיט רצועות, ווי אַ כינעזערין דעם פוס, און פון דעם שנורעווען איז דער מוח געוואָרן טעמפּער, בלויז געקריגן הינער-אויגן. ס'האָט אים הנאה געטון, וואָס ער האָט כאָטש אין חלום פאַרטריבן מאַדאַם בליאַש, און זיך אַוועקגעזעצט שרייבן. ער האָט געמעקט איין שורה נאָך דער צווייטער, געריסן ס'פּאַפּיר, ווידער אָנגעהויבן, ווידער געריסן און אינגאַנצן געציטערט. דאַכט זיך נעכטן נאָך איז גענוג געווען, ער זאָל זיך אַוועקזעצן, אַ קנייטש טון דעם שטערן, כאַפּן אַ באַרג מיט ווערטער, זיי אַ שליידער טון, באַלאַנסירן, אַז קיין איינציק וואָרט זאָל נישט פאַרבייַ די פינגער, און שורות, ווי לעבעדיקע מענטשן, האָבן זיי זיך אַוועקגעשטעלט פאַר זיינע אויגן, און איצט, ווי מען וואָלט אים עפּעס אָפּגעטון, זיצט ער אַן אומבאַהאָלפענער, שוויצט, און די הענט הויבן זיך נישט.

אַ דענערווירטער האָט ער אַ וואָרף געטון די פעדער און איז אַרויס פון שטוב. ער איז געגאַנגען אָן אַ ציל פון איין גאַס אין דער צווייטער, יעדע זאַך באַטראַכט, ווי ער וואָלט נעכטן אַריבערגעקומען אַ „גרינער", געלייענט די שילדן, באַוואונדערט די שורות הייזער, וואָס האָבן זיך

געריסן אין הימל אַריין. ס׳ערשטע מאָל אין יאָרן האָט ער דערפילט דעם ריטם פונם רוישנדיקן ניו־יאָרק, נישט פאַרשטאַנען, ווי מענטשן קענען לעבן אויפן דאָרף, אין וואַלד, ווו אַלץ איז שטיל און פאַרגליווערט, זיך איינגעהערט ווי דער ווינט האָט געשניטן און געפייפט, זיך, דאַכט זיך, געוואָלט איינבייסן אין די שאַרפע קאַנטן פון די הייזער, געבויט ווי אַ דריי־עק. ער איז זיכער געווען, אַז די שורות ריזן, וואָס האָבן זיך געריסן אין די וואָלקנס, אָבן זיך דורכגערעדט אויף זייער לשון. די שפּראַך איז אים נישט געווען פרעמד, כאָטש ער האָט גאָרנישט פאַרשטאַנען, בלויז געפילט, אַז דאָ אין דעם טומל איז זיין פלאַץ, ער דאַרף זיך נאָר צונויפגיסן מיט די צוויי שטראָמען מענטשן, וואָס ציען זיך פון ביידע זייטן גאַס.

אַ באַקאַנט פּנים האָט זיך אים געוואָרפן אין די אויגן. ער איז פאַר־בייגעגאַנגען, זיך נישט געקאָנט באַפרייען און זיך צוריק אומגעקערט.

פרידקין, אַ פאַרעלטערטער, אַ באַוואַקסענער, מיט אַן אָפן מויל אָן ציין, מיט אַ דיקן שירעם אונטערן אָרעם, האָט זיך געשלעפּט אין מיטן גאַס. נעבן אים האָט זיך געוואַקלט שושנה אין די הויכע מאַנאַטן. דער לויזער צעקנעפּלטער מאַנטל אָפן, ווו אַ פאַרפלעקט, צעקנייטשט זיידן קלייד, ווי זי וואָלט געשלאָפן אין אים, האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן.

ביידע, צעקנייטשטע, צעקרימטע, האָבן זיך געשלעפּט פאַריתומטע איבער דער ליידיקער גאַס, ווי דער שטראָם פון מענטשן, וואָס האָט זיך געצויגן פון ביידע זייטן טראָטואַר, וואָלט זיי אויסגעשפּיגן.

— דאַכט זיך אַ באַקאַנטער? — האָט גרין אָפּגעשטעלט פרידקינען.

— מיסטער גרין! — האָט פרידקין פון שמחה צעשפּרייט די הענט, אַרויסגעלאָזט דעם שירעם, זיך אַ בויג געטון נאָך אים, און אינגאַנצן האָט ער דערמאָנט אַ שפּין. — איר קענט גאָר נישט מיסעס פרידקין? באַקענט אייך — מיסטער גרין, מיין פרוי...

— איר האָט זיך פאַר דער קורצער צייט, וואָס איך האָב אייך נישט געזען, זייער געעלטערט. — האָט גרין אים באַטראַכט פון קאָפּ ביז פיס.

— הערסט, שושנה, — האָט פרידקין זי אַ שטופּ געטון מיטן קעפּל פון שירעם — ווען ער זעט מיך מיט צוויי חדשים צוריק, וואָלט ער עס נישט געזאָגט — און זיך געווענדט צו גרינען —

אַז כ׳דאַרף דאַנקען גאָט, וואָס כ׳האָב זיך אַזוי אַרויסגעדרייט!
– וואָס, איר זענט קראַנק געווען?
– איר ווייסט טאַקע גאָרנישט? ע...
גרין האָט אַ צוק געטון מיט די אַקסלען אויף גיין.
– זיי האָבן דאָך מיך שיר נישט דערהרגעט, די העברייער!
– וואָס פאַרע העברייער?
– ער ווייס טאַקע נישט! – האָט פרידקין אַ שטופ געטון וואָס ווייב און געמאַכט בשעת-מעשה אַזאַ מינע, ווי גרין וואָלט נישט געווּסט, אַז ער געפינט זיך אין ניו-יאָרק. – אַז אין דער „מחזיקי״ איז געווען אַ שטרייק ווייסט איר? האָבן די ארץ-ישראל יידן אָנגעשטעלט אַ „גענגסטער״ און מען האָט מיך צעשלאָגן. וואָס זאָל איך אייך זאָגן, ווען נישט זי. — ער האָט אָנגעווייזן אויף שושנהן מיטן שירעם – וואָלט געווען „גוד-באַי״ פרידקין!
– וואָס האָבן זיי געהאַט צו אייך?
– אַז דער פרעזידענט איז צו מיר צוגעשטאַנען, צוגעזאָגט כּלע גליקן, האָב איך אים געקאָנט מעיז-פּנים זיין, כ׳פרעג אייך?
– האָט איר געלערנט?
– האָבן זיי געשריען, אַז כ׳„סקעב״!
– איך האָב אָבער געטענהט, – האָט שושנה זיך אָנגערופן – אַלע שטרייקן, שטרייק אויך!
– כ׳בעט דיך, שושנה, – האָט פרידקין זיך אָנגעבלאָזן – אַז איך רעד, האַק מיר נישט איבער!
– אָל-רייט, רעד דו. – האָט זי זיך פאַרלוירן פאַר גרינען, דערפילט אויף זיך זיין בליק און אינסטינקטיוו זיך גענומען טאַפּן מיט די פינגער, צי איר זיידן קלייד איז נישט אויפגעקנעפּלט פון פאָרנט.
– איר לערנט נאָך אַלץ אין דער „מחזיקי״?
– ווער לערנט? – האָט פרידקין זיך אַ קנייטש געטון און געוויזן אויפן האַרצן. – שוואַך, כ׳קאָן מער קיין קלאַס נישט האַלטן, שפּיי אַ ביסל אונטער מיט בלוט, – האָט ער קרענקלעך אַ שמייכל געטון, ווי ער וואָלט דערמיט געוואָרן חשובער – ווי איר זעט איז פון פרידקינען אַ שיינער לייט געוואָרן!
– און פון וואָס ציט מען חיונה?

— איז טאַקע שלעכט, מען מאַטערט זיך. דערווייל בין איך קאָלעקטאָר אין דער „מחזיקי", שאַף נייע מיטגלידער, נעם אָן אַ בר־מצוה, מען שטופּט זיך ווי ס'איז דורך. איך, דאַרפט איר וויסן, בין דאָך נישט דער שמש, וואָס איז ביז אַהער געגאַנגען קאָלעקטן. די גאַנצע נאַכבאַרשאַפט דאָ אַרום קען מיך און אַז כ'שטיי צו איינעם צו, קאָן ער מיר נישט אָפּזאָגן, ווערט אַ מיטגליד. איז ווי איר זעט, וואָלט געווען צו דערליידן, איז אַן אַנדער צרה. צייט כ'בין אויפגעשטאַנען פון בעט, האָב איך געקריגן אַ טבע צו חלשן, און מיינע, — האָט ער געוויזן אויפן ווייב — איז אין אַנדערע אומשטענדן, קאָן זיך נישט אומעטום מיטשלעפּן. נאָר ווען נישט זי, ווייסט איין גאָט, וואָס כ'וואָלט געטון?

— הייסט עס, מען קומט דורך?

— אויפן פּרעזידענט געזאָגט! — האָט פרידקין זיך צעהוסט, רויט געוואָרן, אויסגעשפּיגן אין אַ טיכל אַריין און אַ צופרידענער עס אונטערגעטראָגן גרינען — ר'זעט?

גרין האָט זיך געזעגנט, גענומען פרידקינס אַדרעס און געהערט, ווי זיי שרייען אים נאָך:

— קומט צו אונז אַריבער אַ פרייטיק אויף פיש!

— זייט נישט קיין גאַסט!

ער איז כמעט געלאָפן, נישט געקאָנט צונויפנעמען די געדאַנקען און געטראַכט, אַז מען דאַרף זיך אַרויסרייסן פון דער סביבה. ער האָט זיך דערמאָנט אָן דער סצענע ביים פּרעזידענט, אַז פּוילישע האָבן ליב זיסע פיש, געשמייכלט, געזען פאַר זיך דעם פּרעזידענטס עסצימער, אָפּגעגאָסן מיט עלעקטרישע ליכט, אויפן טיש זענען צעשטעלט הייסע, דורכזיכטיקע גלעזער טיי, האָט אים אָנגעהויבן צו קלאַפּן אַ צאָן אָן אַ צאָן, און אַלץ אין אים האָט געגאַרט נאָך אַ וואַרעמע שטוב, נאָך אַ הייסע גלאָז טיי. ס'האָט זיך אים אַליין נישט געגלויבט, אַז ער איז אַמאָל געווען נאָענט מיט בעסין, אַז זי פלעגט צו אים קומען, אַריינלאָזן אירע קליינע הענט אין זיינע קוטשמעס האָר, און אַן אָנגענעמער, פרישער ריח, איר ריח, האָט זיך אָנגעהויבן וועבן אַרום אים. דער שמייכל איז געשטאַנען פאַר די אויגן, און קלייניקייטן האָבן אים אַזוי פאַרוויגט, אַז ער האָט זיך באַלד נישט געכאַפּט, דאָס ער שטייט ביים פּרעזידענטס הויז. ער איז אַרויף אויף אַ פאַרבייגייער, זיך נישט אַנטשול-

דיקט, זיך געכאַפּט, ווי ער שטייט, און אינסטינקטיוו באַטראַכט זיין הילוך. ער איז געווען זיכער, אַז ער דאַרף נאָר וועלן, איז בעסי צוריק זיינע, ער האָט זי אַליין אַרויסגעלאָזט פון די הענט, איבער־געגעבן דעם נאַרישן ליפשיצן, און איצט שטייט ער אונטער איר פענסטער מיט אַ פאַרריסענעם קאָפּ, ווי אַ פאַרבענקטער טרובאַדור, און אין האַרצן שפּינט זיך אַ סערענאַדע.

ער האָט אויפגעציטערט — בעסי איז אַראָפּ פון די טרעפּלעך, זיך געלאָזט מיטן טראָטואַר. דער געלער פוקס אַרום איר האַלז האָט זיך נאַכלעסיק גערוקט איבער די אַקסלען, איר צוגעגעבן אַ וואַרעמ־קייט. ער איז איר נאָכגעגאַנגען, געהאַט טויזנטער פּלענער, ווי זי צוריקצוקריגן און פאָרט נישט דרייסט געווען אונטערצוגיין. ער איז אויסגעוואַקסן נעבן איר און זיך פאַרנויגט.

— אָ, — האָט בעסי זיך איבערגעשראָקן, אים אָנגעקוקט און זיך צעשמייכלט — וואָס זעט מען אייך נישט, מיסטער גרין? וואָס מאַכט איר?

— כ׳האָב זיך פאַרבענקט נאָך אייך.

— מיט אַן אמת?

— כ׳שטיי דאָ פון פאַרטאָג אָן.

— ס׳טוט מיר מיט אַן אמת לייד, — האָט בעסי זיך פאַרלוירן — ווען כ׳וואָלט געוווסט, וואָלט איך אייך אַזוי לאַנג נישט געלאָזט וואַרטן.

— ווו גייט איר איצט? — האָט ער זי גענומען אונטערן אָרעם.

— כ׳בין זייער פאַרנומען.

— כ׳שטער אייך?

— אין קעגנטייל, כ׳וועל זיין זייער צופרידן, איר זאָלט מיך צופירן.

— וואָס איז מיט אייך געוואָרן, בעסי?

— וואָס מיינט איר?

— וואָס האָט איר זיך אַזוי דערווייטערט פון מיר?

זי האָט גאָרנישט געענטפערט און זיך געוווּנדערט, ווי אָפּגעריסן ער גייט.

— אַז ליפשיץ זעט מיך אויף איין זייט טראָטואַר, גייט ער

איבער אויף דער צווייטער. פאַרוואָס מיידט ער מיך אויס ? — איז גרינען וואַרעם געוואָרן, געפילט אַז ער הויבט אָן צו רעדן נאַרעש־קייטן.

— כ׳העד עס רשט איצט.

— דערפאַר, וואָס כ׳האָב אים געמאַכט פאַר אַ פּאָעט ? — האָט גרין פאַרביסן אַ ליפּ, ווי ער וואָלט געוואָלט צוריקכאַפּן די ווערטער.

— איר האָט אים געמאַכט פאַר אַ פּאָעט ?

— און אַז כ׳וועל אייך פאַרטרויען, דאָס ליפּשיץ האָט קיין איין ליד נישט אָנגעשריבן׳ — האָט גרין גאַליק געשמייכלט — וואָס וועט איר דעמאָלט זאָגן ?

— וואָס ?

— ליפּשיץ האָט פאַר געלט ביי מיר געקויפט די לידער, דאָס זענען מיינע לידער, מ י י נ ע. — האָט גרין זיך אַ קלאַפּ געטון מיטן פויסט אין האַרץ אַריין.

— איר זענט נישט קיין פאַרגינער ! — האָט בעסי פון אויפרע־גונג געשפּריצט דורך דער פאַרשאַרצטער ליפּ. — גייט אַוועק כ׳וויל אייך מער נישט קענען ! איר זענט אַ מיאוסער מענטש !

גרין איז געבליבן שטיין אַ צעטומלטער, גאַליק געשמייכלט, גע־זען, ווי בעסי פאַרשווינדט, און זיך צעלאַכט צום ערשט שטיל, דער־נאָך העכער, אַז פאַרבייגייער האָבן זיך אָפּגעשטעלט קוקן. הענט און פיס האָבן ביי אים אָנגעהויבן ציטערן, פאַרוואָס ער האָט זי אָפּגע־לאָזט מיט גאָרנישט, געדאַרפט אָנכאַפּן פאַרן קאָפּ, אַרומוויקלען די האָר אַרום דער האַנט, שליידערן קאָפּ אָן וואַנט.

ער האָט זיך געלאָזט נאָך בעסין, געקוקט אין אַלע זייטן, זי מער נישט געזען. פון געוווינהייט זיך אַ טאַפּ געטון ביי דער וועסטל־קעשענע און אַרויסגענומען זיין שוואַרצן זייגער. ער האָט אַ קוק געטון אויפן ציפערבלאַט, נישט געזען ווי שפּעט ס׳איז. פאַר די אויגן האָט זיך געצויגן אַן אַספאַלט־גאַס אויף מיילן, און דער זייגער איז גע־ווען אַזוי דין, אַזוי קיילעכדיק דין, האָט ער אים פעסטער איינגע־קוועטשט צווישן די פינגער, געוועט איבערצייגט, אַז דער זייגער וועט זיך נישט אויפהערן קייקלן איבערן אַספאַלט און אים אַ שליי־דער געטון וואָס כוח נאָר. ער האָט זיך צוגעזעצט אויף אַ טרעפּל,

איינגעראַמט דעם קאָפּ אין די הענט און פאַרמאַכט די אויגן.

ווייסע פּערלמוטערנע בערג האָבן זיך געפאַלדעוועט, אויסגעוואַקסן, זיך צונויפגעגאָסן אין דער פאָרם פון אַ וואַסערדיק געשטאַלט און מיט אַ קראַך זיך צעבראָקלט אין מיליאָנען זילבער-שטערן.

ער האָט געפילט, ווי ער ווערט העכער, גלייכט זיך אויס מיט די שוימיקע וואַסער-בערג און איז בכוח אַ ניי לעבן צו שאַפן.

אין איין רגע איז פאַר אים דורך די „היבראָו", ווי אַ פאַרזעעניש, און פון דעם פאַרזעעניש האָבן זיך געגומען אַרויסשיילן פרידקינס, פרידקינדלעך, זיך צעשטעלט אין שורות, פינסטער געמאַכט די גאַס. ער האָט באַשלאָסן אויסרייסן דאָס פאַרזעעניש מיטן וואָרצל, מעג עס אַפילו פאַרגיין אין בלוט, עס פונאַנדערפלעכטן און אַ שליידער טון עס אַלעמען פאַר די אויגן. וועט דער עולם דאָס זיך צעלויפן, זיך האַלטן פאַר די נעז, האַ, האַ, האַ! נישט גלויבן, אַז דאָס פאַרזעעניש האָט ער נאָרוואָס אַראָפּגענומען פון זייערע פּלייצעס! און די „סמערדיאַקאָווולעך" וואָס טראָגן אָניצעס מיט שטרוי אין די צעיוירענע שיך, זיי וועלן דאָס אָנפאַלן — ס'טייטש? אַזאַ הפקרות! אַזאַ הפקרות!

— מיסטער — איז די „דזשעניטערין" מיט אַ בעזים אין דער האַנט אַרויס אויפן טרעפּל און גרינגען אַ שאָקל געטון פאַר אַן אַקסל — דאָ איז קיין פּלאַץ נישט צו זיצן, פּליעז.

ער האָט זיך אַ כאַפּ געטון, געזען פאַר זיך אַ נאַסע אַספאַלט-גאַס, וואָס האָט אויסגעזען, ווי אַ שטייענדיק וואַסער, זיך איינגעקאָרטשעט און טרייסלענדיק זיך אַוועקגעשלעפּט.

---

ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין

# די ווערק פון י. אָפּאַטאָשו

אין צען בענדער:

אַ ראָמאַן פון אַ פערד־גנב (נאָוועלן)

אונטערוועלט (נאָוועלן)

היברו, (ראָמאַן)

אַליין (ראָמאַן)

לינטשעריי (נאָוועלן)

אין פוילישע וועלדער (ראָמאַן)

1863, 2טער טייל פון דער טרילאָגיע „אין פוילישע וועלדער" (ראָמאַן)

אַרום די חורבות (נאָוועלן)

אויף זייטיקע וועגן (נאָוועלן)

ביאַנקע (נאָוועלן)

די טענצערין (ראָמאַן)